STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11380

SHRIFTEN

Moishe Teitsh

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה טייטש.

שריפטען

1־טער באַנד.

פערלאַג
וועלט־ביבליאטעק

ווארשא
תר"ע.

Соч. М. ТАЙЧА.

Тип. и Лит. Х. Кельтера, ул. Поволнье № 11, въ Варшавѣ.

אינהאלט:

פון ערשטען בוך:

1) דער אײזקאַלטער
2) די שנעע-רויז
3) איבער די הויכע ווייסע דעכער
4) דער פערשטויסענער
5) ביים שייד-וועג
6) ווען די בלומען וועלקען
7) די אויסדערוועהלטע
8) דאָס וואונדער-קינד
9) וואַנדערענדע פויגעל
10) פרייגעפלויגען

דער אייז קאלטער.

אז זי האט זיך איבערצייגט, דאס ער געהמט קיינמאל ניט אין אכט ניט איהרע שווארצע בלישטשענדיגע אויגען, ניט איהרע מארמארנע, אזוי ווי אויסגעטאקטע פון א קינסטלער האלב-נאקעטע הענד, האט זי איהם איינמאל אבגעשטעלט אויפ'ן ראג פון צוויי רוישענדע גאסען, און זי האט צו איהם געזאגט:

— בלאסער מאן, דיין לייב איז אזוי מאגער, דיינע אויגען ברענען, און די קליידער זענען אויף דיר צוריסען... איך ליעב דיך, אזוי ווי מיין לעבען. נעם מיך מיט זיך אין דיין וואהנונג — איך וועל זיין פאר דיר א דיענסט.

— שענעס קינד — האט ער איהר א ברען געטהון מיט די אויגען — מיין וואהנונג איז צו הויך פאר דיר... עס פיהרען צו איהם הונדערטער טרעפ... דאס קעפעלע דיינס וועט אנהויבען שווינדלען, די פיסעלעך וועה טהון... וואס וועל איך טהון מיט דיר אין דער הויך?

— בלאסער מאן, דיין וואהנונג מעג זיין אונטער די וואל־קען. איך בין גרייט דיר נאכצוגעהן... און ווען מיר די פיס אנהויבען וועה טהון, וועל איך דיר נאכגעהן אויף די הענד; איך וויל וואהנען מיט דיר אין דער הויך.

— שענעס קינד, מיין צימער איז קליין, און קיין ארדנונג איז אין איהם ניטא... איך האב דארט א פולען הימעל און ווייניג ברויט... און עס דערגרייכט נישט אהין דער גערויש פון די רעדער, דאס געטומעל פונ'ם האנדעל, און די מענשען זעהען אויס פון אונטען, ווי קארליקעס, און די הייזער, ווי טורמעס.

— בלאַסער מאַן, איך וויל וואָהנען מיט דיר אין דער הויך, עס מעג מיר קאָסטען דאָס לעבען.

און דערויף האָט איהר דער בלאַסער מיט די ברענענדיגע אויגען געענטפערט:

— אויב דײַן חשק איז אַזוי גרויס, ערלויב איך דיר צו געהן נאָך מיר.

אַרום האָבען זיך געזעהען נאָר דעכער פון אונטען און הימעל פון אויבען — גאַנצע שטיקער בלאָהע הימעל זענען געהאַנגען, ווי יריעות, און ווײַטער איז געוועזען אַ תהו ובהו. און דער בלאַסער מאַן איז געזעסען בײַ זײַן טיש, האָט געהאַלטען אַ פעדער צווישען די פינגער, דער קאָפּ איז געווען אָנגעשפּאַרט אויף דער האַנד, און די אויגען זײַנע האָבען געברענט... און זי, די שענע, די לײַדענדע איז געשטאַנען פון דער ווײַטען און האָט זיך צוגעהערט צו זײַן קלענסטען פערלאַנג, צו זײַן קלענסטען ריהר. און זי האָט איהם גאַנץ געמאַכט זײַנע קלײַדער, און האָט איהם אויסגעקושט זײַנע ברענענדיגע אויגען. און ער איז אַלץ געזעסען און האָט אַלץ געשריבען, און דאָס אויפגעשריבענע פלעגט זי אַראָבטראָגען אונטען, צו די מענשען, און פלעגט עס דאָרט אויסבײַטען אויף ברויט מיט צוקער, און זי פלעגט איהם דעקען דעם טיש דערמיט.

און אונטען האָט זיך זײַן נאָמען געטראָגען איבער אַ סך שטעדט און מלוכות. ער האָט אָבער ניט געוואוסט פון דעם, אָדער ער האָט ניט געוואָלט וויסען דערפון...

און אַז עס איז געקומען דער הערבסט, און דער קלאָרער הימעל איז פערצויגען געוואָרען מיט ווייסע וואָלקענס, און אַ רעגענטראָפּ האָט גענומען קאַפּען, האָט איהר אין האַרצען גענומען נאָגען, און זי האָט געזאָגט צו איהר געליבטען:

— וואו איז אונזער הימעל אַהינגעקומען? איך זעה מעהר ניט גראָהע וואָלקען אַרום.

— איך טראָג מײַן הימעל אין קאָפּ — האָט ער איהר געענטפערט.

— און איך וויל איהם טראָגען אין האַרצען — האָבען קוים איהרע ליפּען געשעפּטשעט.

ער האט איהר אבער ווייטער שוין נישט אויסגעהערט, און האט איהר ניט פערשטאנען.

האט זי אבגעשווינגען דעם גאנצען הערבסט.

און אז עס איז געקומען דער ווינטער, און זי האט אנגעהויבען פריערען, האט זי איהם איינמאל אין א פראסטיגע אויסגעשטערענטע נאכט געזאגט:

— עס איז מיר קאלט... איך פערפריער באלד...

און עס האט זיך געהערט, ווי עס קלאפען איהרע צייהן פאר קעלט.

האט ער איהר דאמאלס געענטפערט אין דער פראסטיגער אויסגעשטערענטער נאכט:

— דו קלאפסט מיט די צייהן, און דו שטערסט מיר אין דער ארבייט. און מיין ארבייט איז א גרויסע און א וויכטיגע: איך קלייב צונויף אויפ'ן פאפיער די גאלדענע שטערען פונ'ם פראסטיגען אויסגעשטערענטען הימעל פאר די צוקונפטיגע דורות.

האט זי פערקוועטשט די צייהן און פערביסען די ליפען, זי זאל איהם מיט קיין איין שארך אין זיין ארבייט ניט שטערען. און זי האט איהם דאמאלס ניט פיינד געהאט אין איהר הארצען — אדרבא... די ליעבע האט זיך געשטארקט אין איהר וואס פון טאג.

אין דעם שפעטערדיגען פריהלינג האט זי אבגעלעבט, ווי א פויגעלע, און האט זיך פאנאנדערגעלאזען, אזוי ווי א בלום.

אין איינעם פון די שענע ליעבליכע פארנאכטען האט זי איהם איהר סוד פערטרויט:

— מיין ליעבסטער, דער פריהלינג שפיגעלט זיך אין דער לופטען, אזוי ווי א לויטערער קוואל, און מיין הארץ רייסט זיך פון די ברעגעס, אזוי ווי דאס טייכעלע אין טאל: איך וויל האבען פון דיר א קינד...

און ער האט איהר געענטפערט:

— גוטע און געטרייע, די ליידען פון א געווינערין זענען זעהר גרויס. דו וועסט שרייען פון וועהטאג און וועסט מיך טומלען אין מיין ארבייט, און וועסט טהון א רעה דער וועלט...

האט זי געזאגט:

— אז די וועהטאגען וועלען זיין גרויס, וועל איך פערבייסען די ליפען, און וועל ניט ארויסלאזען קיין זיפץ, און וועל דיך

אין דײַן אַרבײַט ניט שטערען... איך וויל האָבען פון דיר אַ קינד.

און זי האָט געהאַט פון איהם אַ קינד.

עס זענען אַריבער וואָכען און מאָנאַטען, און דאַמאָלס האָט זי זיך נאָך אַמאָל צו איהם געווענדעט:

— מײַן ליעבער, איך ווײס נאָך ביז הײַנט ניט דײַן נאָמען, און איך ווײס ניט, ווער דו ביזט... איך פיהל נור, דו ביזט גרויס. איך וויל וויסען, וואָס איך זאָל זאָגען מײַן זון, אז ער וועט אויסוואַקסען און וועט מיך פרעגען, ווער זײַן טאַטע איז געוועזען.

— מײַן אַלטען נאָמען האָב איך פערגעסען... אז איך האָב נאָך אַרומגעבלאָנקעט אין די מדבריות פון דער וועלט, האָב איך איהם פערלאָרען.. און מײַן נײַער נאָמען וועט זײַן פאַר דיר פרעמד, און וועט דײַן הארצען גאָר נישט זאָגען.

— און דאָך וויל איך וויסען דײַן נאָמען... די גאַנצע וועלט ווײסט דײַן נאָמען, נאָר איך אײנע — די מאַמע פון אונזער קינד, ווײסט איהם נישט.

— מײַן נאָמען איז—דער אײַזקאַלטער. עס האָט דיך אַ שוידער געטהון? דו שוואַכע פרוי...

— איך וועל מיך שטאַרקען... איך וועל מיך שטאַרקען...

און גאַנצע מאָנאַטען האָט זי זיך געשטאַרקט, אָבער איהרע קרעפטען זענען געוואָרען אַלץ קלענער, נאָר עפּעס פלעגט איהר אָפט שרעקען, און דאָס הארץ האָט אין איהר אָנגעהויבען פריערען, און וואָס פון טאָג איז דאָס שרעק אין איהר געוואָרען אַלץ גרעסער, און זי האָט זיך ווידער אָבגערופען צו דעם בלײַכען:

— מײַן בלאַסער מאַן, דײַן נאָמען קלינגט איבער אַ סך וועלטען, אַלע רעדען וועגען דיר און אַלע—האָב איך געהערט—וואונדערען זיך איבער דיר... לײענען מיר עטוואָס פון דעם, וואָס דו שרײַבסט פאַר דער וועלט.

און דער בלאַסער האָט איהר גענומען לײענען פון דעם אָרט, וואו ער האָט דאַמאָלס געהאַלטען.... און עס האָבען זיך געזעהען גרינגע לאַנקעס, זילבערנע טײַכען, פעלדער מיט צײַטיגע תבואות, און עס זענען געבליבען נאָר אײנציגע אויף דער וועלט, און די אײנציגע האָבען געוואָהנט אין דער הויך. און אַלע איבעריגע זענען געוועזען שקלאַפען, זײ האָבען געשניטען די תבואות און געמאָה-

לען דעם ווינט, און האָבען געשלונגען איטליכעס וואָרט פון די מענשען, וואָס האָבען געוואָהנט אין דער הויך"...

— דו, בלאַסער פאָטער פון מײַן קינד, איך פערשטעה דיך ניט... מיט וואָס בין איך ערגער פון די אַלע, וואָס וואָהנען דאָרט אונטען?

— די אונטערשטע פערשטעהען מיר אויך ניט—האָט דער אײַזקאַלטער געענטפערט און זײַן פנים איז געוואָרען נאָך בלאַסער, ווי עס איז געוועזען: — זיי זענען זיך נאָר טועה...

— פאַר וועמען זשע לעבסטו? האָט זי קוים די העזה געהאַט איהם צו פרעגען.

— פאַר די שפּעטערדיגע דורות, וואָס וועלען קומען...

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבען:

— שוואַכעס קינד, דו שטערסט מיר אין מײַן אַרבײַט מיט דײַנע פראַגען.

— נאָך איין פראַגע, מײַן הערשער, און איך וועל אַנט־שוויגען.

— פרעג, איך בין גרייט דיר צו ענטפערען.

— וואָס וועסטו טהון מיט מײַן קינד, ווען איך וועל שטאַר־בען?

און איהר קול האָט געציטערט.

אָבער זײַן קול האָט געקלונגען פעסט און ענטשלאָסען:

— איך וועל איהם טראָגען אונטען און וועל איהם דאָרט לאָזען... וועט ער האָבען קרעפטען גענוג, וועט ער זיך אַליין איפּהויבען אין דער הויך; אויב ניט—וועט ער בלײַבען צווישען די שקלאַפען.

זי איז געפאַלען אָהן כוחות אויף איהר בעטעל:

— אָ, דו ליעבער, דו אײַזקאַלטער!...

און איז אַרײַנגעפאַלען אין אַ שווערע קרענק. זי האָט פער־קוועטשט די ליפען און האָט קיין איין זיפץ ניט אַרויסגעלאָזט, זי זאָל איהם ניט שטערען אין זײַן אַרבײַט. און זי האָט דאָס קינד איהרס מיט איהרע קרענקליכע פערגיפטעטע מילך געזויגען און האָט איהם געשעפטשעט:

„די וועלט איז צו קאַלט פאַר דיר, מײַן עופ'עלע... קום מיט מיר".

און ביידע האָבען זיי אַרומגענומענערהייט די נשמות אַרויס־געהויכט. עס האָט זיך אַפּילו איין זיפץ ניט געהערט אין דער לופטען, נאָר אין די ווינקעלעך פון שטוב האָט געבלאָנדזשעט אַ קלאַנג, אַזוי ווי אַ פויגעלע וואָלט פון איהרע קאַלטע ליפּען אַראָב־געהויכט:

„אוי, דער אייזקאַלטער!"

און ער... ער איז געזעסען אָבגעקעהרט מיט'ן רוקען צו די טויטע, און האָט זיך געהיילט צו בעשרייבען פאַר די קומענדיגע וועלטען, ווי אַזוי עס שטאַרבען שוואַכע קינדער, וואָס אָטהעמען די לופט פון דער הויך...

די שנעע־רויז.

עס איז געוועזען א טונקעל־בלויער ווינטער־אָווענד. דער יונגער האָלצהעקער איז געזעסען אין זיין וואַלד־שטיבעל פאַר'ן פלאַקערענדען אויווען, און האָט פערחלומ'ט געקוקט אויף די רויט־פאַרביגע פייער־צונגען, און אין קאָפּ ביי איהם האָבען זיך געוועבט געדאַנקען, וואָס פלעגען פערשווינדען צוזאַמען מיט'ן רויך, און מיט די נייע פייער־צונגען פלעגען זיי ווידער ווערען געבוירען. און די געדאַנקען זיינע האָבען זיך געדרעהט אַרום זיין געליבטער, דעם וואַלד־וועכטערס טאָכטער, וואָס האָט געוואָהנט ביי איהר פאָטער אין צווייטען עק וואַלד. מאָרגען, האָט ער געטראַכט, וועט ער אויפשטעהן צוזאַמען מיט דער זון, וועט אַוועקטראָגען אין שטעדטעל אַ פּאַק האָלץ אויפ'ן מאַרק, און פאַר די געלעזטע געלד וועט ער קויפען פאַר איהר אַ מתנה — מאָרגען איז איהר געבורטס־טאָג.

א לייכטער קלאַפּ אין פענסטער'ל האָט איהם פלוצלונג פון די געדאַנקען אויפגעוועקט.

— ווער איז דאָרט? האָט ער פערוואונדערט געפרעגט: אַזוי שפּעט פלעגט קיינער זיין נעסט ניט בעזוכען: — אויב אַ גוטער מענש, דאַן איז אָפען דאָס טהירעל, און מיין שטיבעל איז פאַר אַלעמען פריי... קום אַריין און זיי אַ גאַסט.. ביים פלאַקערענדען אויווען וועסטו דיינע דורכגעפראָהרענע גליעדער דערוואַרעמען...

— ביים פלאַקערענדען אויווען! חאַ־האַ־חאַ!! — האָט ער שטאַט אַנ'ענטפער דערהערט אַ קלינגענדען געלעכטער, אַזוי ווי

עֶס וואָלט זיך פּלוצלונג פון עֶרגֶעץ אַ גאַנצֶער שפּרינגבּרונעֶן מיט קלאָרֶע זילבּעֶר־טעֶנעֶר אַרויסגעֶריסעֶן: — פײַעֶר איז מײַן עֶרגסטעֶר שׂונא... מײַן מלאך המות... נײַן. איך קעֶן דיך אין דײַן שטיבּעֶל ניט בּעֶזוכעֶן... איך בּין דיך צו אונז געֶקומעֶן רופעֶן... איך זעֶה, דו בּיזט אײַנזאַם, יונג און שעֶן — און פעֶרדאַרבּסט דײַן צײַט אין אומעֶט, די צײַט... די טײַעֶרעֶ צײַט, וואָס פעֶרשווינדט אַזוי שנעֶל, ווי... איך פון דעֶם עֶרשטעֶן פריהלינגס־שטראַהל.

— ווער זשעֶ בּיזטו אַזוינס, ווײַל איך וויסעֶן, וואָס דו פעֶר־שווינדסט פון דעֶם עֶרשטעֶן פריהלינגס־שטראַהל? — האָט עֶר אַ בּעֶצויבּעֶרטעֶר פון די העֶלעֶ געֶלעֶכטעֶר־קלאַנגעֶן געֶפרעֶגט.

— איך בּין אַ בּלום פון דעֶם ווײַסעֶן, ווײַכעֶן הימעֶל־שנעֶע אַנ'אַרויסגעֶשפּראָצטעֶר... מײַן נאָמעֶן איז — די שנעֶע־רויז... און קורץ איז מײַן לעֶבּעֶן... ניט מעֶהר ווי אײַן ווינטעֶר... דעֶר עֶר־שטעֶר שטראַהל פון דעֶר פריהלינגס־זון וועֶט מיך טויטעֶן... חי־הי־חי... טויטעֶן... טויטעֶן! אויפ'ן בּרײַטעֶן פעֶלד, וואו עֶס פליהעֶן אום די שנעֶלעֶך, ווי די שמעֶטעֶרלינגעֶן, הוליעֶן מיר — איך און מײַנעֶ שוועֶסטעֶר, און מיר בּאָדעֶן זיך אין דעֶם מילך־ווײַסעֶן ים פון דעֶר שנעֶע־זאַווירוכעֶ, און מיר פיהרעֶן אונזעֶרעֶ טעֶנץ אין די לאַנגעֶ מאָנדלאָזעֶ נעֶכט... חאַ־חאַ־חאַ... איך און מײַנעֶ יונגעֶרעֶ שוועֶסטעֶר... און דעֶר עֶרקעֶסטעֶר אונזעֶרעֶר איז דעֶר קאַלטעֶר־קאַלטעֶר שטורמזינגעֶנדעֶר צפון־ווינד... און ווער עֶס געֶהט אײַנמאָל צו אונז אַוועֶק, יעֶנעֶר קעֶהרט זיך שוין מעֶהר צום לעֶבּעֶן נישט אום... מיר פעֶרפיהרעֶן איהם, פעֶרפיהרעֶן איהם, פעֶרפיהרעֶן... חי־חי־חי! דו יונגעֶר האָלצהעֶקעֶר מיט דעֶם פעֶרחלומ'טעֶן בּליק.

און אַ ווינד האָט אַזוי ווי אַ ריעֶזיגעֶר פויגעֶל מיט זײַנעֶ פלי־געֶל איבּעֶר דעֶם שטיבּעֶל געֶגעֶבּעֶן אַ פאָך, אַזוי אַז דאָס שטיבּעֶל האָט זיך געֶגעֶבּעֶן אַ טרײַסעֶל, אַ צויבּעֶרליך שעֶן פרויעֶן־געֶשטאַלט האָט פאַר דעֶם האָלצהעֶקעֶרס אויגעֶן געֶגעֶבּעֶן אַ בּלײַץ — און בּאַלד איז אַלץ ווידעֶר פעֶרשוואונדעֶן.

דעֶר נײַגעֶבּאָרעֶנעֶר טאָג הויבּט אָן פאַנאַנדעֶרצועֶפעֶנעֶן זײַנעֶ ליכטיגעֶ אויגעֶן, און דעֶר אויפוואַכעֶנדעֶר וואַלד וועֶרט פעֶרצויגעֶן מיט ראָז־בּעֶפאַרבּטעֶ פאַסעֶן. מיט דעֶר האַק אונטעֶר'ן גאַרטעֶל פעֶררוקט, געֶהט אַרויס צו דעֶר אַרבּײַט דעֶר יונגעֶר האָלצהעֶקעֶר,

און זײַן בליק איז נאָך פערקלערט, די געדאַנקען פערוויִרט.. עפּעס איז בײַ איהם פון דער נאַכט-זעהונג אַ נאָגענדער וועהטאָג אין האַרצע געבליבען... עפּעס האָט איהם אַ הײַסע בענקשאַפט די בלוטען געברענט, און זיי האָבען שנעלער, ווי געוועהנליך, אין די אָדערען געפליעסט ... דאָך שטאַרקט דער האָלצהעקער איבער זײַנע געפיהלען, און ער נעהמט זיך צו דער אַרבײַט. מיט זײַן ערפאַהרענעם אויג מײַדט ער אוים די לעבעדיגע בוימלעך, וואָס האַלטען נאָך אין וואַקסען, און ער הויבט אויף זײַן האַק נאָר אויף די אָבגעשטאָרבענע, פערטריקענטע; און גרינג און פלינק געהט זײַן אַרבײַט: שאַרף די האַק, און פעסט די האַנד. און נאָך יעדען קלאַפּ רופט זיך אָב פון צווישען די בוימער אַ הילכיגער אָבקלאַנג אין דער רײַנער, מיט פראָסט אָנגעזאַפּטער וואַלד-לופט, רופט זיך אָב און ענטלויפט ערגעץ ווײַט-ווײַט ... דער טאָג עפענט דערווײַל אַלץ ברײַטער זײַנע ליכטיגע אויגען פאַנאַנדער, און די טונקעלע שאָטענס, וואָס האָבען זיך נאָך וואו ניט וואו הינטער די בוימער פערבאָרגען, פערשווינדען אין גאַנצען פון וואַלד, פונקט אַזוי ווי אַ קאָמפּאַניע אורחים פערלאָזט די קרעטשעם גלײַך נאָך דעם, ווי דער טאָג קומט אָן. און צוזאַמען מיט זיי פערשווינדט אויך די נאַכט-זעהונג, ווי אַ לײַכטער נעבעל, פון פאַר דעם האָלצהעקערס אויגען. ער גיט אַ טרײַסעל מיט זײַנע געדיכטע שוואַרצע האָר, און ער זאָגט צו זיך אַזוי אין זײַן האַרצען:

— די נאַכט האָט מיך פערפיהרט ... פער'שכור'ט ... די כשופ-מאַכערין די נאַכט... אָבער דער ניכטערער טאָג האָט מיט זײַן ליכטיגען אויג מיך צום אמת אומגעקעהרט ... האָט מיר מײַן ליעבסטע, מײַן כלה אומגעקעהרט ...

— איך מוז אײַלען — טראַכט ער, פערמעסטענדיג זיך אויף די בוימלעך אַלץ שנעלער און שנעלער מיט דער האַק: — צו מײַן ליעבסטע מוז איך אײַלען ... און דערצעהלען וועל איך איהר, פון אַלץ דערצעהלען. — און בײדע וועלען מיר דאַן לאַכען, לאַכען ... אַזוי ווי זי, די שנעע-רויז, האָט נעכטען בײַנאַכט בײַ מיר הינטער'ן פענסטער'ל געלאַכט ...

„געלאַכט?״ ...

ער בינדט איבער מיט אַ שטריק אַ פּעקעל האָלץ פאַר אײַן

מענשען צו פערטראגען, לאדעט איהם אן אויפ'ן פלײצע און געהט אין שטעדטעל אויפ'ן מארק.

צוריק-וועגס געהט ער שנעל צום וואלד-וועכטערס הויז און האלט פעסט צונויפגעדריקט אין פויסט א קלײן בלישטשענדיג פינגערעל פאר זײן געליעבטער צו איהר געבורטס-טאג, און אין הארצען בײ איהם זענען שוין גרײט ווערטער, שענע, ליעבע-ווערטער, מיט וועלכע ער וועט זײן געליעבטע בעגעגענען; אבער ווי ער טרעט נאר אריבער דעם שוועל פון דעם לאנג-בעקאנטען הויז און ווארפט דעם ערשטען בליק אויף זײן כלה, שווימט בליץ-שנעל ארויס דאס צויבער-בילד פאר זײנע אויגען, אלע ווערטער ווערען גלײך צופלויגען, ווי צושראקענע פויגעל, און די אויגען זײנע ווערען פערצויגען מיט א וואלקען פון שווערען טרויער: ווי ערדיש און מענשליך דאס זײניגע איז, און דאס יעניגע — ווי הימליש און געטליך!

— וואס אזוינס האט מיט דיר היינט געשעהן? — האט דעם וועכטערס טאכטער איהר חתן געפרעגט: — און וואס איז אזוי טרויעריג דײן בליק? בין איך היינט ערגער פון אלע מאל, אדער מײנע אויגען ברענגען שוין ניט אזוי פלאם-פײערדיג? אדער אפשר איז מײן שטימע ניט אזוי קלינגענדיג, מײן אומארמונג ניט אזוי הײס?

— ליעבסטע, א שלעכטער חלום האט זיך מיר היינטיגע נאכט געחלומ'ט, א זיסער, א פירכטערליכער חלום... און איך וויל איהם פערגעסען... און איך קאן איהם ניט פערגעסען... איך מוז זיך אלײן אין מײן שטיבעל אומקעהרען... וועל איך דארט אפשר צו זיך גיכער קומען...

אז דער האלצהעקער איז בײנאכט, ווי געוועהנליך, וויעדער געזעסען בײ זײן אויוועלע און האט מיט זײן בענקענדיגען בליק בעגלייט די פליהענדיגע פונקען, האט זיך מיט א מאל עפעס האסטיג א קלאפ געטהון אן פענסטערעל, דאס שײבעל איז גלײך אויף ברעקלעך צושפרונגען געווארען, און הויפענס שנעע האבען זיך געשווינד-געשווינד דורכ'ן פענסטער'ל גענומען שיטען, האבען פערלאשען דעם פײער אין אויוועלע, האבען אויף ווײס אויסגעשאטען דאס גאנצע שטיבעל מיט די ווענד, מיט דער סטעליע,

און אין דער ווייסקייט האט זיך די שנעע־רויז אין איהר פראכטפולער שענהייט בעוויזען. די אויגען פון האלצהעקער האבען זיך דורשטיג פאנאנדערגעעפענט: א פריש אלבאסטער געזיכט; די ראזע באקען פערצויגען מיט א פרעסטעל־הויך, די אויגען בלישטשען מיט א שטאהלערנעם בלאסק, אויף די ליפען א פערפיהרערישער, אנ׳אויסגעלאסענער שמייכעל...

— חא — חא — חא... וואס טראכט דער שענער האלצהעקער וועגען דער פרעהליכער, שפאסליעבענדער שנעע־מיידעל? וואס פערברענגט ער די לאנגע אָוונדען איינער אליין מיט זיינע אומעטיגע געדאנקען? אין וואלד געהט אום דער וואלד־זיידע און קלאפט מיט׳ן לאנגען שטעקען איבער די שטאמען פון די בוימער, און עס צוטראגט זיך א טרוקענער הילכיגער אפקלאנג אין דער ווייט... און דארט הינטער׳ן וואלד, אויפ׳ן ברייטען שנעע־בעדעקטען פעלד, פיהרען מיר אונזערע טענץ, איך און מיינע שוועסטערלעך... בין איך געקומען דיך רופען, רופען, רופען... חי־חי־חי! דיין כלה איז ווייט... זי שלאפט און זעהט גוטע חלומות... איהר איז ווארים... איהר איז ווייך... און מיר וועלען דיין טרויער פערטרייבען... דיין עלענדקייט פערטראגען... אויפ׳ן שנעע וועלען מיר לויפען, פליהען, אויף מכשפות וועלען מיר רייטען... די וואלד־גייסטער וועלען מיט קנאה אויף דיך קוקען... דער ווינד אין די שפיצען פון די בוימער וועט אונז א חופה־מעלאדיע שפיעלען... מארגען... חא־חא־חא... קום איך נאך דיר, קום איך, קום איך... פונקט האלבע נאכט הויבען זיך אן אונזערע טענץ!

און דאס צויבער־געשטאלט איז פערשוואונדען. דער פייער אין אויוועלע האט צוריק אויפגעפלאקערט, און די פייער־צונגען האבען זיך ווידער גענומען איינע די אנדערע איבעריאגען, אפילו דאס שייבעל אין פענסטער׳ל איז א גאנצעס געוועזען. צו איז דאס געוועזען א חלום אויפ׳ן וואהר? די אויגען פון האלצהעקער זענען נאך דורשטיג געוועזען צו זעהן, די אויערען צו הערען: אזא פרישע מעלאדיש קול׳כעל, אזא פערפיהרערישער שמייכעל, אזא אויסגעלאסען ווינקענדיגע הייליגע ברוסט מיט דעם קאליער פון דער פריה־מארגען רויטקייט אויפ׳ן הימעל...

דער האלצהעקער האט זיך פאר׳ן קאפ געמוזט אנחאפען: דאס יונגע בלוט האט אין די שלייפען, ווי מיט האמערס גע־

קלאַפּט, און אין האַרצען האָט אַ גיהנום פֿון פֿלאַם־פֿייערדיגער לײַדענשאַפֿט געברענט...

אויף מאָרגען איז דער האָלץ־העקער צו זײַן אַרבײַט ניט גענאַנגען און איז גלײַך צו זײַן כּלה אַוועק. זי איז איצט זײַן לעצטע האָפֿנונג געבליבען, האָט ער בײַ איהר אַ רעטונג געזוכט. ער איז איהר צוגעפֿאַלען צום האַרצען און געזאָגט:

— פֿרײַנד, מײַן ליעבער פֿרײַנד, דער זיסער, פֿירכטערליכער חלום האָט זיך אַ צווייטען מאָל איבערגע׳חזר׳ט... מײַנע לײַדען זענען גרויס און איך קאָן זיך אַליין ניט בעזיעגען... דאָס איז זי, די שנעע־רויז, וועלכע האָט מײַן רוהע גערויבט... זי מיט איהר קלינגענדען געלעכטער, מיט איהרע פֿערפֿיהרערישע אויגען... זי האָט דײַן שענהײַט אין מײַנע אויגען פֿערדונקעלט... זי האָט מײַן האַרצען אין געפֿאַנגענשאַפֿט גענומען...

— די שנעע־רויז? — האָט זי אַ דערשראָקענע געענטפֿערט: — מײַן אַלטע באָבע האָט מיר פֿון דער פֿערפֿיהרערקע, די שנעע־רויז, דערציעהלט... אויף איהרע ליפּען רוהט דער פֿראָסט, און איהר אָטהעם איז פֿערגליווערענד... בעדענק זיך, מײַן ליעבער... דאָס בלוט אין דײַנע אָדערען וועט ווערען פֿערפֿראָהרען און וועט זיך אין זײַן בעוועגונג אָבשטעלען...

— אָבער איהר געלעכטער, איהר ליכטיגער צויבער־געלעכטער... איך האָב קיינמאָל בײַ קיין מענשען־קינד אַזאַ וועלטלאַכען ניט געהערט... ער האָט מײַן געהער מיט זילבערנע שנעעפֿעדעם פֿערוועבט און געוועלטיגט איבער איהם אונבעגרענצט.. און איצט האָב איך אַלע מענשליכע קלאַנגען פֿערהאַסט...

— מײַן ליעבער, — האָט זי איהם דערויף געענטפֿערט: — אָבער די שנעע־רויז איז דאָך ניט מעהר ווי אַ חלום... נאָר אַ זעהונג... און איך בין מיט דיר: איך — די ווירקליכקײַט! מײַנע אָרעמס — ווירקליכע אָרעמס, פֿון מילך און בלוט — אומאַרמען דיך... לעבעדיגער, הייסער מאַרמאָר!

— דיך האָב איך ליעב, אַזוי ווי מײַן לעבען, אָבער מײַן חלום, מײַן צויבער־חלום, האָב איך ליעבער פֿון מײַן לעבען...

— אָבּעֶר דִי, וואָס געֶהעֶן נאָך אִיהר, קעֶהרעֶן זִיךְ שוֹין מעֶהר צו זײַערעֶ מִיטבּרִידעֶר, דִי מעֶנשעֶן, נִישט אום...

— זִי האָט מִיךְ געֶוואָרעֶנט... אָבּעֶר אײַן שעה שעֶפּעֶן פוּן אָבּגרונד דעֶם רײַנסטעֶן לעֶבּעֶנס-געֶטראַנק... דעֶם גאַנצעֶן לעֶבּעֶן פאַר אײַן טראָפּעֶן!

זִי האָט אִיהם געֶענטפעֶרט מִיט אַ זִיפץ, וועֶלכעֶן זײַן פעֶרשכורט'עֶר אויעֶר האָט שוֹין אָבּעֶר נִיט פעֶרנומעֶן...

און עֶס אִיז געֶוועֶזעֶן אַ ווִינטִיגעֶ, אַנ'אומרוהִיגעֶ נאַכט. אונטעֶן זעֶנעֶן דִי בּוימעֶר געֶשטאַנעֶן מִיט דִי וואָרצלעֶן טִיעף אִין דעֶר עֶרד אַרײַנגעֶגראָבּעֶן, און האָבּעֶן זִיךְ פעֶסט געֶהאַלטעֶן, אַזוֹי ווִי מִיט צונויפגעֶפּרעֶסטעֶ פויסטעֶן, אָן דִי האַרטעֶ דורכגעֶפראָרעֶנעֶ עֶרד-שטִיקעֶר, אָבּעֶר אויבּעֶן זעֶנעֶן זײַערעֶ שפִּיצעֶן אומגעֶגאַנגעֶן, אַזוֹי ווִי עֶפּעֶס אַ מחנה מעֶנשעֶן, אַהִין און אַהעֶר, און האָבּעֶן זִיךְ דורכגעֶשמועסט אויף זײַער שטײַגעֶר מִיט'ן ווִינט. דעֶר האָלץ-העֶקעֶר אִיז מִיט דעֶר האַק בּײַ דעֶר זײַט אַלײן טִיעפעֶר און טִיעפעֶר אִין וואַלד אַרײַן געֶגאַנגעֶן, און פאַר דִי אויגעֶן האָט אִיהם געֶשוועֶבּט, אַזוֹי ווִי אַ וועֶגווײַזעֶנדעֶר פײַעֶר-זאַל, דאָס בִּילד פוּנ'ם צויבּעֶר-מעֶדעֶל... אָט געֶהט עֶר פאַרבּײַ דעֶם אַלטעֶן וואַלד-זײַדעֶן מִיט דעֶר לאַנגעֶר ווײַסעֶר בּאָרד און מִיט אויגעֶן, וועֶלכעֶ עֶר האָט קוים געֶקאָנט בּעֶמעֶרקעֶן פוּן אונטעֶר דִי מִיט מאָך בּעֶוואַקסעֶנעֶ בּרעֶמעֶן, דעֶר וואַלד-זײַדעֶ קלאַפּט אָן מִיט זײַן לאַנגעֶן שטעֶקעֶן אִין דִי שטאַמעֶן פוּן דִי בּוימעֶר, און דעֶם אָבּקלאַנג כאַפּט-אונטעֶר דעֶר ווִינט און צורײַסט אִיהם אויף פִּיץ-פִּיצלעֶך און צעֶוואַרפט אִיהם אִין אַלעֶ זײַטעֶן... אָט קוקעֶן אויף אִיהם מִיט נײַגִיעֶרִיגקײַט דִי וואַלד-גײַסטעֶר, וועֶלכעֶ האָבּעֶן זִיךְ מחנות-ווײַז צוזעֶצט אויף דִי צווײַגעֶן, און בּעֶגלײַטעֶן אִיהם מִיט זײַערעֶ בּלִיקעֶן, אָבּעֶר דעֶר האָלץ-העֶקעֶר שטעֶלט זִיךְ נִיט אָבּ... עֶר געֶהט ווײַטעֶר-ווײַטעֶר.. אַ לעֶבּעֶדִיג בִּילד שוועֶבּט אִיהם פאַר דִי אויגעֶן און שמײכעֶלט צו אִיהם, און רופט אִיהם, רופט אִיהם... און אָט גִיט זִיךְ שוֹין דעֶר ווִינד אַ שטאַרקעֶן רײַס אַרויס אויף דעֶר פרײַהײַט און צוזינגט זִיךְ, פונקט ווִי אַ גאַנצעֶ קאַפּעֶליעֶ: דאָס האָט זִיךְ געֶענדִיגט דעֶר וואַלד, און דעֶר האָלץ-העֶקעֶר אִיז אויפ'ן פעֶלד אַרויס... הו-הו-הו-ו... ווִי

אַלץ האָט זיך דאָ אינאײנעם צונויפֿגעפּלאָנטעט, צונויפֿגעוועבט... אַ שנעע־זאַווירוכע האָט פֿערצויגען דעם גאַנצען רוים צווישען הימעל און ערד, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז קליינע, ווײַסע מלאָכימלעך לאָזען זיך אַראָב איבער די שנעעלעך, אַזוי ווי איבער טרעפּלעך, אויף דער ערד, און אַלץ אינאײנעם האָט זיך אין איין קול צוזונגען: אי דער ווינד, אי דער הימעל, אי די ערד... אָבער צווישען די אַלע שטורם־טענער האָט זיך קלאָר געהערט דער יונגער מעלאָדישער חאָר פֿון די ווײַסע, מילדע שנעע־קינדערלעך, וואָס האָבען געשעמערירט מיט זייערע רויטע בעקלעך און מיט די ווײַסע, שאַרפֿע צעהנדלעך, וועלכע האָבען זייערע ליעדער געזונגען:

„אויף אַ יום־טוב... אויף אַ ווינטער־יום־טוב זענען מיר געקומען אויף דער ערד... און מיר טאַנצען, און מיר הוליען... מיר זענען הימעל־קינדער... און בײַ נאַכט, ווען אַלע שלאָפֿען, לויפֿען מיר געשווינד אַוועק אין שטאָדט, קלאַפּען אין די ווינקלען פֿון די הײַזער, שרעקען די קינדער אין די וויעגען, און מאָהלען בלומען אויף די שויבען, און פֿערשווינדען... און געהט אויף די זון, דאַן בליצען מיר מיט אַלערליי קאָלירען, און גיסען זיך איבער מיט די פֿאַרבען פֿון אַ רעגענבויגען... און מיט'ן ערשטען שטראַהל פֿון פֿריהלינג וועלען מיר פֿערשווינדען צוריק אין דער הויך, ווי אַ רויך, ווי אַ חלום. צוריק אין דער הויך"...

און דער יונגער האָלצהעקער איז מונטער געגאַנגען אין דעם מילך־ווײַסען ים פֿון דער שנעע־זאַווירוכע, צווישען די זינגענדע שנעע־קינדערלעך, און אָט זעהט ער שוין פֿון דער ווײַטען — עס באָדען זיך אין די קלאָרע הימעל־שנעען, די יונגע שוועסטער פֿון דער שנעע־רויז, און זיי ווינקען צו איהם און זיי רופֿען. און אָט זעהט ער שוין אויך איהר אַליין... דאָס הימעל־שענע צויבער־בילד... און ער אײַלט צו איהר, ער אײַלט...

— חאַ־חאַ־חאַ! הערט ער שוין איהר קלינגענדיג געלעכטער: — דו יונגער האָלצהעקער! ביזט געקומען, געקומען, געקומען... שוועסטערלעך, דאָס איז ער, דער יונגער, דער שענער, דער טרוימער, חאַ־חאַ־חאַ... ווי פֿרעהליך! ווי קאַלט, ווי גוט!

הו־הו־הו — כאַפּט אונטער דעם געלעבֿטער דער ווינד און טראָגט איהם אַוועק אַהין, צום וואַלד, און גיט איהם אַ שלײַדער איבער די שפּיצען פֿון די בוימער... עפּעס גיט אין דער לופֿטען אַ פֿלאַטער, און צוריסענע קלאַנגען בלײַבען העננגען אויף די צווײַגען...

גלין־גלין־גלין... גלין־גלין־גלין... הערט דער האָלצהעקער, ווי עס קלינגט פֿון דער ווײַטענס אין פֿעלד... עמיצער פֿאָהרט... אפֿשר חתונה־לײַט... פֿרעהליכֿע, שכּור'ע... טראַ־ראַ־ראַ... ראַ־ראַ... הערט ער דײַטליך האַרמאָנישע קלאַנגען פֿון עפּעס אַ כּלי־זמר'שען אינסטרומענט... און פּלוצלונג: גלאָן־גלאַן! גלאָן־גלאַן! פֿיהרט מען עמיצען צו דער חופּה... אָדער אפֿשר... אפֿשר איז מען דאָס עמיצען מקבר... וויו־ו־ו — גיט דער ווינד אַ מעכֿטיגען פֿײַף און פֿערכאַפּט מיט זיך אַלע קלאַנגען און פֿערטראָגט זיי אין דער ווײַטער וועלט אַרײַן. אָבער דער האָלצהעקער זעהט נאָר זי אײנע... אָט איז זי שוין... סאַמע דערבײַ... נאָך עטליכֿע טריט נאָר מאַכֿען... אָבער דער שנעע איז אַזוי טיעף... עס געהט זיך שווער... און דאָך געהט ער פֿאָרווערטס, כאָטש לאַנגזאַם... אָט עפֿענט זי איהרע אָרעמס און לאַכֿט איהם אַנטקעגען, און איהרע חבר'טעס לאַכֿען אויך מיט איהר אין איין קול, און זיי דרעהען זיך אַרום איהם, און זיי בעפֿאַלען איהם פּונקט אַזוי ווי די בינען, און כאַפּען איהם פֿאַר די הענד, און זיי טאַנצען מיט איהם, און הוידען זיך און קײַקלען זיך אין די שנעען און באָדען זיך און ליאַרעמען און פֿערשיטען איהם די אויגען מיט שטיקער שנעע... און זייערע בעוועגונגען — אַזעלכֿע גראַציעזע, אַזעלכֿע אויסגעלאַסענע — זיי שווימען אין דער זאַווירוכֿע, אַזוי ווי פֿישלעך אין וואַסער...

האַ־חאַ־חאַ! קלינגט איהם דער געלעכֿטער סאַמע אין די אויערן... און ער כאַפּט זי אָן פֿאַר די הענד... וויו־ו־ו — גיט דער ווינד נאָך אײנעם אַ שטאַרקען בלאָז — און דער האָלצהעקער פֿאַלט, און די שנעע־רויז בלײַבט ליגען אין זײַנע אָרעמס... און ער וויגט זיך איין מיט זײַנע ליפּען אין איהרע... חי־חי־חי! קײַכֿט זי זיך פֿון געלעכֿטער, צאַפּלענדיג זיך אין זײַנע פֿיעבערהאַפֿטע אָרעמס... און ער טרינקט מיט דאָרשט איהר פֿראָסטיגען אָטהעם, און טרינקט, און ווערט שכּור, שכּור... און די זאַווירוכֿע

דרעהט זיך ווייטער... און צוזאמען מיט איהר דרעהען זיך אוועק אויך די יונגערע שוועסטער פון דער שנעע-מעדעל אלץ ווייטער אין פעלד מיט א קאפדרעהענדען משונה-ווילדען טאנץ... נאר זי, די שנעע-רויז, ליעגט אין זיינע פעסט-צונויפגעדריקטע ארעמס, און זי בלייבט מיט איהם, זי בלייבט מיט איהם, מיט איהם, מיט איהם...

איבער די הויכע ווייסע דעכער.

אביסעל נידעריגער פֿון מיר ציהען זיך שנעע-ווייסע דעכער, אביסער העכער — דער פּראָסטיגער אויסגעשטערענטער הימעל, און אויף איין הויך מיט מיר קוקען זיך איבער די ווייטע האָריזאָנטען...

איך וואָהן אין **דער הויך**!

מיין קעמערעל האָט, ווי **א** קליין שטיפֿיג קינד, **געקלעטערט** איבער די ברייטע פּלייצעס פֿון די אונטערשטע וואָהנונגען, ביז עס האָט אַרויפֿגעקלעטערט ביז אונטער'ן הימעל און האָט זיך פֿערקוקט מיט זיין איינציג קליין פֿענסטער'ל אויף די נייע אונבעקאַנטע וועלטען, און האָט זיך פֿערגעסען אומקעהרען זיך צוריק, — און אַזוי ציהען זיך שוין יאָהרען-יאָהרען, און די גאַנצע יאָהרען שטעה איך ביים פֿענסטער'ל און וואַרט אויף עפּעס גרויסעס, עפּעס וויכטיגעס...

די ווייסע דעכער, וועלכע לאָזען זיך דאָ אַראָב נידעריגער, דאָ הויבען זיך אויף העכער און האָבען אַנ'אויסזעהן פֿון אַ ים, וועלכער איז אין גרעסטען שטורם פּלוצלונג פֿערפֿרוירען געוואָרען, און די כוואַליעס זענען געבליבען הענגען אין דער לופֿטען — די ווייסע דעכער פֿערשטעלען פֿון מיר די שוואַרצע גאַסען, וועלכע דאַרפֿען זיין דאָרט ערגעץ אונטען. דאָרט אונטען, געדענק איך, וועט דער ווייסער שנעע אונטער מענשליכע פֿיס צוטראָטען אויף שוואַרץ...

דאָרט אונטען בין איך שוין לאַנג ניט געוועזען, און אַהער הויבט זיך קיינער נישט אויף: שוואַכע קעפּ הויבט דאָ אָן צו שווינדלען, — און דעריבער האָב איך שוין לאַנג ניט געזעהען קיין מענשען...

און וואָס לענגער איך זעה ניט קיין מענשען, דאָס מעהר ווער איך רוהיגער: עפּעס ווער איך פֿון טאָג צו טאָג אַלץ מעהרער פֿערצויגען מיט אַ שלייער פֿון ווייסע רוהיגקייט, וועלכע ציהט זיך צו מיר דורכ'ן קליינעם פֿענסטער'ל פֿון די ווייסע בלישטשענדיגע שנייען, און וואָס אַ טאָג ווער איך אַלץ קעלטער, און וואָס אַ טאָג שטאַרבט מיין האַרץ אין מיר אָב, און איך פֿיהל מיך... אַזוי דאַרף זיך פֿיהלען איינער אַ געשטאָרבענער נאָכדעם, ווי ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער טויט איז גאָר נישט אַזוי שרעקליך, ווי מענשען שטעלען זיך פֿאָר —

צוזאַמען מיט מיר, ביי מיר טיעף אין האַרצען, וואָהנען נאָר הימעל'שע געטער, — יענע, וועלכע האָבען זיך געפּרופּט אַראָבלאָזען צו די מענשען, צו לעבען מיט זיי אויף דער ערד. האָבען זיך אָבער מיט זיי איינלעבען ניט געקענט. איך האָב זיי צוריק אין דער הויך מיטגענומען, און בעשיץ זיי מיט אַ פּאַנצער פֿון אייזיגע רוהיגקייט אין מיין פֿערגליווערטען האַרצען, און היט זיי פֿון פֿערשוועכונג.

און ווען נישט איין געדאַנק, וועלכער האָט זיך נאָך דאַמאָלס אויף דער ערד מיר אין מוח פֿערקליבען, און הויבט מיר אָן אַמאָל ווידער עפּעס צו רוימען אין אויער אַזוי זיס, אַזוי היים, אַז די אָבגעקיהלטע בלוטען מיינע הויבען זיך אָן פּלוצלונג שנעלער איבערגיסען און דערוואַרעמען, — וואָלט איך שוין לאַנג פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ גייסט פֿון דער אייזיגער ווייטער רוהיגקייט, און מיין האַרץ וואָלט שוין לאַנג געוואָרען אַ בית-עלמן פֿאַר די געטער, וועלכע האָבען זיך מיט מיר צוזאַמען גערעטעט אין דער הויך...

אָפטמאָל בעפֿאַלט מיך עפּעס אַ אונרוהיגקייט, און עס הויבט מיר אָן קלאַפּען דאָס האַרץ, ווי אַמאָל אויף דער ערד, ווען איך האָב נאָך ערדישע פֿערלאַנגען געהאַט, און האָב נאָך געמיינט, אַז זיי קענען אַמאָל אויסגעפֿיהרט ווערען אויף דער ערד, און איך חאַפּ מיך אויף פּלוצלונג פֿון מיין שלאָף, און אַ פֿייער צינדט זיך מיר אָן אין די אויגען:

— אפשר איז שוין משיח דאָרט אונטען געקומען!

אפשר האָט שוין משיח דאָרט אונטען די גאַסען מיט זיינע הימעלשע אויגען בעלויכטען און איך האָב געפֿעהלט...

איך פלעג מיך אבער באלד ווידער בערוהיגען און געפינען א טרייסט, און אזוי פלעג איך אליין מיט זיך רעדען:

— וואלט ער געקומען, וואלט ער שוין לאנג דא געוועזען. איבער די הויכע ווייסע דעכער, נעבען דעם אויסגעשטערענטען הימעל, אויף איין הויך מיט די ווייסע האריזאנטען...

קליין איז מיין פענסטערל, און דאך שפיגלען זיך אב אין איהם גאנצע וועלטען אין דער ווייט און אין דער ברייט...

איך געדענק ניט, וויפיעל צייט איך האב אזוי פערבראכט אין מיין קעמערעל: אפשר יאהרען, אפשר רגע'ם — די הימעלשע הויכען האבען קיינמאל פון צייט און בעוועגונג נישט געהערט: אלץ שלומערט אין טיעפער רוהיגקייט, און עס ווערט קיין זאך נישט פערענדערט. די דעכער זענען געבליבען פערגליווערט, ווי פריהער און זענען בעדעקט מיט ווייסע, קלארע שנעען, ווי מיט תכריכים, און די תכריכים שרעקען מיך ניט אב, און זיי דער-מאהנען מיך נישט אן לעבען —

דאס קליינע פענסטערעל איז פערצויגען מיט א קארע פון אייז, און עס שפיגלען זיך אויף איהם די קאלטע שטראהלען פון די בלישטשענדיגע שנעען — — —

אזוי ווי א חלום, שטעהט אויף א שאטען פון די קלארע שנעען און לאזט זיך געהן צו מיין פענסטער'ל. לאנגזאם געהט ער און נאך לאנגזאמער קוקט ער, און ער האט נישט קיין אויגען. ער קוקט מיט זיין גאנצען שאטענדיגען קערפער, און רעדט נישט קיין ווארט; דאך הער איך זיין יעדען געדאנק און יעדען קלאפ פון זיין פריערענדען הארצען.

איך דערקען דעם ווייסען אונבעפלעקטען שאטען, חאטש ער טראגט נישט קיין סערפ אויף די פלייצעס, קיין פערגיפטעטען שווערד אין דער האנד.

דאס איז דער טויט — — —

איך קען איהם שוין לאנג, צייט איך שטעה ביים קליינעם פענסטערעל, אויף איין הויך מיט די ווייטע האריזאנטען, קען איך דעם טויט. און האב איהם ליעב, ווי א גוטען חבר, וועלכער וועט זיכער שטענדיג רעטען...

ער שטעלט זיינע אונזעהבארע טריט אויפ'ן ווייסען ווייכען שנעע און קוקט מיט זיין גאנצען שאטענדיגען קערפער, און יעדער

קלאפּ פון זיין פערפרוירענעם הארצען חור'ט וואס אמאל שטילער, שטילער:

— איך בין משיח — —

און די בלוטען מיינע הויבען אן ביי די ווערטער נאך לאנג־זאמער צו פליעסען, און קוים וואס זיי בעוועגען זיך, און איך פיהל, ווי דער טויט ריהרט מיך אן מיט זיין תכריכים־ווייסען פליגעל אויף מיינע אנטשוויגענע ליפּען, און זיי ווערען פאלקאם פערשלאסען. — מעהר ניט מיין בערוהיגטעם הארץ חור'ט קוים הערבאר, קוים הערבאר:

— דו ביזט משיח — —

דאס קומט ער צו ראטעווען די קליינע מענשען איינעם פון צווייטען, און צו ראטעווען די קליינע אומשולדיגע ערד פון איהרע בעזיצער, וואס האבען איהר בעלאגערט אויף אלע גרענעצען.

און עס רוקען זיך פאנאנדער די הויכע דעכער. און אונטער זיי רוקען זיך פאנאנדער אויך די הייזער מיט די ברייטע פלייצעס, און לאזען דורך דעם לאנג־ערווארטעטען רעטער אויף די נידעריגע גאסען.

— — — — — — — — — — — —

עס זענען פערגאנגען אפשר יאהרען, אפשר רגע'ס: מיין הארץ האט לאנג שוין גערוהט פון זיין קלאפּען, מעהר ניט די אויגען זענען ביי מיר די זעלבע, וואס פריהער, געבליבען, און איך האב געזעהען, אז אונטער מיר איז אלץ ווייניגער הייזער און וועניגער מענשען געווארען, און עס איז געווארען גערוימער אויף דער ערד. — און ווען איך וואלט אטהעמען געוואלט, וואלט עס מיר איצט פיעל גרינגער געוועזען...

די מויערען האבען שוין מעהר ניט פערשטעלט די נידעריגע גאסען, און אלעם ארום איז געוועזען ווייס, ווי די אונשולד, און טויט, ווי דאס לעבען...

און נאר א שנעע־ווייסע דעקע האט זיך געצויגען, געצויגען, געצויגען... און עס האט זיך געדאכט, אז דאס איז דער ווייסער רייגער הימעל אראב אויף דער ערד, און האט אויף איהר זיין מלוכה געגרינדעט...

און דאן זענען אראב אויף דער ערד אויך די געטער, וואס האבען זיך צוזאמען מיט מיר געקעטעט אמאל פון די מענשען,

און האבען זיך פריי בעוועגט אויף דער ווייסער ערד צוזאמען מיט די אונשטערבליכע אידען, וואס זענען געבליבען נישט דורכגע־פיהרטע אין לעבען, צוזאמען מיט די גאונ'שע געדאנקען, פאר וועלכע מען האט מענשען אויף די עשאפאטען געפיהרט. צוזאמען מיט די הייליגע תורות, וואס האבען זיך פריהער קיין ארט ניט געפונען אין דער ניעדער, אין דער ניעדער — — —

און ערגיץ האט זיך קיין מענש ניט געזעהען.
יום־טוב און הייליגע רוה — —
משיח איז געקומען!

דער פערשטויסענער.

שפעט ביי נאכט, ווען איהרע פרעכטיגע ווארימע גליעדער האבען זיך פאנאנדערגעווארפען אונטער דער סאמעטענער קאלדרע, אזוי ווי די צווייגען פון א יונגען זאפטיגען בוים, און די פונקעלדיגע אויגען זענען צוגעדעקט געווארען מיט די לאנגע זיידענע ברעמען, און זי איז פערזונקען געווארען אין זיסעסטען שלאף, — איז אראבגעפלויגען צו איהר דער „פערשטויסענער" אין דער פינסטערניש פון דער נאכט, און האט איהר איינגערוימט אויפ'ן קליינעם דורכזיכטיגען אויער:

— שענעם מעדעל, דיין קערפער איז א הימעל־שענער בלום; די מענשען זענען רויהע און גראבע, זיי ווילען צוטרעטען דיין קערפער און פערשוועכען דיין שענהייט. די מענשען זויגען אויס דעם זאפט פון דער פרי און ווארפען דיעם שאלעכטס אין מיסט. דיין הימעל־שענעם קערפער ווילען זיי צודרעשען אויף שטרוי, און דעם פייער פון דיינע אויגען אויסלעשען אויף טויט... שענעם מעדעל, ניט דא איז דיין ארט!

און עס האט זיך אויפגעכאפט דאס מעדעל פון זיסען שלאף, אדער אפשר איז זי נאך שטארקער פערזונקען געווארען אין איהם, און זי איז געוועזען האלב פערוואונדערט, האלב דערשראקען.

— ווער ביזט דו, וואס דו רעדסט צו מיר אין דער פינסטערניש פון דער נאכט? איך הער א שטימע פון א מאנזביל... ווער האט געהאט די העזה צו שטערען מיר אין זיסען שלאף אויף מיין וויבען געלעגער?

און איהר שטימע האָט מעלאָדיש געקלונגען, ווי אַ ציטער־שטימע.

— איך, וואָס איך רעד צו דיר אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, בין דער פייַנד פון ערד און הימעל... איך ליעב גאָר די שענהייַט אַליין... די מענשען רופען מיך „נישט־גוטער“, און גאָט רופט מיך — דער „פערשטויסענער“.

— אַ מלאך ביזטו; פאַר וואָס זשע זעה איך ניט דייַנע פליגעל?

— שטערבליכע מאַלער און דיכטער, וואָס זוכען אויסגעטראַכטע שענהייַט, האָבען מיר פליגעל אויסגעטראַכט. איך האָב נישט קיין קערפער און דאַרף ניט קיין פליגעל. איך בין אַ שוועבענדער גייַסט... איך לעב אָהן אַנ׳ענדע און צעהל נישט די צייַט; איך וואַנדער אָהן אויפהער, און קען דעם וועג ניט מעסטען... שענעם מעדעל, קום מיט מיר! איך וועל דיך טראָגען צום הימעל אַרויף!

— צום הימעל? אין הימעל איז וויסט. ניטאָ אין הימעל קיין פרעהליכקייַט, דער הימעל איז אַ הייליגער — מען טאָר דאָרט ניט זינגען... פערפליה פון מיר, דו, וואָס דו רופסט זיך „נישט־גוטער“.

און דער גייַסט איז פערפלויגען.

— שענעם מעדעל — האָט ער איהר אייַנגערוימט די צווייטע נאַכט אין דער זעלבער צייַט און מיט דער זעלבער שטימע: — דייַן שלאָף איז אַזוי זיס און אַזוי רוהיג, און מיר טהוט אַזוי וועה, אַז אוים אייַפערזוכט מוז איך דיך אויפרייַסען פון שלאָף.

און זי איז אויפגעריסען געוואָרען פון שלאָף, און אפשר איז זי נאָך טיעפער פערזונקען געוואָרען אין איהם.

— שענעם מעדעל — האָט ער צו איהר נאָך אַמאָל גערופען: — מיר איז אַ שאָד די רויזען אויף דייַנע באַקען, וואָס וועלען פערוועלקען, און אַ שאָד די גאָלדענע לאָקען, וואָס וועלען אויסגעצופט ווערען...

— דו ווילסט מיך פערפיהרען, אונזויבער גייַסט... איך פיהל, אַז דו ביזט שען, ווי די זון, אָבער אָנריהרען קען איך דיך נישט!

און דער מלאך האט געשוויגען אווילע, דערנאך האט זיין שטימע ליידענשאפטליך געקלונגען:

— מיין ליעבע האט אויפגעפלאקערט, ווי די פלאם פון גיהנום... איך געה אוים פון בענקשאפט צו דיר...

און דאן איז ער געפאלען צו איהרע פים, און האט זיך איינגעזויגען אין זיי מיט זיינע אונזיכטבארע ליפען.

— דו הימעל־שענער — האט זי איהם געענטפערט:

— דו ביזט א גייסט. א רויך, א ווינד, א חלום, דיין ווארט איז ליידענשאפטליך, דיין אטהעם איז הייס, אבער איך פיהל ניט דיין ארעם און איך פיהל ניט דיין קוש... און איך האב א שנעע־ווייסען לייב, א שען אויסגעשניצט געזיכט מיט א פאר פערפיה־רערישע אויגען... מיין קערפער איזווארעם, מיין פערלאנג איז זידענדיג. אבער דו ביזט אונפרוכטבאר, און איך קאן פון דיר קיין קינד נישט האבען... פאר מיר ביזטו טויט! פערפליה פון מיר, מיין פערפיהרער...

און צום דריטען מאל אין דער דריטער נאכט, האט ער צו איהר אזוי געזאגט:

— שענעם מעדעל, זאג מיר ווענינגסטענס. ווער איז דער גליקליכער, וואס טרינקט פון לויטערען קוואל... ווער איז דיין געליעבטער — זאג?

— מיין געליעבטער איז א שמיעד. מיט דער בלויסער האנד ברעכט ער אייזען, און מיט'ן בליק — מיין הארץ... אז ער וואשט זיך ארום פון אש און טוישט זיינע קליידער, איז ער שען, ווי א העלד... זיין אקסעל איז ברייט און זיין ארעם איז הייס... ער טראגט מיך ארום אויף די הענד, ווי א קינד, און ער פערזארגט מיך מיט עסען און שנעע־ווייסען בעטגעוואנד, און ער ליעבט מיך נאר איינע, נאר איינע, נאר איינע...

— נארישעם קינד — האט ער געענטפערט, עס האט אין דער לופטען נאך א מאל אבגעקלונגען: „נארישעם קינד"... און דער „פערשטויסענער" איז פערשוואונדען.

האלב פינסטער איז אין שמיעדריי. דער בלאז־זאק בלאזט. דאס פייער פלאמט. עס שטעהט דער שמיעד און שלאגט אויף אייזען, און זיינע אויגען שיטען פונקען.

עס געהט אַריין אַ וואונדער-שען מעדעל אין שוואַרצען.

— יונגער שמיעד, איך זעה דיין שען פּנים אונטער דער שוואַרצער סאַזשע און איך פיהל דיין הייס הארץ אונטער דיינע קליידער: דיין אָרט איז נישט אין שמיעדעריי... דיין אָרט איז ביי מיר, אין מיין וואונדער-שענעם פּאַלאַץ.

— וואונדערבאַרער גאַסט, איך זעה דיך דאָס ערשטע מאָל און דיינע ווערטער זענען אַזוי נייַ, אַזוי בעצויבערענד, און דיין שטימע אַזוי בעקאַנט...

— בעקאַנט?... אפשר רעדט אַזוי איינע פון דיינע בעקאַנטע? איינע פון דיינע נאָהענטסטע בעקאַנטע?

— מיינע בעקאַנטע, זאָגסטו? ווירקליך, זי רעדט טאַקע עהנליך צו דעם, אָבער דו רעדסט נאָך מילדער, נאָך זיסער פון איהר, און דיין געזיכט איז פיעל שענער פון איהרען, — אָבער איהר וועל איך טריי בלייבען אַזוי לאַנג, ווי איך וועל לעבען. דו וואונדערשענע, ניט פערפיהר מיך און פערשווינד פון מיינע אויגען...

און דאָס מעדעל אין פערשוואונדען. דער שמיעד איז געבליבען פערטראַכט, און איז דעם אָוועגד ניט געגאַנגען צו זיין געליבטער, ווי ער איז געוואָהנט געוועזען צו טהון.

און נאָך אַמאָל איז געקומען דאָס מעדעל אין אַ שענעם פאַרנאַכט, ווען דער שמיעד האָט גערוהט פון זיין אַרבייט. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט ביי זיין רעכטער האַנד, און איהר אַקסעל איז געוועזען נאָהענט צו זיינעם, און ער האָט געפיהלט איהר הייסען אָטהעם אויף זיין געזיכט. און דאָך האָט ער זיך ניט אָבגערוקט פון איהר.

— יונגער שמיעד — האָט זי צו איהם געזאָגט:

— מיין פּאַלאַץ איז פון גינגאָלד, מיין גאָרטען פון לויטערע רויזען, און מיין הייס איז דער הימעל... זיי דו מיין הערשער!

— ווער דו זאָלסט ניט זיין, שרעקליך איז דיין צויבערקראַפט און דו פערבלענדסט מיר די אויגען, און דער קאָפּ הויבט זיך אָן דרעהען, און דאָס האַרץ קלאַפּען. איך וויל אָבער טריי בלייבען מיין געליבטער. פערשווינד פון מיינע אויגען!

— כאַ—כאַ—כאַ! האָט זי זיך צולאַכט און איז לאַנגזאַם פערשוואונדען.

און אין דער לופטען האט זיך אָבגעקלונגען:
— כאַ—כאַ—כאַ!

און אז זי איז ווידער אַ מאל געקומען צו איהם, האט ער שוין אַליין געהײלט איהר אַנטקעגען מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, און ער האט אַזוי געזאָגט:

— וואונדערשענע, דו האסט מיך בעזיעגט און האסט מײן ליעבע בעזיעגט, טהו מיט מיר, וואס דו ווילסט: פון הײנט בין איך דײן שקלאַף.

אָבער דאס מערעל האט אויסגעשטרעקט צו איהם איהר האנד און האט געזאָגט:

— ברײטשולטעריגער שמיעד, ניט פערקויף אַזוי גרינג דײן מזל, און ניט הײל זיך צו בעשליסען! דו זעהסט מיך נאָר מיט די אויגען, אָבער אָנריהרען וועסטו מיך ניט קאָנען, ווײל איך בין אַ שוועבענדער גײסט, און וועסט מיך נישט קאָנען ניט האלזען ניט קושען...

— איך וועל דיך האלזען און קושען מיט די אויגען... איך געה נאָך דיר.

— פערבלענדעטער שמיעד, איך וואהן אין די הימלען, און די הימלען זענען הײליג, און עס איז ניטאָ דאָרט קײן פרעה־ליכקײט, און מען טאָר דאָרט ניט זינדיגען!

— דו וועסט זײן מײן פרעהליכקײט... איך געה נאָך דיר.

— שמיעד, דו האסט נאָך צײט צו בעדענקען זיך, כל זמן עס איז נאָך ניט שפעט. איך בין אַ רויך, אַ ווינד, אַ גײסט, אַ חלום. און דו וועסט מיך נישט קענען בעגרײפען. איך לעב אײביג, און איך צעהל ניט די יאָהרען, איך וואנדער אײביג און מעסט ניט מײן וועג... און דו וועסט מיך ניט קאָנען נאָכהאלטען.

— מײנע געדאנקען וועלען דיך נאָכהאלטען... איך געה נאָך דיר.

— אָבער איך בין אונפרוכטבאַר. און דו וועסט פון מיר קײן קינד נישט האָבען... מײן ברײטשולטעריגער שמיעד!

— און דאָך געה איך נאָך דיר! דו וועסט זײן מײן אײנציג קינד...

— אָבער אַז דער קלאַנג וועט דערגעהן צו דיין געליבטער, וועט ער זי טויטען, און פאר'ן טויט וועלען די ליפען איהרע שעלטען . . .

— אויף מיין קאָפ די קללה!

— ווער ביזטו, וואָס דו לאָזט זיך מיר ניט איינשכור'ען מיט מיין טרויער און לאָזט מיר ניט רוהיג שטארבען? — האָט זי געפרעגט ביים אומגעבעטענעם גאַסט אין די שפּעטערדיגע נאַכט.

— איך בין . . . אַלץ דערזועלבער, אַלץ דערזועלבער . . . און אַנזאָגען בין איך דיר געקומען, אַז ער האָט דיך פערלאָזען, דיין געליעבטער, פערלאָזען, פערלאָזען . . . אָ דו, וואָס דיין נאָמען איז פרוי!

ביים שייד-וועג.

אַ בלום, אַנ׳ערצויגענער אויף די בייטען פון וואַרעמען דרום, איז איבערגעטראָגען געוואָרען צו די שנעען אין צפון. איז זי אַ קראַנקע אין איהר בעט געלעגען. דורך אַ פענסטער האָבען זיך געזעהן די הויבע שנעע-בערג, וואָס זענען געשטאַנען, אַזוי ווי די וועכטער, גלייך ווי אַ ווילדער גאָט וואָלט זיי אַוועקגעשטעלט די ערד אָבצוהיטען, זי זאָל זיך פון איהרע אייזיגע קייטען ניט בעפרייען, און האָבען אונטערגעשפאַרט מיט זייערע שפּיצען דעם פראָסטיגען הימעל; און פון צווייטען פענסטער—אַ קליין פערוואָרפען דערפעל פון די אומגעלומפּערטע האַלב-ווילדע יאַקוטען. און אויף אַ בענקעל נעבען בעט איז ער, איהר געליעבטער, געזעסען, און האָט דורכ׳ן פענסטער אויף די בערג מיט פערטראַכטער טרויער געקוקט.

— מיין פריינד—האָט די קראַנקע פּלוצלונג די שטילקייט איבערגעריסען, און האָט צום פענסטער אַ בליק פון אַ שווערפערוואונדעטען פויגעל געוואָרפען: איך פיהל, מיין ענדע איז נאָהענט... דער פראָסט איז אַזוי שטאַרק... מיין האַרץ אַזוי דערפראָרען... ליעבער, פאַר וואָס זאָלען מיר ניט צודריקען היינט אַ האַרץ צו אַ האַרץ? פאַר וואָס זאָלען מיר אונזערע ליפּען אין איין קוש ניט צונויפגיסען?...

— ליעבסטע—האָט ער איהר מיט אַ צאַרטער מוטערליכער שטימע געענטפערט — דאָס לעבען שטעהט אין געפאַהר... דו טאָרסט זיך ניט אויפרעגען... דיין לעבען ניט פערקירצען...

— ליעבער, די געפאַהר... די געפאַהר וויל איך פערגע-

סען ... נאָך אײן מאָל פֿאַר מײַן טױט זאָל איך װיסען, אַז דו ביזט מײַנער ...

— ליבסטע, איך בין דײַנער — האָט ער לײַדענשאַפֿטליך אױסגעשטרעקט זײַנע אָרעם איהר אַנטקעגען.

און דער טאָג איז אַזױ װי אַ שײנער חלום פֿערשװאונדען. און בשעת זײ האָבען זיך אױפֿגעכאַפּט פֿון דעם חלום, האָט זיך שױן די זון מיט דער ערד געזעגענט, און האָט איהרע לעצטע בענקענדיגע שטראַהלען אין פֿענסטער געװאָרפֿען. זי האָט איהרע טיפֿע לײַדענדע אױגען צום דרױסען געקעהרט און האָט צו די בערג איהרע בליקען געװענדעט:

— דו זעהסט דעם רױטען קאָליר פֿון די בערג־שפּיצען — האָט זי געזאָגט... קײנמאָל האָט עס מיך, אַזױ װי הײַנט, ניט גע־ריהרט... בלוטיגע פֿלעקען ... דאָס האַרץ קלעמט...

און אין אַ װײַלע אַרום:

— די זון פֿערגעהט ... איך פֿיהל, איך פֿערגעה אױך מיט איהר צוזאַמען ... דאָרט איז שױן לאַנג דער פֿריהלינג געקומען ... די טײַכען שױמען ... די װעלדער רױשען ... הײַנט־מאָרגען שטאַרב איך ... דאַמאָלסט װעסטו פֿליהען, װי אַ פֿױגעל צו זײַן אײגענעם דאַך ... אַ געריס פֿון מיר װעסטו ברענגען... און איך װעל דאָ ליגען, אין דער פֿערפֿראָרענער פֿערשטײנערטער ערד, און די אױגען װעסטו מיר מיט שנײ פֿערדעקען, מיט דעם קאַלטען, אונפֿרוכטבאַרען שנײ..

זי האָט אַ ציטער געטהון.

— אָ, רעד ניט אַזױ, מײַן ליבסטע — האָט ער די האַנד איהרע אין זײַנע גענומען: — איך װעל דײַנע אױגען מיט קײן שנײ ניט פֿערדעקען, און דײַן קערפּער אין די פֿערפֿראָרענע ערד װעל איך ניט לאָזען... מיט זיך װעל איך דיך נעהמען... אַהין, װאו איצט איז פֿריהלינג, װאו עס רױשט, װאו עס שױמט װעל איך דיך טראָגען ...

— מײַן ליבער, מײַן געטרײַער! — האָט זיך בײַ איהר פֿון האַרצען אַ פֿערגרינגערענדער זיפֿץ אַרױסגעריסען, און די אױ־גען איהרע האָבען אױפֿגעשטראַהלט, װי צװײ זונען.

און ער האָט פֿאָרטגעזעצט:

— דו האָסט מיך אַ לעבעדיגע אהער, אין דעם לאַנד פֿון די טויטע בעגלײַט... וועסט אויך איצט מיר בעגלייטען... איך וועל דיך אהײם ברענגען!.. אהײם... דאָרט וועל איך דיך אין דער ווייבער פֿרוכטבאַרער ערד לעגען, אונטער אַ גרינענדען בוים, און עס וועלען שפּראָצען בלומען אויף דײַן קבר, און פֿויגעלעך זינגען, און איך וועל צו דיר קומען...

— לאַנג האָב איך דיך בײַ מײַן בעט אָבגעהאַלטען — האָבען איהרע ליפּען געשעפּטשעט: די פֿליגלען פֿערבונדען... איצט וועל איך רוהיג שטאַרבען... נײַן, איך וועל ניט שטאַרבען... איך וועל שלאָפֿען, שלאָפֿען...

— ווי דו וועסט נאָר אויפֿהערען דײַנע שמערצען צו פֿיהלען — האָט ער מיט אַ פֿעסטקײַט געזאָגט: — דאַמאָלס... דאַמאָלס וועלען מיר פֿליהען!

— פֿויגעלעך וועלען זינגען... בלומען וועלען וואַקסען... און דו וועסט צו מיר קומען, — האָבען איהרע ליפּען, אַזוי ווי די ליפּען פֿון אַ קליין־קינד, געחזר'ט — אָ, מײַן אײנציגער: קום אַ לעצטען מאָל אין מײַנע אָרעמס... לעג דײַנע ליפּען אויף מײַנע... טרינק אוים מײַן נשמה... מײַן אָטהעם טרינק אוים... דו וועסט מיך אַ טויטע פֿון דאַנען רעטען!

און פֿעסט־פֿעסט האָט זי זיך צו איהם מיט איהרע ליפּען צוגעדריקט; און בשעת ער איז צו זיך געקומען און האָט אַ בליק אויף זײַן געליעבטע געוואָרפֿען, איז זי שוין אַ רוהיגע, אַ שטילע אין זײַנע אָרעמס געלעגען, און האָט שוין מעהר קײן שמערצען נישט געפֿיהלט.

און דאַמאָלס איז די זון ווידער פֿערגאַנגען; ער האָט דעם קערפּער אויפֿ'ן בעטעל אוועקגעלעגט, און האָט זײַן בליק צו די בערג אָבגעקעהרט, און האָט אַזוי געזאָגט צו די בערג אין די טיעפֿעניש פֿון זײַן האַרצען:

— איהר הויכע שנעאיגע בערג מיט די בלוטיגע פֿלעקען אויף די שפּיצען! איהר האָט איהרע בלוטען אויסגעזויגען, און זײַט רויט געוואָרען פֿון איהרע בלוטען; איהר האָט זיך אין דעם מאָרגען־זאַפט פֿון איהר שאַרבען אויסגעבאָדען, און זײַט ווײַס געוואָרען פֿון איהר מאַרכען־זאַפט!

און דאַמאָלס האָט זיך צום ערשטען מאָל פֿון זײַנע ליפּען
אַ טויט-קללה אויף די מענשען אַרויסגעריסען!...

די משא איז געוועזען אַ גרינגע. דורך טאָג און דורך נאַכט האָט ער זי געטראָגען, און ער האָט אויסגעמײַדט די גרויסע שטעדט מיט די גרויסע וועגען, און ער האָט געבלאָנדזשעט איבער אונבעוואוסטע שטעגעלעך אין דער מלוכה פֿון די אונענדליכֿע שנעען, און אין די קלײנע פֿעריתום'טע הײַזלעך פֿון די גאַסט-פֿרײַנדליכֿע וואַלד-וועכֿטער פֿלעגט ער זײַן הונגער שטילען. און דער בליק זײַנער איז שטענדיג אין אײן זײַט געוועזען געקעהרט, אין דעם וועג זײַנעם האָט ער געהאַלטען אין דרום-זײַט. בײַ טאָג האָט איהם די זון געפֿיהרט, בײַ נאַכֿט — די שטערען. און אַזוי איז ער דרײַ טעג און דרײַ נעכֿט אָהן אַנ'אָפּרוה געגאַנגען, און קײנער האָט איהם ניט אָפּגעשטעלט, און קײנער האָט איהם ניט געפֿרעגט, וואָס ער טראָגט. און אויפֿ'ן פֿירטען טאָג איז ער געוועזען אַ טויט-מידער, פֿון קעלט אַ פֿערגליווערטער, און קוים וואָס די פֿיס האָבען איהם געהאַלטען. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים, וואָס איז געשטאַנען אין פֿעלד, און האָט זיך אָפּגע-רופֿען צו זײַן בעגלײַטערין:

— מײַנע פֿיס זענען מיד... מײַן קערפּער פֿערגליווערט... און דער וועג איז אַזוי לאַנג... מײַן פֿרײַנד, דו ביזט צו מיר פֿרײַ-וויליג אין דעם מערדערישען לאַנד געקומען און האָסט מיט מיר צוזאַמען מײַנע קעטען געטראָגען... דו האָסט מיך דעם הימעל, אונזער הימעל מיט זיך אין די אויגען געבראַכט... דו האָסט זיך אַלײן פֿאַר אַ קרבן אויף דעם אײַזקאַלטען מזבח געבראַכֿט. מײַן פֿרײַנד, איך פֿערלאָז דיך ניט...

און ער האָט אָנגעשטרענגט זײַנע לעצטע קרעפֿטען, און ער איז געגאַנגען אַלץ ווײַטער און ווײַטער, און זײַן פּנים איז אַלץ אין אײן זײַט געוועזען געווענדעט, און די אײן זײַט איז געוועזען — דער דרום.

און בשעת עס האָבען איהם מענשען בעגעגענט, און האָ-בען געפֿרעגט בײַ איהם, וואָס ער טראָגט, האָט ער זײ געענט-פֿערט:

— דאָס איז מײַן געליבטע, מײַן װײַב!

האָבען די מענשען קעגען איהם מיט אַ מיטלײַד געשמײַבעלט, און בשעת די מענשען האָבען פֿון איהם זײַן קאָסטבאַרע משא צונעהמען געוואָלט, האָט ער מיט אַ ציטערענדער שטימע אויסגעשריען:

— מענשען, זי לעבט! איך וועל איהר אַהײַם ברענגען... דאָרטען וועט זי אויפֿשטעהן, ד אָ ר ט ע ן...

דאַמאָלס האָבען איהם די מענשען ערקלערען געוואָלט, ד אָ ס אַ ז ו י ו ו ע ר ט נ י ט ג ע ט ה ו ן צ װ י ש ע ן מ ע נ ש ע ן, און זײַ האָבען אַ קבר פֿיר איהר גענומען גראָבען, האָט ער זיך אַ טרײַסעל געטהון, אַזוי ווי אַ געפֿאַנגענער פֿויגעל, און האָט זיך פֿאַנאַנדערגעווײַנט, אַזוי ווי אַ קינד:

— מערדער! איהר זאָלט זי ניט מקבר זײַן... זי שלאָפֿט!

האָבען איהם די מענשען, ווי אַ משוגע'נעם אָנגעקוקט, האָבען איבערגע'חזר'ט זײַערע ווערטער, ד אָ ס אַ ז ו י ו ו ע ר ט נ י ט ג ע ט ה ו ן צ װ י ש ע ן מ ע נ ש ע ן, און האָבען בײַ איהם זײַן משא מיט געוואַלט אָבגענומען.

דאַמאָלס איז שוין אָנהויב פֿריהלינג געוועזען.

דאָרט, וואו עס געהען זיך פֿאַנאַנדער צווײַ וועגען צווישען די עביגע שנעען, און אײַנער פֿיהרט צו די אײַזקאַלטע וואַסערען פֿון דעם צפֿונ'דיגען אָקעאַן, און דער צווײַטער פֿיהרט אין וואַרימען דרום אַרײַן, שטעהט אַ שטײַן, פֿון אַן'אויבעוואוסטער האַנד אַן'אַװעקגעשטעלטער און עפּעס איז אויפֿ'ן שטײַן אויסגעקריצט, עפּעס אַזוינס, וואָס מען קאָן ניט פֿערשטעהן, — אַ סימן פֿון אַ מצבה, אַ גראָבע, אַן'אומגעלומפּערטע, אָבער דאָך אַ מצבה. און עמיץ געהט-אַרום אַרום דעם שטײַן, און אָפּטמאָל פֿאַלט ער אויף די קניע פֿאַר'ן שטײַן און האַלזט איהם און קושט איהם, דעם שטײַן, און זײַנע ליפּען שעפּטשען עפּעס... ווער ווײַסט, צו אַ ברכה... צו אַ קללה... אָדער אפֿשר גאָר אַ תפלה... און בשעת עמיץ פֿאָהרט פֿאַרבײַ, לויפֿט ער אַנטקעגען און בעט, מען זאָל פֿאָהרען שטילער:

— אַ מענש שלאָפֿט!

און די אויגען זײַנע ברענען.

און כל-זמן עס איז געשטאַנען דער קורצער, בלאַסער, קרענקליכער זומער, פֿלעגט ער מיט ווײַסע צפֿון-בלומען דעם קבר באַפּוצען און קרענץ פֿלעגט ער פֿון זיי פֿלעכטען. און אז עס איז ווידער געקומען דער קאַלטער ווינטער מיט די בלישטשענדיגע שנעען, האָט ער מיט די פֿינגער בלומען אויפֿ'ן שנעע געמאָלען און „צום אַנדענקען" געשריבען. און אַז עס איז אַ צווייטען מאָל אַ שנעע אַרויסגעפֿאַלען און האָט די אותיות פֿערשאָטען, האָט ער ווידער און ווידער געשריבען.

דער פֿראָסט איז וואָס פֿון טאָג געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער, און איינמאָל בײַ נאַכט האָט זיך אַ שנעע-זאַווירוכע פֿאַנאַנדערגעהולעט, אַזוי אַז עס האָט זיך געדאַכט, דער הימעל האָט אויסגעשטרעקט זײַנע אײַזינע הענד און האָט די ערד, אַזוי ווי מיט צוואַנגען אַרומגעכאַפּט, און האָט זי געשטיקט אין זײַנע אָרעמס, און דער ערד האָט אָטהעם פֿערפֿעהלט...

אויף מאָרגען האָבען די דורכפֿאָהרענדע יאַקוטען אַ טויטען קערפּער אַנ'אויסגעשטרעקטען אויף אַ שנעאיגען בערגעל געפֿונען. זײַן פּנים איז געווען צו דער ערד אָבגעקעהרט, די ליפּען האַלב אָפֿען, אַזוי ווי פֿון אַ קוש אָבגעריסענע, און אויף זײַן פּנים האָט אַ שמייכעל גערוהט.

און די יאַקוטען האָבען אויף זייער שפּראַך איינע צו די אַנדערע אַזוי געזאָגט:

— דער פֿרעמדער איז צופֿרידען מיט'ן טויט... זײַן נשמה איז שוין געווים אַהין, צו די אייגענע, אַוועקגעפֿלויגען...

דאָרט, וואו עס געהען זיך פֿאַנאַנדער צוויי וועגען צווישען די עביגע שנעען, און איינער פֿיהרט צו די אייזקאַלטע וואַסערען פֿון דעם צפֿונ'דיגען אָקעאַן, און דער צווייטער פֿיהרט אין דעם וואַרעמען דרום אַרײַן, שטעהען איינער נעבען דעם אַנדערען צוויי שטיינער, צוויי מצבות. און ווינטער זילבערען זיך שנעען אַרום און אַרום, און אַז עס קומט דער פֿריהלינג, שענקט ער זיי אַ בלאַסען, אַ קרענקליכען שמייכעל אויף די ליפּען... און בשעת עס פֿליהען פֿאַרבײַ די פֿויגעל פֿון דרום, שטעלען זיי זיך אָב

אויף די שטײנער, קוקען זיך איבער שטיל און פליהען ווײטער. און בשעת עס געהט פארבײ א פארטיע פערשיקטע אין ווײטען צפון, שטעלען זײ זיך אב בײ די שטײנער, נעהמען אראב די פעקלעך פון די פלײצעס, און פערצעהלען זיך אײנע די אנדערע טרויעריגע געשיכטען פון די פרעכטיגע דרום-בלומען, וואס ווערען פערוועלקט און צוטראטען אין די שנעאיגע וויסטענישען פון דעם אײזקאלטען צפון...

ווען די בלומען וועלקען...

„... און דער ברוגז, וואס די ערד האט געפיהרט מיט דער זון דורכ'ן לאנגען אייז־בעדעקטען ווינטער, האט ביסלעכווייז גענומען ווערען שוואכער. עס האט נאכגעגעבען די ערד, עס האט נאכגעגעבען די זון, און זיי האבען זיך ווידער גענומען קעהרען איינע צו דער אנדערער, און אז זייערע בליקען האבען זיך בעגעגנט, האבען זיי זיך צושמייכעלט העל און קלינגענדיג, יעדערע אויף איהר שטייגער: די זון מיט איהרע ליכטיגע שטראהלען, די ערד — מיט איהרע גרויסע וועלדער, ברייטע פעלדער און שפיגעלדיגע טייכען, און זיי האבען זיך גענומען ציהען־ציהען איינע צו דער אנדערער, די זון און די ערד, מיט זייערע דורשטיגע אפענע ארעמס, האבען זיך געטראפען ערגעץ אויף א שטעגעל אין א שוימענדיגען פריהלינגס־פארנאכט, די זון האט בעפרוכפערט די ערד מיט איהרע שטראהלען — און אויף מארגען האט זיך בעוויזען דאס ניי־געבארענע בלומען־קינד אין לאנקע. און געגליכען איז דאס בלומען־קינד געוועזען צו א וואלקענדעל, און געגליכען צו א פריהלינגס־שטראהל—אזוי לייכט און אזוי ליכטיג איז עס געוועזען. די אויגען איהרע זענען געוועזען בלאע, גרויסע און קינדערשע, אין די בלאסע מילדע באקען — חן־גריבעלעך, און דער נאקען — מארמאר־וויים, אויף די ליפען האט גערוהט א זיסער מארגען־שמייכעל, און די ברוסט נאך ניט צובליהט זיך, און די גליעדער, ווי דער איער ביי דעם טייכעל, דין און בויגיג, נאך אהן דורשטען, נאך אהן פייער, און אין האנד א צויבער־שטעקעל אויף א גינגאלדען קעטעל, און זי געהט פון בייט צו ביים, און

קלאַפּט אָן מיט׳ן צייבער־שטעקעל אין די ווייכע ערד־שטיקער, און זי זינגט, און זי רופט:

„שטעהט אויף! שטעהט אויף! אַלע קינדער פון איין מאַמע, אַלע בלומען פון איין לאָנקע! וואָרום אַרויסגעפלויגען זענען שוין די טייבען פונ׳ם טויבענשלאַג אַרויס, און די ביהנען פון די ביהנע־שטאָקען, און אַ תחית־המתים איז אויסגערופען געוואָרען פון בלום צו בלום, פון לאָנקע צו לאָנקע, פון וואַלד צום טייך"...

האָט דערהערט דעם קלאַנג די ערד און אַלץ, וואָס אין איהר, האָט זי איינציגווייז גענומען אַרויסשיקען איהרע קינדער אויף דעם רוף: אויף דער גרענעץ פון וואַלד און לאָנקע האָט אַ בליץ געטהון דאָס מאַי־בלימעל מיט זיין בלאָען אויגעל; עס איז געקומען דער זילבערנער לאַנדיש און האָט זיך שטיפעריש פער־טויעט הינטער אַ שטרויך. לענגער האָבען זיך געלאָזט בעטען די נעלקען, די לעוואָקאָיען, אָבער זיי זענען געקומען, ניט פערשפע־טיגט, און עס איז געקומען די ערשטע רויז און האָט זיך צוקושט מיט׳ן ערשטען זונען־שטראַהל, וואָס איז איהר אַנטקעגען אַרויס. די טייכען האָבען גענומען אַריינגעהן אין די ברעגעס, די פעלדער זיך בעגראָזען, דער הימעל מיט פאַרבען זיך בעצירען, און די בלו־מען האָבען גענומען בליהען און וואַקסען, וואַקסען און בליהען.

און צוזאַמען מיט זיי אַלעמען וואַקסט און בליהט פאַנאַנדער אויך דאָס קינד פון די בלומען.

שוין לאַנג פלעגט דער פאַסטוך אַרויסטרייבען זיינע שעפסען אין לאָנקע פון סאַמע בעגינען און פלעגט זיי פאַשען פון זון־אויפ־גאַנג ביז זון־אונטערגאַנג. און דער פאַסטוך האָט געהאַט אַ ליע־בענדעס האַרץ מיט אַ פּאָר ברענענדיגע אויגען, פלעגען די מעדלעך פון ישוב שטיל חלומ׳ען פונ׳ם פאַסטוך און זיינע ברענענדיגע אוי־גען, און זיי פלעגען איהם בעזוכען ווינטער אין זיין שטיבעל, זומער אויף דער לאָנקע. און דער פאַסטוך פלעגט פלעכטען קוישלעך פון דינע יונגע צווייגען, און די קוישלעך פלעגט ער אָנפילען מיט רויטע און שוואַרצע וואַלד־יאַגדעס, פלעגט זיי אַרומדעקען מיט שמעקעדיגע בלומען און גרינע בלעטער און פלעגט ברענגען אַ מתנה יעדען אָוועגד אַנ׳אַנדער מעדעל: פּאַר אַ קוש — אַ בינטעל

יאגרעס, צוויי בינטלעך פאר צוויי קושען. און פרעהען פלעגען זיך די מעדלעך, און דער פאסטוך פלעגט זיך פרעהען, און די באקען פון די מעדלעך פלעגען זיך רויטלען. און די אויגען פונ'ם פאסטוך פלעגען ברענען, ווי די שטערען.

זיצט אזוי איינמאל דער פאסטוך אויפ'ן ברעג פונ'ם וואסער אין לאנקע און פלעגט זיינע קוישען און טראכט זיינע טראכטונגען, און די טראכטונגען זענען הײמליכע: היינט וועט ער ברענגען א מתנה דער שענסטער פון אלע בעדלעך אין ישוב, וואס קוקט אויף איהם הארציגער ווי אלע און געגלייט איהם מיט לענגערע בליקען ווי אלע... דערהערט ער פלוצלונג א פלעסק אינ'ם וואסער, ווי עמיץ וואלט דערביי א שטיין אינ'ם וואסער אריינגעווארפען. ער גיט א הויב דעם קאפ, דערזעהט ער אויף יענעם זייט וואסער א געשטאלט, לייכט ווי א וואלקענדעל און ליכטיג, ווי א זונען-שטראהל, אין דער רעכטער האנד א צויבער-שטעקעל, און די לינקע ווינקט צו איהם, האט ער איבערגעלאזט דעם קוישעל, אזוי ווי עס איז געוועזען, און די שעפסען אזוי, ווי זיי האבען זיך געפאשעט, און האט זיך געלאזט, אזוי ווי א שווים-פויגעל, איבער'ן וואסער. און אז ער איז אויפ'ן צווייטען זייט געקומען, האט אין דער לופטען נאך געפלאטערט א גאלדענער אבשיין פון גאלדענע לאקען, און די לופט איז פול געוועזען מיט א דופטען פון א בליהענדען מאי-קערפער, אבער פון דער זעהונג איז שוין קיין זכר ניט געבליבען.

פערוואונדערט און דערשראקען האט זיך דער פאסטוך צו זיינע שעפסען צוריק אומגעקעהרט. מיט פערדריקטע ליפען, מיט א וועהטאג אינ'ם הארצען איז ער אויפ'ן לאנקע געבליבען זיצען, דעם קויש מיט אלע ישוב-טעכטער האט ער אין גאנצען געהאט פערגעסען, און האט יענעם טאג זיין טשערעדע אהיים פריהער פון אלע אנדערע טעג אוועקגעטריבען.

און עס האט זיך אנגעהויבען א שווערע צייט פון נסיונות פאר'ן פאסטוך. זיצט ער אזוי פון בעגינען ביז שפעט אין אוועגד אויף דער לאנקע, און זיין קאפ וויל עפעס טראכטען, אבער קיין געדאנקען זענען ניטא, און זיין הארץ וויל עפעס פיהלען, אבער

דאָס האַרץ איז פערשטיינערט, שטרעקט זיך אויס זיין האַנד צו אַ יונג בוימעל, ברעכט זי אַראָב דעם שפּיץ פונ'ם בוימעל און מאַכט זיך אַ פייפעל, און עס צוגיסען זיך איבער דער לאָנקע און דער־גרייכען ביז אין וואַלד אַריין טרויעריגע, רופענדע, האַרץ־פערכאַ־פענדע טענער. עס קומען צוגעהן די מעדלעך פונ'ם ישוב, דער פאַסטוך בעמערקט זיי ניט, עס פערבלאָנדזשעט אַ שעפּס פון דער סטאַדע, דער פאַסטוך בעמערקט עס ניט, און די שענע טעכטער פונ'ם שטילען ישוב פלעגען זיך וואונדערען און ניט קענען פערשטעהן:

— וואָס איז עס מיט אונזער פאַסטוך געוואָרען?

דער זומער איז דערווייל געגאַנגען זיין אויסגעטראָטענעם וועג... דער קאָרן האָט זיך מיט אַ מאָל אַ שטאַרקען הויב געטהון, האָט אָנגעהויבען בליהען און אָנגיסען זיך, דער האָבער האָט פאַנאַנדערגעלאָזט זיינע געקרייזעלטע לאָקען און האָט זיי געהוידעט אויפ'ן ווינטעל, די גערשטען איז געוואָרען עלטער און ערענסטער, האָט זי שטרענג גענומען קוקען אויף די אַרומיגע תבואה־משפּחה, אַזוי ווי זי וואָלט זאָגען:

„אַזוי, אַזוי, נאָר נישט געשפּיעלט זיך, נאָר נישט געשטיפּט, מיט'ן ווינד נישט געפלאַפּעלט, מיט די בינהען זיך ניט גע'סוד'עט"... אָבער די מילך־ווייסע גריקע האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט און האָט אַ גאַנצען טאָג נאָר געטהון און פערפיהרט מיט איהר האָניג די בינהען, וואָס האָבען אויפ'ן גריקע־פעלד זייערע קאַרעראָדען געפיהרט... די טעג זענען געוואָרען לאַנג, ווי נאָר מעגליך, די זון הייס, ווי נאָר מעגליך, און זי האָט מיט איהרע שטראַהלען־ליפּען אַזוי שטאַרק געזויגען דעם וואַסער אין לאָנקע, אַז עס האָט ביסלעכווייז גענומען אויסגעהן, אויסגעהן— ביז עס איז אַ האַלבעס געוואָרען.

און דאַן האָט איהר דער פאַסטוך נאָך אַ מאָל דערזעהען, דערזעהען און קוים דערקענט. אין די לעצטע שטראַהלען פון דער פערגעהענדער זון האָט זי זיך בעוויזען, אין שטראַהלען איינגעוויקעלט, אַזוי ווי אין אַ פורפור־מאַנטעל, אָבער דורכזיכטיג איז געוועזען דער פורפור־מאַנטעל, האָט דער פאַסטוך געזעהען, ווי די גליעדער איהרע האָבען מיט ריינקייט געשפּריצט, די לאַנגע פונאַנדערגעוואַקסענע לאָקען האָבען זיך געשלענגעלט אַרום נאַקען,

ארום די פולע ברוסט, וואס האט אזוי ווי געוואונקען, אזוי ווי גערופען, איבערפולט מיט די היימליכסטע גלוסטען, און זי איז געשטאנען, דאכט זיך, אזוי נאהענט — מיט דער האנד צו דערלאנגען.

אבער ווי דער פאסטוך האט זיך אויפגעהויבען און האט געוואלט צו איהר גענעהנען, האט זי זיך באלד גענומען דערווייטערען, און דערווייטערענדיג האט זי גערופען:

— יאג מיך, פאסטוך, חאפ מיך, פאסטוך, ניט דער ערשטער, ניט דער לעצטער... פיעלע האבען שוין געיאגט מיך, פיעלע האבען שוין געהאפט מיך... ניט דעריאגט מיך, ניט דערהאפט מיך, ניט בעריהרט מיך נאך אפילו... פיעלע, פיעלע...

— מיט די בלומען בין איך געקומען, מיט די בלומען וועל איך אוועקגעהן, — און אונזערע וועגען האבען זיך אויפ'ן בלומענוועג געטראפען... און זעהסטו די הימלען, ווי זיי באדען זיך אין שטראהלען, דאס טייבעל, ווי עס לאשטשעט זיך צו די ברעגען מיט די טרוימערישע וואסערלעך, און זעהסטו דעם שמעטערלינג, וואס פליהט איבער פון בלימעל צו בלימעל... איך בין נאר דער אבשיין פונ'ם הימעל, דער שאטען פונ'ם שמעטערלינג, דער אבקלאנג פונ'ם פריהלינגס־ליעד... איך בין נאר דער אבשיין, דער שאטען, דער אבקלאנג... דער אבקלאנג פון געטליכען גלאנץ.

און עס ענטפערט איהר דער פאסטוך אין זיין יאגען:

— א ראהם איז דער הימעל, א ראהם איז דאס טייבעל, די בלומען — א ראהם, און דו ביזט דאס איינציגע ביילד!

און זי לאכט שוין העכער, ווי פריהער, און פערשווינדט שנעלער, ווי פריהער:

— ווער האט דיך פערבלענדעט, פאסטוך, פאסטוך!

— דו, דו האסט מיך פערבלענדעט — זאגט דער פאסטוך אין זיין יאגען, פערפיהרט האסטו מיך מיט דיין צויבער, מיט דיין גלאנץ, און פרעמד איז מיר געווארען דאס לעבען, און אייגען דער טויט.

— ניט איך — שמייכעלט טרויעריג דאס קינד פון די בלומען — נאר דיין אויג האט דיך פערפיהרט, ווארום צו שארף איז געוועזען דיין אויג, און זי האט דאס קינד פון די בלומען געזעהען...

און לאבענדיג שוועבט זי אלץ ווייטער, און דער פאסטוך נאך איהר, פערשווינדט פון לאנקע אין וואלד אריין, דער פאסטוך נאך איהר און זי ווינקט איהם, און זי רופט איהם:

— ס'איז פארהאן א גרענעץ צווישען לעבען און טויט, און אויף דער גרענעץ זעהסטו מיך, אויף דער גרענעץ חאפסטו מיך... חאפ מיך, פאסטוך, יאג מיך, פאסטוך...

אין דער רגע האט זיך די זון פערקייקעלט הינטער'ן וואלד, דער פורפור האט גענומען צושווימען, און די זעהונג איז פערשוואונדען.

אבער דער פאסטוך איז נאך לאנג ווי א פערשכור'טער געשטאנען אויף איין ארט, און זיינע ליפען האבען שטיל־שטיל געשעפטשעט:

— און מיין אויג האט דאס קינד פון די בלומען געזעהען...

איז סוף זומער געוועזען דער יום־טוב פון ישוב. האבען זיך צונויפגעקליבען די ישוב־לייט, יונג און אלט, און האבען פערבראכט די צייט אין טענץ און געזאנג. און די זיהן פון ישוב האבען זיך אויף דעם יום־טוב אויסגעקליבען טעכטער פון ישוב. איז געקומען דער פאסטוך אויפ'ן יום־טוב און האט דערצעהלט די טעכטער פון ישוב פון זיינע זעהונגען, וואס ער זעהט, האבען זיי זיך פאנאנדערגעלאכט מיט א גרויסען געלעכטער פון זיינע חלומות, וואס ער חלומ'ט... איז דער פאסטוך נאך טרויעריגער געווארען, האט זיך פעררוקט אין א ווינקעל און האט אבגעשוויגען דעם גאנצען אווענד, און זיינע ליפען האבען זיך ניט צוגעריהרט צו די זיסע שפייזען מיט די שארפע געטראנקען.

יענעם אווענד האט איינער צוגענומען די שענסטע טאכטער פונ'ם ישוב, וואס האט זיך מיאש געווען פונ'ם פאסטוך און האט פון פערדראס א צווייטען אבגעגעבען איהר הארץ.

און אזוי ארום האט זיך דער זומער גענומען איבערקלייבען מיט זיינע פויגעל־שאארען אין די ווארימע לענדער אריין. עס איז געקומען דער טרויעריגער מאלער הערבסט מיט דער פאליטרע

אין דער האנד און האט גענומען איבערמאלען די וועלט אויף דאס ניי. האט ער צום ערשטען מאל א פיהר געטהון מיט זיין פינזעל אויפ'ן גאנצען שטח פון הימעל ביז דער ערד און האט צומישט די פארבען אויף טונקעל-גרוי, און ער האט א צווייטען מאל א פיהר געטהון מיט זיין פינזעל, און האט אוועקגעלעגט א קאלטען קאליר אויפ'ן הימעל און א קאלטען קאליר אויף דער ערד. ער איז צום וואסער ארוים, און האט דעם וואסער מיט זיין קאלטען אטהעם אויפגעבלאזען, האבען גענומען אומגעהן בלייערנע חוואליעס איבער'ן וואסער, און אין לאנקע איז געווארען אוים גראזען, אוים בלומען, און אין פעלד—אוים ליעדער, אוים תבואות: די גענייטע ערד-ארבייטער האבען די תבואות שוין פון פריהער צונויפגעפיהרט אין שייער, און דאס נייע בילד איז געוועזען קארג אין שטריכען, קארג אין פארבען: דא א שפינוועבס אויף א ביימעל, דארט א שווארצער ראב אויף א אבגעהוילטען צווייגעל, ווייטער—א קאלטער שטראהל אריינגעווארפען אין פערהויכטען וואסער-שפיגעל. דער פאסטוך האט זיינע שעפסען אין די ווארעמע שטאלען איבערגעלאזט, און אליין האט ער זיך אין זיין שטיבעל פערשפארט. אין די סעדער האט מען שוין לאנג די ווינטער-עפעל אראבגענומען. דער רויטער מאהן האט זיין קעפעל אויף ליידיג אויסגעטרייסעלט, עס האט גענומען קאפען א הערבסט-רעגענדעל און האט ווייך געמאכט די ערד, און דער פאסטוך פלעגט אומעטיג און פערזארגט פון צייט צו צייט דורכ'ן פענסטער ארויס-קוקען.

חאפט ער זיך אויף איין מאל אין דער פריה — די קעלט האט איהם אויפגעוועקט — זעהט ער, קאלטע ווינטער-שטראהלען ציהען זיך דורכ'ן פענסטער און בעמאלען די וועגד מיט א שפאטישען קאליר, ער גיט זיך א קעהר, הערט ער—עמיצער קלאפט אינ'ם שייבעל — ער האט איהר גלייך דערקענט... אבער ווי איבערגעביטען זי איז געווארען: דער מארמאר-ווייסער קערפער דאר און פערוועלקט, די ברוסטען איינגעפאלען, די גאלד-געוועזענע לאקען שיטער און דורכזיכטיג, און ווייסע טראפענס פערפראהרענע טוי אין די לאקען, ווי גרוי געווארענע זעהען זיי אוים, נאר די אויגען זענען געווארען נאך גרעסער, נאך טיעפער, אנגעשפטע מיט צער ביז איבער די ברעגען...

דער פאסטוך געהט ארוים איהר אנטקעגען, שטרעקט אוים

זײַנע הענד. פֿאַלט זי אָהנמעכטיג אַרײַן אין זײַנע אָרעמס — ער וויל איהר אין זײַן שטיבעל אַרײַננעהמען, צו זײַן אויסגעוועהטאָגטען, אויסגעבענקטען האַרצען צוטוליען, דערפֿיהלט ער באַלד אַ טויטען פֿערגליווערטען קערפּער אין די אָרעמס — פֿון ערשטען מענשליכען ריהר האָט דאָס בלומען-קינד איהר נשמה אַרויסגעהויכט.

עס האָט זיך קיין איין גלאָק אויפֿ׳ן טורעם מיט קיין קלונג ניט אָבגערופֿען און קיינער האָט קיין וואָרט פֿונ׳ם קדיש ניט געשעפּטשעט, ווען דער פּאַסטוך האָט, אײַנגעוויקעלט אין אַ מאַנטעל, זײַן אויסגע׳חלומ׳טע בלומען-קינד צום בית-עולם אַוועקגעטראָגען, און האָט עס שטיל בײַם פּאַרקאַן אין אַ אויסגעגראָבענעם קבר בעגראָבען... עס האָט זיך נאָר אין שפּיץ פֿון אַ בוים אַ שוואַרצע קראָהע מיט אַ יאָמערליכען קול צושריען, און דער ווינד האָט זיך פֿון איין שפּיץ-בוים צום צווייטען אַ לאָז געטהון, האָט די שפּיצען בוימער פֿאַנאַנדערגעוועקט, און האָט פֿון איינעם צום צווייטען די טרויעריגע בשורה געבראַכט.

און פֿון דאַן קומט עס פֿאַר יעדעס יאָהר, ווען עס ווערען פֿערוויאַלעט די בלומען אין לאָנקע, און דער ווינטער שטעלט זיך אַוועק אויף דער שוועל, דאַן זעהט מען פֿאַרנאַכט, ווי עס געהט עמיץ אַרום פֿונ׳ם ישוב אין אַ שוואַרצען מאַנטעל פֿערוויקעלט, און עפּעס טראָגט ער אונטער׳ן מאַנטעל, און פֿערקערעוועט זיך אויפֿ׳ן וועג צום בית-עולם — און אַז ער געהט צוריק, ווייסט דער גאַנצער ישוב, אַז דאָס האָט דער פּאַסטוך אויפֿ׳ן בית-עולם זײַן זומער-חלום צו קבורה געבראַכט...

די אויסדערוועהלטע.

... און שענע רייצענדע בילדער האבען געשוועבט פאר זיינע אויגען ...

א מאל איז עס געוועזען א בת מלכה, א פערטריבענע, בארוויס, אין א שווארץ אבגעניצט קליידעל, די אויגען טיעף, ווי דער אבגרונד, שווארץ, ווי די נאכט, און בלישטשענדיג, ווי דער מארגענשטערען, און איהר בליק שניידט דורך דאס הארץ, אזוי ווי א בליץ די וועלט, און איהר שטימע איז פעסט און בעפעהלענד, פונקט א יונגער דונער, וואס ברענגט א פריהלינגס-גרוס פון בעשעפער. און אמאל איז דאס געוועזען א געשטאלט פון אנ'ארים דארפס-מעדעל. דער קאפ — גאלדלאקיג, די אויגען — העל-בלאע קארנבלומען. אויף די מאט-ראזע באקען — גריבעלעך, אין וועלכע עס האט זיך דאס גליק פון דער מענשהייט פערטויעט. און אונטער איהרע בליקען וויעגט זיך דאס הארץ, אזוי ווי דאס צייטיגע קארנפעלד אין די ארימס פונ'ם פרישען ווינטעל, און איהר שטימע — א קלאר טייבעלע אין טאל.

אבער די, וואס דער דיכטער האט אויף זיין וועג בעגעגענט, האבען זיין הארצען געריהרט ניט מעהר, ווי א בינטעל פערוויאלעטע בלומען. און זיין בענקעניש איז וואס ווייטער אלץ מעהרער געוואקסען, ביז עס האט זיך פערוואנדעלט אין א ברענענדיגען פייער-זאל, וואס האט איהם געפיהרט אינ'ם מדבר פון לעבען אלץ ווייטער און ווייטער ...

און זיין הארצען איז נאך דאמאלסט געגליבען געוועזען צו

אַ פֿעלד, אַ בעדעקטען מיט אַ שנעע-מאַנטעל, און די אויגען האָבען געבלישטשעט קאַלט, ווי די שטערען אין אַ פֿראָסטיגע נאַכט. און גרויס איז געוועזען די בענקעניש פֿונ׳ם דיכטער; אַזוי ווי די בענקעניש פֿונ׳ם פֿערטריבענעם מלאך נאָך די טונקעל-בלאָע פֿעלדער פֿונ׳ם סאַפּפֿירענעם זומער-הימעל...

איינמאָל אין אַ פֿריהלינג-טאָג האָבען איהם זײַנע פֿים געבראַכט אין אַ גרויסע שטאָדט. מיט דעם וואַנדער-שטעקען אין דער האַנד, מיט אַ פֿלאַקער אין די אויגען איז ער איבער די גאַסען אַוועק. און ער האָט בעזוכט די שענסטע פּאַלאַצען, וואו עס נעסטען די אָדלער פֿון דער וועלט — די רייכע, און איז אַרײַנגעדרונגען אין די פֿינסטערע קעלערען, וואו עס פֿערבאָרגען זיך פֿון די אָדלערשע רויבער-אויגען די שוואַכע שוואַלבען — די אָרימע. אָבער ערגעץ האָט זײַן אויג איהר דאָרשט ניט געקאָנט שטילען, און זי האָט אַלץ געשטרעבט ווײַטער, ווײַטער, אַזוי ווי עס שטרעבט די ערד אַרום איהר אַקס און ווייסט ניט, וואו איהר ענדע ציעל איז.

אויף איינער פֿון די רוישענדע גאַסען האָט ער דאָס בילד אין אַ ווינקעל פֿון אַ שוי-פֿענסטער דערזעהן. און ניט ווילענדיג האָבען זיך די אויגען זײַנע באַלד צונעמאַכט: אַזוי מאַכען זיך צו די אויגען פֿון יענעם, וואָס גיט אַ קוק דער זומערדיגער זון אין ליכטיגען פּנים אַרײַן. און אַ שרעק האָט איהם אַרומגעכאַפּט: צו איז דאָס ניט אַמאָל נור אַ חלום געוועזען, וואָס נאַרט דעם מידען וואַנדערער אין דער צובּרענטער וויסטעניש — ער עפֿענט שנעל אויף די אויגען — און צוויי פֿלאַטערענדע טויבען — צוויי אויגען האָבען זיך צום ווינקעל פֿון שוי-פֿענסטער געלאָזט פֿליהען — ניין! דאָס בילד איז ווי אַ לעבעדיג׳ס אין ווינקעל פֿון שוי-פֿענסטער געשטאַנען.

— די בת מלכה... די פֿערטריבענע... די בת מלכה — האָט איהם אַ צויבער-שטימע אין די אויערען געזונגען.

אַ שיף, בײַ וועלכער דער שטורמווינד האָט די זעגעל-בוימער אַוועקגערויבט און האָט איהר אומגעוואָרפֿען, ווי אַ שפּיעלצאַצקע איבער די וועלען, איז אומגעריכט צו אַ רוהיגען ברעג געקומען.

אַ וואַנדערער, פֿון די כּוחות אַנ׳אַרויסגעשלאָגענער, האָט פֿלוצלונג אינ׳ם מדבר אַנ׳אָאַזיס געטראָפֿען.

דאָס מעדעל איז געוועזען האַלב־קינדיש, האַלב דערוואַקסען. באָרוויס, אין אַ שוואַרץ צוריסען קליידעל. אויפֿ׳ן קינסטלערישען קאָפּ אַ וואָלקען שוואַרצע האָהר, און דער בליק לייטערט די נשמה מיט אַ געטליכען פֿייער.

„די בת מלכּה... די פֿערטריבענע״... האָבען זיינע ליפּען ניט אויפֿגעהערט שעפּטשען.

און דאַטאָלסט האָט מיט׳ן דיכטער אַ וואונדער געשעהן. דער אייז־מאַנטעל, וואָס איז איבער זיין האַרצען געוועזען פֿערצויגען, איז צושפּאָלטען געוואָרען אויף שטיקער און איז אוועקגעשוואומען אין ים פֿון פֿערגעסענהייט. איבער זיין האַרצען האָט זיך פֿערצויגען אַ הימעל — מיט מאַיאָווע וואָלקען׳ס אַ בעדעקטער... אייזגאַנג... פֿריהלינג... און די אויגען זיינע ברענען, אַזוי ווי אַ לייכט־טורעם אין אַ שטורמדיגען ים.

אַז דער דיכטער האָט די אויגען פֿונ׳ם לייווענד אָבגעריסען, זענען שוין די נאַסען געוועזען לעדיג, די פֿייערען אויסגעלאָשען.

יענע נאַכט האָט דער דיכטער די מענשהייט אין זיין בענייטען האַרצען מיט אַ ברכה פֿון הויכע שנעע־ווייסע בערג־שפּיצען געבענשט!

ווער איז ער, דער בעריהמטער מאַלער פֿון דעם וואונדערשענעם צויבער־בלום, און מיט וועלכען קלינגענדיגען נאָמען בעקרוינט ער זיך?

ווענענס געבענשטע האַנד האָט דעם פּינזעל פֿון לעבען איבער׳ן טויטען לייווענד געפֿיהרט. און ווענענס דרייסטע ליפּען האָבען דעם געטליכען בעפֿעהל אַ צווייטען מאָל איבערגעחזר׳ט, „עס זאָל ווערען ליכטיג״, און עס איז ליכטיג געוואָרען?

וואָלט דער דיכטער אַ גרויסען פֿערמעגען געהאַט, וואָלט ער דעם גאַנצען פֿאַר דער צויבער־בלום אָבגעגעבען, און די צויבער־בלום וואָלט ער צו זיך גענומען, — אָ, ווי אָרים עס איז, ווי שרעקליך ער איז אָרים!

אָבער וואָס פֿאַר אַ אונבעקאַנטען נאָמען ער געפֿינט אויפֿ׳ן

בילד ! דעם ערשטען מאל הערט ער איהם צווישען די נעמען פון די גרויסע גאט'ס נאכאהמער — די מאלער. האט ער זיך צו די פארבייגעהער מיט א פראגע וועגען דעם אונבעקאנטען געווענדעט. האבען זיי איהם פערוואונדערט אנגעקוקט און אלע האבען אין איין קול געענטפערט:

— נישטא ביי אונז אזעלכער — און האבען איהם א צוויי־דריי אנדערע א נייגע'הור'טע נעמען אנגערופען, און זענען רוהיגע און זי־כערע ווייטער אוועק זייער וועג.

אין בילדער־קראם האט מען איהם די וואהנונג פון דעם אונבעוואוסטען אנגעוויזען, און דער דיכטער איז צום מאלער אוועק.

אויף א הינטער געסעל. אז ער האט זיך אויפגעהויבען צום אנגעוויזענעם דאך־שטיבעל און האט אין טירעל אנגעקלאפט, האט איהם אנטקעגען ארויסגעקוקט א צושויבערטער קאפ און האט זיך אבגערופען:

— ווער ביזטו אזוינס, וואס דו קומסט צו מיר? קיינער האט נאך ניט אריבערגעטראטען מיין שוועל. דו האסט זיך געוויס טועה געוועזען ... פערבלאנזשעט.

— ניין, — האט געענטפערט דער דיכטער — איך האב ניט פערבלאנזשעט. איך בין געקומען דריקען דיין האנד פאר דער „אויס־דערוועהלטער“ ... און פרעגען, וואו וואהנט די, פון וועלכער דו האסט דאס בילד געשריבען.

— די „אויסדערוועהלטע“ ... איך האב זי א בארוויסע אויפ'ן גאס געטראפען, דערנאך איז זי ווידער אוועק ... שוין א טויטע ... פאר מיר.

— און פאר מיר איז זי איצט צום לעבען אויפגעשטאנען — האט דער דיכטער געשעפטשעט.

און צום מאלער האט ער געזאגט:

— איך מוז היילען. און דו האסט זיך מיט גאט פערוועט און האסט גאט איבערגעשטייגט!

און דער דיכטער איז פון שטוב צו שטוב, ווי א בעטלער, אוועקגעגאנגען און אומעטום האט ער געפרעגט:

— זאגט מיר, גוטע מענשען, ווער פון אייך האט אזא טאכטער, וואס זי איז געגליכען צו א בת מלכה און וואס מ'ע'ן

דופט איהר די „אויסדערוועהלטע״ ?

פון די הויכע בוידעמער און נידעריגע קעלערס פלעגען ארויסגעהן איהם אנטקעגען הארעפּאסניקעס, ביינערדיגע מענשען מיט פינסטערע אבגעצערטע פנים׳ער, די טעמפּע פאלגזאמע לעמפּערטען אין דעם ווילדען וואלד פון דער מענשהייט און פלעגען איהם טעמפּ און ליידענשאפטלאז ענטפערען :

— מיר האבען א סך טעכטער מיט פערשידענע נעמען, אבער קיין אויסדערוועהלטע געפינט זיך נישט צווישען זיי.

און קיינער האט איהם דעם וועג ניט געקאנט ווייזען.

ביים זייט פון געסעל, אין א שמוציגען גראבען, האבען זיך געשפּילט די פערוועלקטע בלומען פון די ארימע קווארטאלען — די ארבייטער־קינדער, און יענע האבען איהם צו דער ארימער מוטער פון דער אויסדערוועהלטער געבראכט.

אבער די ארימע מוטער האט איהם מיט א בליק פון פערצווייפלונג בעגעגענט, און א קוואל ביטערע טרעהרען האט א פלאס געטהון פון איהרע אויגען.

— שלעכטער מענש, וואס ביזטו געקומען ביטערער צו מאכען מיינע וואונדען... נעכטען האט מען זי אויפן בית־עולם אוועקגעפיהרט. געשטארבען איז זי, מיין טאכטער.

— עס קאן ניט זיין! עס טאר ניט זיין! האט דער פרעמדער קוים כח געהאט אויסצורעדען.

א חתן, שטעהענדיג אונטער דער חופה, האט א ידיעה בעקומען, אז זיין געליבטע כלה איז געשטארבען.

א בייזער כשוף׳מאכער האט א קייזערליכען פאלאץ אין א פינסטערע חורבה פערוואנדעלט...

— זאג מיר נאר, וואס דו בעטייליגסט זיך אזוי אין מיין טרויער, איז דאס אויך דיין טרויער ?

— יא, מוטער, דער מלאך פון טויט האט מיט זיין קאסע דעם שענסטען בלום פון מענשהייט־שטרויך אראבגעשניטען. איהר טויט איז אויך מיין טויט. איך בין איהר חתן געוועזען!

אין ליניקען ווינקעל פון בית־עולם, סאמע ביים פארקאן, זעהט זיך א פרישׁ אנגעשאטען בערגעל. און אויף איהם א קרענצעל בלויע בלומען, א מתנה פון א אונבעוואוסטען הארצען, און א אונבע־

קאַנטער שטעהט געקניעט פאַר'ן בערגעל און די הענד זענען צונויפגעלעגט, אזוי ווי צו אַ תפלה... אין מערב-זײַט געהט אַוועק די גאָלדלאָקיגע פּרינצעסין אויף איהר רוה. פון מזרח טראָגט זיך אַ בלײַערנער וואָלקען אויף זײַנע פליגלען און שטרעקט אויס אָבשײַליכע לאַנגע פינגער איהר אנטקעגען. אַ צושראָקענע, אַ פלאַטערענדע, וואַרפט זיך די גאָלדלאָקיגע פּרינצעסין אַרײַן אין דעם ים פון איהרע אײגענע שטראַהלען, און טרינקט זיך, און טרינקט זיך... עס ווערט פינסטערער, פינסטערער... און דער אונבעקאַנטער אויפ'ן בית-עולם ווערט אײַנגעהילט אין אַ שוואַרצען טרויער-מאַנטעל, פון פינסטערע נאַכט-שטראַהלען אַ געוועבטען. באַלד וועלען די טויטע אַרויס פון די קברים...

עס איז פערפלײַצט געוואָרען דער גאָלדלאָקיגער קאָפּ.

אַז דער דיכטער איז אַ צווײַטען מאָל צום מאַלער געקומען און האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז די אויסדערוועהלטע איז געשטאָרבען, האָט קײַן אײַן וואָלקען-פלעק דעם מאַלערס אויגען נישט פערצויגען.

— פאַר מיר איז זי אונשטערבליך אויפ'ן בילד — האָט ער קאַלט און רוהיג געענטפערט.

— און איך — האָט פּלוצלונג דעם דיכטער אַ געדאַנק אַ שמײכעל געטהון אין זײַן אויסגעוועהטאָגטען האַרצען: — איך וועל זי ווידער צום לעבען אויפוועקען. אינ'ם קעניגרײַך פון דער שטראַהלענדיגער שענהײַט וועל איך זי צום לעבען אויפוועקען, און אַ פּאָעמע פון דער שטראַהלענדיגער שענהײַט וועל איך איהר אַ מצבה שטעלען...

און דאַמאָלסט איז ער ווידער צום שוי-פענסטער אַוועק.

און בײַ נאַכט אויפ'ן געלעגער פלעגט זיך דאָס בילד פאַר זײַנע אויגען טראָגען, די הענד פלעגען זיך אין אַ אומאַרמונג אויפעפענען און ער פלעגט פיהלען אויף זײַנע באַקען אַ הויך. אַ ליבע וואַרימקײַט פון אַ דופטענדען מאַי-קערפּער...

און אין אײַנע פון די בענקענדיגע שענהײַטס-דורשטיגע נעכט האָט זיך דער דיכטער פאַר זײַן פערער גענומען.

אַז דער דיכטער איז אײַנמאָל צום שוי-פענסטער געקומען,

האט ער דעם בילד שוין אין פענסטער ניט געפונען.

און א גרויסער טרויער האט זיין הארצען דערפילט, אזוי ווי מען וואלט זיין נשמה צו דער תליה געפיהרט, און א טויט-געדאנקען האט דורכגעגעבערט זיין קאפ:

— פערקויפט!

— פערקויפט — האט מען איהם אין בילדער-קראם מיט א צופרידענעם שמייכעל, קענטליך מיט'ן לייזונג, געענטפערט: — איינעם אנ'אדלער פון די רייכע גאסען.

שוואנקענדיג, אזוי ווי א געפעהרליך פערוואונדעטער, איז ער אויפ'ן בית-עולם אוועק. און פאר די אויגען זיינע האבען זיך פייערדיגע אותיות געטראגען, און די אותיות האבען זיך פון זיך אליין און ניט ווילענדיג געלייענט, און דער זין זייערער איז געוועזען:

— פערקויפט!

גרויס און גערוימיג איז געוועזען דאס צימער, וואו עס זענען פאנאנדער געהאנגען געוועזען פערשידענע בילדער פון א סך בעוואוסטע מאלער, גרויסע בלישטשענדיגע שטערען אויפ'ן הימעל פון קונסט... דער אלטער אדלער, דער קונסט-אמאטאר, פלעגט אלע טאג דעם צימער בעזוכען צוזאמען מיט זיין איינציגער טאכטער, א קרענקליכער, א דארער, וועלכע איז געגליכען געוועזען צו א רויז, וואס מען האט פאר דער צייט אראבגעשניטען פון איהר שטרויך, און עס האבען שוין ביסלעכווייז איהרע בלעטלעך גענומען פאלען, און א סך האבען שוין געפעהלט: רויטע פלעקען האבען איהרע באקען בעדעקט. אלע טאג פלעגט אויך דער בעדינער אריינגעהן אין צימער און פלעגט די בילדער ארומשטויבען. און דער בעדינער איז געוועזען א נייער, א מערקווירדיגער, און די טאכטער האט בעמערקט, אז אין בילדער-צימער פערברענגט ער מעהרער צייט, איידער דאס פאדערט זיין ארבייט, און ביי נאכט, בשעת אלע שלאפען, האט זי בעמערקט, זיצט ער אריבער געבויגען איבער זיין טישעל און שרייבט עפעס, און בעמערקט ניט, וואס עס טהוט זיך ארום איהם.

איז דאס א בריעף צו זיין געליעבטער, וואס ער שרייבט? קלערט די אדלער-טאכטער; און א מערקווירדיגע פערשטענדליכקייט

האָט זיך אײַנגעשטעלט צווישען דער טאָכטער און דעם בעדינער ער האָט איהר אַזוי ווי געבעטען מיט זײַן בליק, זי זאָל זײַן סוד ניט אַרויסגעבען און זי האָט איהם מיט איהרע אויגען, אַזוי ווי בערוהיגט, אַזוי ווי פערשפּראָכען. נאָר דורך די שלאָפלאָזע נעכט פלעגט זי טראַכטען וועגען דעם מערקווירדיגען מענשען, וואָס האָט זיך בײַ איהר פאָטער פאַר אַ בעדינער פערדונגען... און נאָך אונפערשטענדליכער איז פאַר איהר דער אומבעקאַנטער געוואָרען, ווען זי האָט איהם אײַנמאָל אין בילדער-צימער געפונען אַ קניהענדען פאַר דעם נישט לאַנג ערוואָרבענעם בילד פון אַ יונגען מאַלער, וואָס האָט געטראָגען אויף זיך דעם רעטזעלהאַפטען נאָמען — די „אויסדערוועהלטע”.

...דורך די לאַנגע שטילע נעכט האָט דער פרעמדער געשריבען זײַן פּאָעמע פון דער שטראַהלענדיגער שענהײַט. און וואָס ווײַטער איז די פּאָעמע געוואָרען אַלץ זאַפטיגער, און ער האָט געפיהלט, ווי זײַן האַרץ גיסט זיך איבער אַ טראָפּען נאָך אַ טראָפּען אין די ווערטער, אין די צײַלען...

און בײַ נאַכט, אַז אַלע פלעגען אײַנשלאָפען, פלעגט ער שטיל אין בילדער-צימער אַרײַנדרינגען און פלעגט אַזוי ווי אַ פערכּשופ'טער גאַנצע שעה'ן אָבשטעהן אין שײַן פון דער לבנה אויף די קניה, און יעדען מאָל פלעגען איהם ענטפּלעקט ווערען אַלץ נײַע סודות פון דער שטראַהלענדיגער שענהײַט.

אײַנמאָל האָט ער מיט זיך פון בית-עולם אַ בינטעל פרישע טויטען-גראָז געבראַכט, און האָט עס אין וואַסער אויף זײַן טישעל אוועקגעשטעלט.

דער דיכטער איז אַ קראַנקער אין זײַן בעטעל געלעגען. די גליעדער זײַנע זענען געווען אויסגעדאַרט און צוטריקענט, אַזוי ווי די צווײַגען פון אַ יונגער בערעזע, וועלכע מען האָט אין אָנהויב פריהלינג דורכגעגעבערט און מען האָט פון איהר טראָפּענסווײַז דעם זיסען זאַפט אַרויסגעצויגען.

דאָס ליכטיגע גליק, וואָס ער האָט איהר, זײַן לאַנג-ערוואַרטעטען, לאַנג געווינשטען פערעל אויפ'ן דעק פון טיעפען ים גע-

פֿונען . . . די שוואַרצע פֿערצווייפֿלונג, וואָס דעם פֿערעל האָט דער נאַכט־קעניג פֿאַר זיין פֿינסטערער קרוין אוועקגערויבט — צוויי ניהנום'ס האָבען אין זיין האַרצען געפֿלאַקערט, און איינער דעם צווייטען האָט פֿערברענען ניט געקאָנט.

די אָדלער־טאָכטער האָט אַ דאָקטאָר גערופֿען צום קראַנקען, האָט איהם מיט די נויטיגע הייל־מיטלען פֿערזאָרגט, און אייננמאָל פֿאַר נאַכט, ווען די זון האָט געהאַלטען בײַם פֿערגעהען און האָט זיך מיט איהרע לעצטע שטראַהלען אויף זיין בלאַסען פנים געשפיגעלט, האָט זיך די אָדלער־טאָכטער צו איהם אָבגערופֿען:

— דו פֿרעמדער, איך זעה, דו טראָגסט עפּעס אַ סוד אין האַרצען. אַ צער . . . וואָלסטו מיר פֿערצעהלט, וואָלט דיר אפשר גרינגער ווערען ... איך וואָלט דיך אפשר טרייסטען געקאָנט.

— ניין, מיין פֿריינד, דו בלאַסע רויז! טרייסטען וועסטו מיך ניט קאָנען, און גרינגער וועט מיר ניט ווערען . . . איך האָב אַ געליעבטע געהאַט, איז זי געשטאָרבען נאָך איידער איך האָב זי דערזעהען . . . פֿון דער ווייט האָב איך געהיילט צו איהר און מיט איין טאָג האָב איך פֿערשפעטיגט . . . מיט איין טאָג . . . האַרט בײַם פֿאַרקאַן ליגט איהר קערפּער . . . און איהר שענהייט האָט איהר ... פֿאַר געלד אָבגעקויפֿט, אין בילדער־צימער.

— די „אויסדערוועהלטע"?

— יאָ, די „אויסדערוועהלטע"... דאָס איז זי. מיין געליעבטע, מיין כלה, האָט ער איהר מיט אַ שטראַהלענדען פנים פֿערטרויט.

אַז די בלאַסע רויז איז אויף מאָרגען נאָך אַמאָל אין זיין צימער אַריין, האָט זיין אויסגעטריקענט פנים דאָס איהריגע מיט אַ גליקליכען שמייכעל בעגעגענט, און האָט איהר פֿערטרויליך איינגערוימט:

— היינט איז זי געוועזען בײַ מיר. היינט איז זי מיינע געוועזען, מיין כלה, מיין ווייב! צו זיך האָט זי מיך גערופֿען... צו זיך ... אין דער קעניגרייך פֿון דער שטראַהלענדיגער שענהייט ...

דאַן האָט ער מיט אַ פֿיעבערהאַפֿטער שנעלקייט פֿון אונטער זיין קישען דאָס העפֿט אַרויסגענומען, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין אויסגעדאַרטער האַנד, אַזוי ווי אַ מאַכטלאָזער שפּאַרט זיך אָן אָן אַ שטעקען, און אין די צווייטע האָט ער די פֿעדער גענומען, און האָט געשריבען, געשריבען, — און עס האָט געשפּריצט אויפֿ'ן פּאַפּיער אַ בריליאַנטענער רעגען פֿון אָבגעריסענע געדאַנקען, צוי־

בערפֿולע בילדער... און דאָס בלוט האָט זיך איבערגעגאָסען מיט אַ שטורמישער געשווינדקײַט איבער זײַנע אָדערען, דער שטערען האָט געזעברענט, און די אויגען האָבען געפֿלאַקערט. אָפֿט פֿלעגט ער זײַן שרײַבען איבעררײַסען און מיט אַ גליקליבען שמײַכעל פֿלעגט ער חזר'ן:

— איך געה צו דיר, מײַן כלה, מײַן ווײַב!..

און ער האָט ווײַטער געשריבען, און אַ גליקליכער שמײַכעל האָט גערוהט אויף זײַנע ליפּען, ביז די פֿעדער איז אַרויסגעפֿאַלען פֿון זײַן אויסגעטריקענטער האַנד.

און אַז די אָדלער-טאָכטער איז צו זײַן בעטעל צוגעגאַנגען און האָט מיט אַ מיטלײַד איהר וואַרעמע האַנד אויף זײַן שטערען אַרויפֿגעלעגט, האָט ער איהרע פֿינגער אין זײַנע גענומען און האָט געשעפּטשעט:

— דו בלאַסע רויז, וואָלט מײַן כלה געלעבט, וואָלט זי נעווים דײַנע אַ שוועסטער געוועזען.

אַז די זון איז אויף מאָרגען אויפ'ן הימעל אַרויס און האָט אין די פֿענסטער פֿון די הײַזער גענומען אַרײַנקוקען, האָט זי דעם פֿרעמדען געפֿונען אין בילדער-צימער אַ טויטען אויף דער ערד — פֿאַר דער אויסדערוועהלטער. אין זײַן פֿערשטאַרטער האַנד האָט ער די אונפֿערענדיגטע פּאָעמאַ געהאַלטען. און דאַן האָט זיך די זון מיט אַ לאַנגען-לאַנגען ליעבע-בליק אָבגעשטעלט אויף זײַן אויסגעמאָגערטען פּנים, און האָט איהם בעגאָסען מיט אַ גאַנצען קוואַל ליבטיגע שטראַהלען, נאָך וועלכע ער האָט דעם גאַנצען לעבען געבענקט, אַזוי ווי עס בענקט דער פֿערטריבענער מלאך נאָך די טונקעל-בלאָע פֿעלדער פֿון דעם סאַפּפֿירענעם זומער-הימעל.

דאָס בינטעל טויטען-גראָז אויף זײַן טישעל איז אויסגעטריקענט געוועזען ווי היי.

דאס וואונדער-קינד.

אין איינער פון די גרויסע פארצייטיגע מלוכות, וואס דער אנדענק פון זיי איז שוין לאנג אויסגעמעקט געווארען פון דער געשיכטע, האבען געלעבט, אזוי ווי עס איז איינגעפיהרט אין מלוכות, א קייזער מיט א קייזערין. האט די קייזערין יאהרען נאכאנאנד קיין קינדער נישט געהאט, און דער געדאנק וועגען א יורש האט לאנג פערנומען די קעפ פון דעם קייזער'ס מקורבים. אזוי ווי אלע פארצייטיגע מלוכות, איז אויך די געוועזען צוזאמען געשטעלט פון א סך פיינדליכע פעלקער, וואס דער שטארקער קייזער האט אין פערשידענע צייטען אונטערטעניג געמאכט מיט זיין שווערד. און די אונטערדריקטע פעלקער האבען נאר געווארט אויף א געלעגענהייט, זיי זאלען קענען אויפשטעהן קעגען זייער שונא און אבטיילען זיך פון איהם. „אין גיכען — האבען זיי געקלערט — וועט שטארבען דער אלטער קייזער, וועט זיך אנהויבען א מהומה אין לאנד, דאמאלסט“... און זיי האבען זיך געפרעהט אין זייערע הערצער. און וואס גרעסער די שמחה פון די שונאים איז געווארען, דאס טרויעריגער איז געוועזען די קייזערליכע פאר און דאס פלייסיגער האבען זיי געטהון אלע תרופות און סגולות, וואס פרומע, גאטספארכטיגע לייט האבען זיי געהייסען. און אין דער זעלבער צייט האבען זיי געפרובט אויך די כוחות פון דער „סטרא אחרא“: מען האט צונויפגעקליבען אין פאלאץ א סך כשופמאכער און ציגיינער מיט ציגיינערקעס, און די גאטספארכטיגע לייט האבען געבעטען גאט אין איין צימער, און די כשופ'מאכער האבען געטריבען זייער כשוף אין צווייטען צימער, ביז עמיץ פון די ביידע, פון

גאָט און פון טײַוועל — האָט זיך מרחם געווען אויף די קייזערליכע פּאָר. און די קייזערין האָט צום סוף פון נײַן מאָנאַטען געבאָרען אַ קינד, אַ זוהן. גרויס, זעהר גרויס איז געווען די שמחה אין פּאַלאַץ. דער קייזער האָט בעשאָנקען אַלע זײַנע נאָהענטע מיט טײַערע געשאַנקען, און פאַר'ן פאָלק האָט ער בעפוילען צו מאַכען אַ מאָלצײַט אויף זיבען טעג און זיבען נעכט אין די קייזערליכע פּאַלאַצען. אַלע טויערען זענען געווען אָפען, ווער עס האָט נאָר געוואָלט, יענער איז אַ גוטער גאַסט געווען, האָט געגעסען די בעסטע שפּײַזען, געטרונקען די טײַערסטע געטראַנקען. דער קלאַנג וועגען יורש איז שנעל דערגאַנגען צו די אונטערדריקטע פעלקער. זיי האָבען דערזעהען, אַז זייער האָפנונג איז צוגאַנגען געוואָרען, אַזוי ווי וואַקס אויפ'ן פײַער, האָבען זיי אויסגערופען אַ דרײַטאָגיגען טרויער, האָבען אַרומגעגאַרטעלט זייערע לענדען מיט זעק און האָבען געשאָטען אַש אויף זייערע קעפּ... און אין פּאַלאַץ האָט מען דערווײַל אײַנגאַנצען אָבגעגעבען זיך מיט דעם נײַגעבוירענעם. די געזונדסטע אַם פון גאַנצען לאַנד האָט איהם געזויגען, גרויסאַרטיגע דאַמען פון קייזערליכען הויף האָבען איהם ערצויגען. זײַן פּנים האָט געלויכטען, ווי די זון, זײַנע אויגען האָבען געבליצט, ווי די שטערען, און זײַן לײַב איז געווען ווי פון ווײַסען מאַרמאָר אויסגעטאָקט, אָבער דאָס מערקווירדיגסטע און וואונדערבאַרסטע אויף איהם איז געווען די פּאָר זילבער־ווײַסע פליגעלעך, וואָס האָבען אויסגעשפּראָצט פון אונטער זײַנע אָרעמס, און האָבען זיך גענומען פאַנאַנדערוואַקסען וואָס פון טאָג אַלץ גרעסער און גרעסער...

עס זענען אַריבער געגאַנגען מאָנאַטען און יאָהרען. און דער קלאַנג וועגען דעם וואונדער־קינד איז פערשפּרייט געוואָרען איבער אַ סך לענדער, און פון ווײַטע געגענדען און פרעמדע מלוכות פלעגען קומען מענשען אָנקוקען דעם יונגען פּרינץ. דער קייזער האָט אָבגעגעבען אַ בעפעהל, זענען זיך צונויפגעקומען אין פּאַלאַץ די גרעסטע לײַט פון גאַנצען לאַנד, קלוגע מוחות מיט גערונצעלטע שטערענס און הוילע שאַרבענ'ס, און זיי האָבען געלערענט דעם פּרינץ אַ סך חכמות, און זײַן גאונ'ישער קאָפּ האָט אַלץ פערנומען.

און נאָר איין פּינטעלע האָט אין מח פון בן־מלך געפעהלט: די חכמה פון מלוכה־ענינים איז איהם שווער געווען צו בענעהמען. און וואָס האָבען זיינע רביים נישט אויסגעפּרובט? גאַנצע טעג נאָכאַנאַנד האָבען זיי איהם פערצעהלט וועגען די גבורות פון זיין פאָטער און זיידען, וואָס זיי האָבען אַרויסגעוויזען אויף די שלאַכטפעלדער, וואו זיי האָבען בעצוואונגען איין שונא נאָכ'ן צווייטען, און וועגען די שטאַרקע און בייזע שונאים האָבען זיי איהם פערצעהלט, וועלכע לויערען אויף אַלע גרענעצען, און וואַרטען נאָר אָב די מינוט, ווען זיי וועלען זיך קענען אַרויפוואַרפען, אַזוי ווי די ווילדע חיות אויף זיין מלוכה — עס האָט אָבער גאָר נישט געהאָלפען... און זיינע זילבער־ווייסע פליגעל זענען געוואַקסען וואָס פון טאָג און זענען געוואָרען אַלץ קרעפטיגער און קרעפטיגער, און אַז מען האָט צונויפגעקליבען די שענסטע און די קליגסטע קינדער פון דעם קייזער'ס ראַטגעבער און גרויסע מיניסטאָרען, און מען האָט זיי געבראַכט צום בן־מלך, זיי זאָלען פערברענגען צוזאַמען זייער פרייע צייט אין שפּילערייען, איז דער יונגער פּרינץ געווען שענער פון אַלעמען, און קליגער פון אַלעמען, און די פליגעל זיינע האָבען געבלישטשעט. און בשעת ער האָט זיך בעוועגט, האָבען זיי געקלונגען איינע אָן די אַנדערע מיט אַ שטילען, אַ זילבערנעם קלאַנג.

האָט זיך איינמאָל ביינאַכט דער קייזערין, דער מוטער, פערוועלט אַ קוק טהון אויף איהר איינציג קינד, ווי עס שלאָפט אין זיין גינגאָלדען בעטעל. האָט זי זיך געלאָזט געהן אין צימער, וואו דער פּרינץ האָט געוואהנט צוזאַמען מיט זיין איבערגעגעבענסטען שומר. און ווי גרויס איז געווען איהר פערוואונדערונג און שרעק, ווען זי האָט געוואָרפען אַ בליק אויפ'ן בעטעל, און האָט איהם געפונען — ליידיג. דער שומר איז געשלאָפען דערביי זיין שטאַרקען שלאָף, און האָט אפילו פון איהר אַריינגאַנג נישט געהערט. האָט זי איהם אַ צושראָקענעם אויפגעוועקט. דער שומר איז אויפגעשפּרונגען פון זיין געלעגער, נישט טוידט נישט לעבעדיג, איז געפאַלען צו דער ערד און האָט זיך געבוקט פאַר דער קייזערין: ער האָט מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהען, ווי דער פּרינץ איז איינגעשלאָפען אויף זיין אָרט. די קייזערין האָט זיך גענומען רייסען די האָהר פון קאָפּ און שרייען מיט טרערען: וואו

איז ער, דער מערדער, וואס האט איהר קינד פון שלאפציממער ארויסגעגנ'בעט! עס זענען זיך צונויפגעלאפען אלע שומרים, וואס זענען צושטעלט געוועזען, ווי געוועהנליך ביינאכט, ביי אלע טירען און טויערען פון פאלאץ, און אלע האבען אין איין קול פערזיכערט, אז די טויערען זענען פערשלאסען און פעריגעלט מיט אייזערנע ריגלען, און קיינער איז פון פאלאץ נישט ארויסגעגאנגען... און ווער ווייסט, וויפיעל שרעק די שומרים וואלטען נאך געהאט איבערצולעבען, און וויפיעל טרערען די אומגליקליכע מוטער וואלט נאך פערגאסען — פלוצלונג האט זיך אלייכט ווינטעל דורכגעטראגען אין דער לופטען, און דורכ'ן אפענעם פענסטער איז אין צימער אריינגעפלויגען דער יונגער פרינץ אויף זיינע זילבער־ווייסע פליגעל...

דעם ערשטען האלבען טאג איז דער פרינץ צו אלע מענשען געוועזען גלייך, ער איז געוועזען רעדעוודיג, האט זיך מיט די חברים געשפיעלט, און האט זיך פלייסיג צוגעהערט צו די למודים, וואס זיינע רביים האבען איהם געלערענט. אזוי פלעגט זיין דעם ערשטען האלבען טאג. אבער ווי די זון פלעגט זיך נעהמען פערקערעווען אין מערב־זייט, פלעגט ער פלוצלונג ווערען אנטשוויגען, און זיין בליק פלעגט ווערען פערבלאנדזעט ערגעץ אריבער די פענסטער פון זיין צימער, אריבער די מענשען, וואס פלעגען איהם ארומרינגלען, און אין די אויגען זיינע פלעגט זיך דאמאלס א פייערעל אנצינדען.

נישט ווייט פון קייזערליכען פאלאץ האט זיך א טייכעלע געצויגען. פלעגט ער אוועקגעהן צום טייכעלע און פלעגט זיך זעצען אונטער א מעכטיגען לינדענבוים, און זיין בליק פלעגט ערגעץ אוועקשווימען צוזאמען מיט דער טונקעל־בלאהער לענטע פון טייכעל, וואס האט זיך געצויגען אין דער וועלט אריין, אנ'איינגעפאסטע אין די גרינע ברעגען, און זיינע אויערען פלעגען פול ווערען מיט די קלאנגען פון די וואסערלעך, וועלכע האבען געפיהרט אויף זייער שטייגער אלאנגען שמועס מיט די גלאטע שטיינדלעך, וואס זענען געלעגען אויפ'ן ווייכען געלעגער פון געלען זאמד. און ווען די שאטענס פון די בוימער פלעגען ווערען לאנג און בלאהליך,

און פלעגען זיך מיט זייער גאנצער וואוקס אויסציהען אויפ'ן דרעמלענדיגען טייכעלע און אויף די ארומיגע פעלדער, וואס זענען געשטאנען, אנגעלאדענע מיט צייטיגע תבואות, און די זון פלעגט זיך אראבלאזען אויף איהר געלעגער, אנ'אויסגעוועבטען פון צויבער־שטראהלען, — דאמאלס פלעגט דער יונגער פרינץ פערשפרייטען זיינע קרעפטיגע פליגעל און פלעגט זיך אויפהויבען אין דער לופטען, און פלעגט זיך טראגען צוזאמען מיט די פויגעל איבער בערג און איבער טהאלען, און ער פלעגט פליהען העכער פון אלע פויגעל, און פלעגט זיך אויפהויבען ביז די וואלקענס, און פלעגט הינטער די וואלקענס פערשווינדען ... און אז די זון פלעגט אנהויבען איבער א נייעם אויסצובעטען די ערד מיט ליכטיגע פאסען, דאמאלסט פלעגט ער זיך ווידער שטיל אראבלאזען אויף דער ערד און פלעגט דורכ'ן אפענעם פענסטער אין זיין צימער אריינפליהען. און אין דער פריה פלעגט מען איהם געפינען אין זיין בעטעל — א מענשען־קינד מיט אלע מענשען־קינדער גלייך. און אזוי זענען אריבער מאנאטען און יאהרען, און בייטאג איז דער פרינץ געוועזען א מענש, און בייטאכט — א מלאך, א הימעל־קינד.

און די שמחה אין קייזערליכען הויף איז דערווייל וואס וויטער אלץ מעהרער געווארען פערפינסטערט. דער קלאנג וועגען דעם וואונדערבארען פרינץ האט זיך פערשפרייט פון מויל צו מויל, פון שטאדט צו שטאדט, און דאס גאנצע לאנד האט געוואוסט, אז דער פרינץ איז געראטען, קלוג און שען, אבער ער האט פליעגעל, און קאן הויך פליהען, וועט ער די מלוכה אין ארדנונג נישט קענען פיהרען. די שונאים פון דעם גרויסען קעניג האבען ווידער אויפגעהויבען זייערע קעפ, און זייער שמחה איז געווען גאר נישט צו בעשרייבען. אבער דער גרויסער קעניג האט נישט געשוויגען, און האט געזוכט עצות, ווי אזוי צוצובינדען דעם פרינץ צו דער ערד, אבנעמען ביי איהם דעם חשק צו פליהען אין הימעל, אבנעמען ביי איהם זיינע פליעגעל, און רעטען זיין קעניגרייך פון געפאהר.

האט ער צונויפגערופען אלע כשופ־מאכער און די קליגסטע לייט פון זיין מלוכה און האט זיך מיט זיי עצות געהאלטען, וואס

צו טהון מיט'ן יונגען פּרינץ, וועלכער איז געוועזען שען, ווי דער מאָרגענשטערען, און קלוג, ווי די קלוגסטע פון דער גאַנצער מלוכה, ער איז אָבער געווען אַזוי ווייניג מענש און אַזוי פיעל מלאך. וואָס איז אפשר אַ גרויסע מעלה פאַר אַ געוועהנליכען מענ־שען, טויג אָבער נישט פאַר אַ יורש פון אַזאַ גרויסער און רייכער מלוכה. פערשיעדענע כשופ'מאַכער און חכמים האָבען געגעבען פערשיעדענע עצות, אָבער זיי אַלע האָבען ווייניג חן געפונען אין די אויגען פונ'ם קייזער, און ער האָט אַלץ געוואַרט אויף אַנ'עצה אַ קליגערע, אַ בעסערע.

איז אויפגעשטאַנען איינער אַ גריי־גראָהער מאַן, וואָס זיין געזיכט איז אין גאַנצען געוועזען איסגעאַקערט מיט קנייטשען פון אַ סך לעבען און אַ סך דענקען, און האָט זיך אַזוי אָבגערופען:

— גרויסער מלך, מיין עצה איז — רינגעל אַרום דעם פּרינץ מיט פרעהליכקייט, מיט מאָהלצייטען און בעלער, און מוזיק זאָל אויף די מאָהלצייטען שפּיעלען, און טענצער זאָלען טאַנצען, און קלוגע לייט זאָלען ביי די טישען קלוגע געשפרעכען פיהרען, דאַ־מאָלס וועט דער פּרינץ מעהרער צו דער ערד ווערען צוגעבונ־דען, וועט ביסלעכווייז אָן דעם הימעל פערגעסען און זיינע גע־דאַנקען וועלען מעהרער אויף ערד־זאַכען ווערען געווענדעט. אַזוי איז מיין עצה.

אַלע זענען געבליבען צופרידען, און זענען פרעהליכע און בערוהיגטע אין זייערע היימער אַוועק.

עס איז געגרייט אַ רייכער, אַ קייזערליכער טיש, אויבענאָן זיצט דער קייזער מיט דער קייזערין, און ביי דער רעכטער האַנד זייערער זיצט דער יונגער פּרינץ, און אַרום זיצען די געסט, וואָס זענען איינגעלאַדען געוועזען צום קייזערליכען מאָהלצייט. אין מי־טען זאָל אַ קאַפּעליע מוזיקאַנטען שפּיעלט די שענסטע שטיק, וועלכע די וועלט האָט נאָר דאַמאָלס פערמאָגט, און שפּאַסמאַכער מיט זילבערנע גלעקלעך אויף די היטלען, אין פאַנטאַסטישע מלבושים געהען אום אַרום טיש און מאַכען פרעהליך די געסט מיט וויצען און גלייכווערטלעך. און די געסט האָבען געשטעלט דעם פּרינץ די קלוגסטע פראַגען, און ער פלעגט זיי גלייך פערענטפערען אַלע

ווי איינע. אָבער דער פּרינץ זיצט מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ. ניִשט ער עסט, און ניִשט ער טרינקט, און איז פערטהון אין זיינע אייגענע געדאַנקען. און אויב עס דערגרייכט עפּעס יאָ צו זיין אויער, איז דאָס נאָר די מוזיק, — אָבער די קלאַנגען איהרע זענען אַזעלכע אָרעמע, אַזעלכע מענשליכע — און דער פּרינץ דערמאָנט זיך אָן די מעלאָדיעס, וועלכער ער הערט אַלע נאַכט אין די הימלען צווישען די צויבערבאָרען פון די מלאָכים... עפּעס גיט איהם אין די טיעפעניש פון זיין האַרצען אַ צופּ, און ער גיט פּלוצלונג אַ מאַך מיט זיינע זילבער־ווייסע פליגעל, און פערשווינדט דורכ'ן פענסטער, אין דער הויך... און די געסט האָבען נאָר געזעהען אין דער בלאָהליבער, פאַרנאַכטיגער לופט, ווי עפּעס אַ ווייסעס, אַזוי ווי אַ ווייסע טויב, האָט זיך געטראָגען אַרויף־אַרויף, און וואָס ווייטער איז עס געוואָרען אַלץ קלענער און קלענער, ביז עס איז אינגאַנצען הינטער די וואָלקענס פערשוואונדען געוואָרען.

אַ פערשעמטער האָט דער אַלטער חכם געקוקט. די מוזיק איז געוואָרען שטום, די ווינען האָבען זיך אויפגעהערט צו גיסען, און דער קייזער האָט זיך אַזוי אָבגערופען צו זיינע ראַטגעבער און פריינד:

— זענען דען אויסגעליידיגט געוואָרען די קעפּ פון מיינע קלוגע לייט, און די גאַנצע חכמה איז פערשוואונדען געוואָרען פון זייערע מוחות? און קיינער קען גאָר קיין עצה ניִשט געבען, וואָס צו טהון מיט מיין זוהן, ער זאָל ווערען אַ פּאַסענדער יורש פון מיין הויכען טראָן? היינט־מאָרגען שטאַרב איך, און דאַמאָלס וועלען די שונאים אויפהויבען זייערע קעפּ.

האָט זיך אויפגעהויבען אַ צווייטער אַלטער מאַן האָט אַ פּיהר געטהון מיט זיינע אַלטע, אויסגעפּרובטע אויגען, און האָט אַזוי געזאָגט:

— אַ סך האָב איך געזעהען אויף מיין לאַנגען לעבען, אָבער אַזוינס זעה איך דאָס ערשטע מאָל צייט איך לעב. מיין עצה איז — מען זאָל אַרויספאָהרען מיט'ן יונגען פּרינץ אין אַ ווייטע און אַ לאַנגע רייזע איבער'ן ים, בעווייזען איהם די גאַנצע ערד, ווי גרויס זי איז, ווי שען זי איז. בעווייזען איהם איהרע פערשידענע איינוואָהנער מיט איהרע געדיכטע גרויסע וועלדער, מיט איהרע הויכע און שנעען־איינגעהילטע בערג, מיט די ימים, מיט די מדבריות,

דאַמאָלס וועט ער נאָכ'ן הימעל אויפהערען בענקען און וועט מעהר צוגעבונדען ווערען צו דער ערד.

אויסגעהערט די נײַע עצה, זענען דער קײזער מיט דער קײזערין געבליבען צופרידען, און אַלע, וואָס זענען דערבײַ געוועזען, האָבען געפּאַטשט „בראַוואָ". — און מעהר נישט אײנער, אַ יונגער מיט קלוגע בלישצענדיגע אויגען איז רוהיג אויף זײַן אָרט געבליבען זיצען, און האָט קײן וואָרט נישט אַרויסגערעדט, אָבער קײנער האָט עס נישט בעמערקט.

אין האַפען איז צוגעגרײט אַ שיף, אַ קײזערליכע שיף פאַר דער קײזערליכער פאַמיליע. מוזיק האָט געשפּיעלט, האַרמאַטען האָבען געשאָסען, און דאָס פאָלק האָט „אורא" געשריען, ווען די קײזערליכע פאַמיליע איז צוזאַמען מיט'ן פּרינץ פון האַפען אָבגעפאָהרען. זײ זענען געפאָהרען פאַרבײַ די ברעגעס פון זײער גרויסער מלוכה. דער קײזער האָט אויסגעשטרעקט זײַן האַנד און האָט אַזוי גערעדט צו זײַן זוהן:

— דו זעהסט די זאַמדיגע ברעגען, וואָס האַלטען דעם ים פעסט אין די גרענעצען, און זעהסטו די שטעדט, וואָס שפּרײטען זיך אויף די ברעגען, און זעהסטו דאָרט ווײַטער, אויפ'ן האָריזאָנט די הויכע בערג, וואָס זענען מיט טײַערע געוויקסען בעדעקט, און זעהסטו דעם הימעל, וואָס ציהט זיך איבער דעם אַלעם און בעדעקט דאָס לאַנד, אַזוי ווי מיט אַ בלאָהער חופּה—דאָס אַלץ איז דײַנע, אַלץ אַנערקענט דײַן הערשאַפט איבער זיך... דו זעהסט, ווי גרויס און ווי שען דײַן מלוכה איז!...

און דער יונגער פּרינץ האָט געהערט און נישט געהערט, וואָס דער פאָטער זײַנער, דער גרויסער קעניג, האָט צו איהם גערעדט, און זײַן בליק האָט ער פערוואָרפען אין דער ווײַט אַרײַן, צווישען די וועלען פון ים, וועלכע האָבען זיך צו יענער צײַט שוין אָנגעהויבען פאַנאַנדערצוהוליען, האָבען גענומען זיך הייבען און שוימען... און באַלד איז געוואָרען אַ שטורם אויפ'ן ים. הויכע ווײַסע וועלען זענען אומגעגאַנגען אַהין און אַהער, אַזוי ווי גאַנצע חילות, דער ווינד איז געשווינד געפלויגען איבער'ן ים, אַזוי ווי עפּעס אין אַ ווינטיגער שליחות אַ געשיקטער, און האָט זיך געהויבען ביז צו

די וואָלקענס, האָט זײ געריסען אויף שטיקער און האָט די שטיקער אײנע אויף די אַנדערע געשלײַדערט, און דונערען האָבען געדונערט, און בליצען האָבען געבליצט... דער יונגער פּרינץ האָט געקוקט־געקוקט מיט זײַן ליבלינגען בליק — אויף דעם גרויס־אַרטיגען שטורם־שפּיעל, ביז ער האָט פּלוצלונג פערשפּרײט זײַנע קרעפטיגע זילבער־ווײַסע פליגעל און האָט זיך אַוועקגעטראָגען אין דער הויך, און עס האָט זיך געזעהען אַ צײַט נאָכאַנאַנד, אַזוי ווי אַ ווײַס צויבער־שפּיעל וואָלט צווישען די צוריסענע וואָלקען־שטיקער געשוואומען...

אַ טרויעריגער האָט זיך דער קײזער אומגעקעהרט צום ברעג, און האָט נאָך אַמאָל צונויפגערופען זײַנע ראַטגעבער און האָט זיך אָבגערופען צו זײ אַ פערצווייפעלטער:

— איז דען שוין קײן עצה און קײן מיטעל נישטאָ צו מײַן אומגליק? צו דעם אומגליק פון אונזער גרויסער בערימטער מלוכה?

אַלע זענען געזעסען בלאַסע, ווי קרײַד, און שטיל איז געװעזען, אַזוי ווי אויף אַ בית־עולם. דאַמאָלסט האָט זיך אויפגעהויבען דער יונגסטער פון אַלע, וואָס האָט אויף זײַן שטערען נאָך גאָר קײן קנײטשען נישט געהאַט און וואָס זײַן בליק איז נאָך געװעזען ליכטיג און נישט אויסגעזויגען דורך די קלוגע ביכער, און האָט מיט אַ שמײכעל אויפ'ן יונגען געזיכט זיך אַזוי אָבגערופען:

— גרויסער קעניג, זײַ מיר מוחל מײַן העזה, וואָס איך, דער יונגסטער פון אַלע, האָב זיך אויפגעהויבען צו זאָגען מײַן וואָרט אין אַ זאַך, וואו עלטערע און קליגערע פון מיר זענען געװאָרען געשטרויכעלט. איך האָב נאָר צו זאָגען, מײַן הערשער, אַז מיט הויכע און קלוגע זאַכען וועסטו נישט אָבציהען פון הימעל דעם הויך־פליהענדען, דעם יונגען הימעל־דורשטיגען פּרינץ. בעפעהל, גרויסער קעניג, צו ברענגען אַ שענעם שפּיעלצײַג פאַר'ן פּרינץ, וואָרום איך זאָג דיר, אַז הימעל־מענשען ווערען אויף קלײניגקײטען געשטרויכעלט. בעפעהל, גרויסער קעניג, צו ברענגען אין פּאַלאַץ פאַר איהם אַ שענע פרוי. קורץ און קלײן איז מײַן עצה, איך האָב זי דיר געזאָגט.

די אַלטע לײַט האָבען געשאָקעלט מיט די קעפּ, און דער קײזער איז געבליבען אַ פערטרויערטער, אַזוי ווי ער איז געוועזען:

די נײַע עצה האָט קײן אײן שטראַהל האָפֿנונג נישט אַרויסגערופֿען אויף זײַן געזיכט.

נאָר לית ברירה — און עס זענען צושיקט געוואָרען שלוחים פֿון קײזערליכען הויף איבער׳ן גאַנצען לאַנד, און זײ זענען געגאַנגען פֿון שטאָדט צו שטאָדט, פֿון דאָרף צו דאָרף, זײ האָבען אויסגעקליבען דאָס שענסטע מעדעל, און זײ האָבען עס געבראַכט אין קײזערליכען פּאַלאַץ, אין די צימערען פֿון דעם וואונדערבאַרען פּרינץ.

אַז דער פּרינץ האָט צום ערשטען מאָל דאָס מעדעל בעמערקט, האָט ער אַ פֿליה געטהון איבער איהר מיט זײַנע אויגען, אַזוי ווי קײנער, אויסער איהם, וואָלט גאָר אין צימער נישט געוועזען, אָבער באַלד איז איהם עפּעס אַזוי ווי אַ ווידערקלאַנג פֿון אַ שטראַהל אַדורכגעפֿלויגען פֿאַרבײַ די אויגען, און ער האָט זײַן בליק לענגער אויפֿ׳ן מײדעל אָבגעשטעלט. און ער איז געבליבען שטעהן אַ פֿערטראַכטער...

ער איז באַלד צוגעגאַנגען צו איהר, האָט איהר אָנגעריהרט פֿאַר׳ן האַנד, און אַ ציטער איז דורכגעלאָפֿען דורך אַלע זײַנע גליעדער, אַזוי ווי אַ שטראָם שיטערע פֿײַער. פֿערוואונדערט איז געוואָרען דער יונגער פּרינץ...

באַלד האָט אָבער געקלונגען די שעה, די זון איז פֿערגאַנגען, און דער פּרינץ האָט, ווי געוועהנליך, זײַנע פֿליגעל פֿערשפּרײט און האָט זיך אַוועקגעטראָגען אין דער הויך.

די פֿערצווײפֿלונג פֿון קײזער איז נאָך טיעפֿער געוואָרען, ער איז שוין גרײט געוועזען צונויפֿצורופֿען ווידער אַ פֿערזאַמלונג, אָבער די נאַכט האָט נאָך נישט צײַט געהאַט אויסצושפּרײטען זיך איבער דער הויפּטשטאָדט פֿון גרויסען קײזער, ווי עס האָט זיך פּלוצלונג דערהערט דער בעקאַנטער זילבערנער קלאַנג אין דער לופֿטען: דער יונגער פּרינץ איז צוריק געקומען צו פֿליהען, און זײַן בליק איז אומרוהיג... ער פֿליהט גלײַך אין צימער, וואו ער האָט די פֿרוי איבערגעלאָזט, און זײַן אויג זוכט איהר...

די קײזערליכע פּאָר פֿרעהט זיך, די אַלע חכמים רונצלען די שטערען און וואַרפֿען בליקען פֿון קנאה אויף זײער יונגען חבר. וועלכען דער קײזער האָט גלײַך בעפֿוילען אויסצורופֿען אין גאַנצען לאַנד פֿאַר אַ שני למלך.

יענע נאַכט איז דער פּרינץ שוין מיט דער פרוי געבליבען אין זײַן בליק האָט שוין מעהר נישט געבלאָנדזשעט: ער איז די גאַנצע צײַט אויף איהרע שוואַרצע, בלישטשענדיגע אויגען געוועזען געווענדעט. אַז ער איז אויף מאָרגען אין דער פריה פון זײַן צימער אַרויס, איז אויף זײַן געזיכט געוועזען אויסגעגאָסען אַ שמייכעל, אַ פערשטענדליכער, אַנ׳ערדישער, און די פליגעל זײַנע... די פליגעל האָבען יענע נאַכט אָנגעהויבען צו דאַרען.

און אויף דער מאָהלצײַט, וועלכע מען האָט געמאַכט לכבוד דער חתונה פון דער יונגער קייזערליכער פּאָר, איז דער פּרינץ, צו דער גרעסטער שמחה פון זײַן אַלטען פאָטער, שוין אַ מענש מיט אַלע מענשען גלײַך געוועזען, און זײַנע זילבער-ווײַסע פליגעל זענען צו יענער צײַט שוין געוואָר׳ען צוטריקענט, פערדאַרט און זענען אין גאַנצען פון אונטער זײַנע אָרעמס אַראָבגעפאַלען: דער בעדינער האָט זיי נאָך מיט עטליכע טעג צוריק, צוזאַמען מיט׳ן שטויב, פון צימער אַרויסגעקעהרט...

װאַנדערענדע פֿױגעל.

אײַנמאָל, װען די פֿױגעל האָבען זיך צו פֿריה אױפֿגעכאַפּט און שאַרען־װײַז אַװעקגעפֿלױגען צו די װאַרעמע לענדער, האָט ער זיך אין אונזער געגענד בעװיזען.

אַ בלאַסער, אײַן אױסגעדאַרטער, מיט אַן׳אײַנגעפֿאַלענער ברוסט און פֿערלאָשענע אױגען פֿלעגט ער געהען אַהין און צוריק אױפֿ׳ן ברעג פֿון טײַך. װאָס האָט זיך ניט װײַט פֿאַר אונזערע פֿענסטער געצױגען, און שטונדען לאַנג זײַן בליק אױף נאָהנטע זאַכען און מענשען ניט פֿערהאַלטען.

זײַן אױג, האָט זיך געדאַכט, געהט איבער די מענשען, איבער די הײַזער, און פֿערליערט זיך ערשט טיעף־טיעף אין װאַלד אױף יענער זײַט טײַך.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער זוכט עפּיס אַזױנס, װאָס ער האָט פֿערלױרען, און האָט װעניג האָפֿנונג צוריק צו געפֿינען; אַז ער זוכט פֿערבענקט און פֿערצװײַפֿעלט צוזאַמען.

און די פֿױגעל, װאָס זענען פֿריה אַנטלאָפֿען, האָבען געװאוסט, װאָס זײַ טהוען. עס האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ װינטער, און אַ שאַרפֿער, אומגעריכטער װינטער.

און װען די װאַסערלעך האָבען זיך פֿערהײַטעלט מיט אײַז, און די קריהען אױפֿ׳ן טײַך האָבען זיך צעװאַקסען, דעמאָלט — עס איז אַ פֿראָסטיגער אָבענד געװען — האָט ער זיך פּלוצלונג בײַ אונז אױף דער שװעל בעװיזען.

ער איז געשטאנען אין זיינע זומערדיגע אָבגעניצטע קליידער און געציטערט פֿאַר קעלט.

— ערלויבט מיר צו זיין ביי אייך — האָט ער קוים הערבאר געזאָגט — איך וועל אייך ביים ווערקשטאַט אין אייער אַרבייט העלפֿען... נאָר פֿאַר'ן עסען... עס געהט אזא גרויזאמער ווינטער!

און אז מיר האָבען איהם אונזער איינשטימונג אויסגעדריקט, האָט ער אויף אונז אַ צופֿרידענעם און אַ דאַנקבאַרען בליק געוואָרפֿען, זיך באַלד צו דער ווערקשטאַט געזעצט, און פֿלייסיג זיך צו דער אַרבייט גענומען.

און וואָס פֿראָסטיגער, אַלץ ריהרעווידיגער און רעדעוודיגער איז ער געוואָרען, אַלץ שנעלער איז ביי איהם די אַרבייט אונטער די הענד געגאַנגען. זיין בליק האָט ביסלעכווייז אויפֿגעהערט צו בלאָנדזשען, האָט זיך פֿון צייט צו צייט אויף בעשטימטע ערטער און מענשען געשטעלט, און אין די אויגען איז געווען, נישט שרעק, נישט בעוואונדערונג, נאָר עפּיס אַזוי פֿרעמדאַרטיגעס...

דער ווינטער איז דעמאָלט זעהר אַ שאַרפֿער געווען. אַ שטאָלערנער הימעל איבערן קאָפּ... אַ דיק פֿערשמידעטער טייך... און די בערג אין תכריכים האָבען אויגען געבלענדעט און געשניטען, פֿון דער לופֿט זענען אָפֿט טויטע פֿויגעל אַראָבגעפֿאַלען אויף דער ערד.

און אונזער גאַסט זיצט און קוקט אויף די מיט אייז־בלומען פֿערציערטע פֿענסטער. ער קוקט און אָפֿט בעפֿאַלט איהם אַ שרעק און ער חאַפּט זיך אויף, פֿערדרוקט זיך אין ווייטסטען ווינקעל פֿון שטוב און פֿערשטעלט זיך דאָס בלאַסע פֿערציטערטע געזיכט... אָפֿט פֿלעגט ער דאָך גוט און היימיש ווערען. און דעמאָלט פֿלעגט ער אונז מעשיות פֿערציילען... מעשיות פֿון ווייטע לענדער, וואונדער־לענדער... און זיין שטימע האָט געקלונגען, ווי זומערדיגע קוועלען אין גריגעם וואַלד, — וואונדערבאַר איז געווען די שטימע און וואונדער־געשיכטען האָט ער פֿערציילט...

— געזעהן האָב איך — האָט ער איינמאָל פֿערציילט — אַזאַ בלום, וואָס ווער עס געניסט נאָר איינמאָל פֿון איהר ריח, וועט זי שוין אין לעבען נישט פֿערגעסען. ער וועט קיין רוה ניט האָבען,

עס וועט איהם אייביג ציהען אין דער ווייטער וועלט אריין, אלץ ווייטער, אלץ ווייטער; און ערגעץ וועט ער זיך קיין ארט ניט געפינען, און ערגעץ וועט ער זיך נישט קענען אפשטעלען, און ער וועט זיין געגליבען צו קינ׳ען. און ער וועט טראגען אויף זיין שטערען דעם פערשאלטען־געבענשטען שטעמפעל פון אייביגען וואנדערן, און ער וועט זיין געגליבען צו א גאט, וואס טראגט ביי זיך אין הארצען די וועהטאג פון דער גאנצער וועלט, און ליידט פאר דער גאנצער וועלט, און איז פערנומען מיט דעם גרויסען ריזיגען געדאנק, ווי אזוי צו געפינען א ציעל פאר דער וועלט אהן א ציעל...

— און געזעהען האב איך אזא קוואל, אזא קלארען, אזא לויטערען קוואל, וואס ווער עס זאל זיך אין איהם נאר איינמאל אונטערטיקען, וועט ער שוין מעהר קיינמאל אין לעבען קיין שמוציג וואסער ניט פערטראגען, און זיין נשמה וועט די שמוציגע ערד שוין ניט קענען פערטראגען, און שטרעבען אלץ העכער, אלץ העכער... אין די ריינסטע לופטען אריין...

און וועגען ימים פלעגט ער פערצעהלען, און וועגען בערג... און וועגען שנעע אויף די בערג... און וועגען גרין־גראזיגע טהאלען... און וועגען פישער האט ער פערצעהלט...

און וועגען גאלדענע פישלעך און וואונדערבארע נעצען פלעגט ער פערציילען... און אין די אויגען זיינע שפיגלען זיך אב יענע הימלען, פון וועלכע ער פערצעהלט, און אויף די באקען זיינע צובליהען זיך יענע רויזען, פון וועלכע ער רעדט.

און זיין שטימע גיסט זיך אזוי זיס, אזוי ווי די פער׳כשופ׳טע וואסערן, וואס ער האט געזעהן... און זיינע אויגען לייכטען אזוי קלינגענדיג העל. אז עס איז זיך אין די הערצער צוגאנגען, און מיר פלעגען זיך איינהערען אין דער שטיל, און נישט קענען זיך אויסוואונדערן, וואס פון דעם שטיל־שווייגענדיגען גאסט איז געווארען...

— און עס איז פארהאן אזא לאנד — פערציילט ער אמאל — וואו עס איז אייביג טאג, און אייביג מאי, שטענדיג מיט גאלדענע פרוכטען בעשווערטע בוימער... און אין יענעם לאנד בין איך געוועזען, און האב דארט פון זייערע פרוכטען געגעסען... און דארט קושט זיך שטענדיג דער הימעל מיט דער ערד, און זיי ציטערען

זיך אין די שענסטע פֿער׳כשופֿ׳טע פֿאַרבען ... און שנעע-ווייסע שעפּסען פּאַשען זיך אויף די גרינע ברעגען פֿון די שפּיגעלדיגע וואַסערן ...

— און עס זענען פֿערהאַן איינזאַמע, פֿרייהייט-דורשטיגע פֿויגעל, וואָס האָבען נאָר דעם ווינטער ליעב... און דערפֿיהלען זיי פֿון ערגיץ אַ הויך פֿון ווינטער, פֿערשפּרייטען זיי באַלד זייערע פֿליגעל און פֿליהען אַהין צום ווינטער, צום פֿרייען קאַלטען ווינטער, וואו דער הימעל איז ווייט און בייז, וואו די ערד איז אין תכריכים איינגעוויקעלט... און אין ערגעץ האָבען זיי קיין נעסט ניט ... אין פֿרעמדע נעסטען וואָהנען זיי.. און זיי פֿריהרען אין וויסטע סטעפּען און אין די פֿערשנייטע וועלדער פֿון צפֿון... און בעוויזט זיך דער זומער דאָרט, שפּרייטען זיי ווייטער אויס פֿליגעל... קיין דרום געהט דער וועג, קיין דרום, און אויפֿ׳ן וועג בעגעגענען זיי זיך מיט די וואַנדערענדע פֿויגעל, וואָס זוכען דעם זומער אויף... און די שאַרען קומען זיי אַנטקעגען, און זיי גיבען זיך איבער זייערע גריסען... און פֿליהען ווייטער... אין פֿערשיעדענע וועגען... ע נ ט ג ע ג ע נ ג ע ז ע צ ט ע וועגען... פֿיעל אָבער ווערען פֿערפֿראָהרען אין די קאַלטע, שרעקענספֿולע וועלדער פֿון צפֿון... און צוריק קומען נאָר געצעהלטע... געצעהלטע...

אַזוי האָט ער אונז אין די לאַנגע ווינטערדיגע אָבענדען פֿערצעהלט.

און חאָטש מיר האָבען געוואוסט, אַז אַזעלכע פֿויגעל איז אין דער וועלט נישט פֿערהאַן, האָבען מיר דאָך דאַמאָלסט אין זיינע ווערטער געגלויבט... אַזוי האָט זיך אונז צו גלויבען געגלוסט...
און אַז מיר האָבען איהם איינמאָל געפֿרעגט, ווי אַזוי ער קומט אַהער און אַזוי פּלוצלונג אין די ביטערע קעלטען אויף דעם שטיפֿמוטערליכען נאָרד, האָט ער זיך פֿערקלערט אַ ווײַלע, גלייך די פֿראַגע איז פֿאַר איהם אַנ׳אומגעריכטע געווען, און האָט געענטפֿערט: „דאָ בין איך געבוירען געוואָרען... דאָ וויל איך שטאַרבען... עס ציהט מיך דער ווינטער... שטענדיג פֿאָרכט איך: דער ווינטער וועט קומען, און איך וועל דערביי ניט זיין... דער זומער איז דאָ אַ בלייבער, אָהן קרעפֿטען... אונזער זומער... אָבער דער ווינטער איז דאָ אַ מעכטיגער, אַ שרעקליכער! און ער ציהט מיך

מיט זײַן שרעקליכער קראַפט צו זיך... אַזוי ווי מיט צוואַנגען...
אַזוי ווי מיט קייטען...

און אין איינעם פון די פראָסטיגע אָבענדען האָט ער מיט זיך פון דרויסען אַ פייגעלע געבראַכט... אַ פערפראָרענעס. קיים אַ לעבעדיגם האָט ער עס אויפ'ן קאַלטען־קאַלטען שנעע געפונען... מיט זײַן אָטהעם האָט ער עס דערוואַרימט... פון זײַן מויל האָט ער עס געשפּײַזט... און דערנאָך, אַז עס איז צו זיך געקומען, האָט ער עס אין אַ שטײַגעל נעבען זיך אין זײַן ווינקעל אַרײַנגעזעצט, און האָט עס אַלע טאָג מיט קערענדלעך און וואַסער פערזאָרגט, און האָט זיך אָבגעגעבען דערמיט, ווי מיט אַ קליין קינד.

און זײַנע ערצעהלונגען האָבען זיך אַלץ ווײַטער און ווײַטער אין די לאַנגע אומעטיגע אָבענדען געגאָסען, ווי עס גיסט זיך דאָס קלאָרסטע וואַסערעל אין טהאָל.

אָבער ווי די פרעסט האָבען אָנגעהויבען צו לאָזען, און עס האָט אַ ציה געטהון אַ ווינטעל פון דרום־זײַט, האָט ער אָנגעהויבען ווערען וואָס אַ מאָל שטילער. זײַנע רעדען זענען געוואָרען אָבגעהאַקטער, און זײַן בליק האָט ווידער אָנגעהויבען בלאָנזשען... און אָפטמאָל פלעגט ער אַרויסגעהן, און גאַנצע שטונדען ערגעץ אָבשטעהן אין ווײַס־ליכטיגען פלעק פון דער זון. און דאַמאָלסט האָבען די הענד זײַנע צו דער אַרבײַט זיך אויפגעהערט קלעבען, און אָפטמאָל פלעגט ער דעם הונגער פערגעסען, און אַרומגעהן אַ פערטראַכטער און ניט הערען, וואָס מען רעדט, און נישט זעהען, וואָס מען טהוט אַרום איהם..

און דאַמאָלסט האָבען זײַנע ערצעהלונגען אין גאַנצען אויפגעהערט.

און איינמאָל איז ער ערגעץ אויף אַ גאַנצען טאָג פערשוואונדען, און פאַר נאַכט, אַז ער איז צוריק געקומען, האָבען זײַנע אויגען געברענט און די באַקען זיך גערויטעלט. ער איז אין זײַן ווינקעל גלײַך צו זײַן פויגעל אונטערגעגאַנגען און האָט איהם מיט אַ לאַנגען ליעבליכען בליק בעטראַכט, און זײַנע ציטערענדע ליפּען האָבען דערבײַ אַזוי שטיל, אַזוי טרויעריג געשעפּטשעט:

— דער וואלד רוישט... דער וואלד רוישט...

די זון האט זיך אלץ עפטער און עפטער ארויסגעוויזען פון אונטער די בלייערנע וואלקען און איהר מוטער־ליעבע האט זיך אלץ שטארקער און שטארקער צופלאקערט.

דאס אייז איבערן טייך ווערט בלאה און בלאער, ביז עס איז אין גאנצען געווארען שווארץ, און די וואסערען ביי די ברעגעס האבען זיך פון אייז בעפרייט, און קלינגענדיג און רוישענדיג זיך צושווימען און געלאזען זיך אין וועג אריין... דאס אייז אויפ'ן טייך האט אנגעהויבען קנאקען און פלאצען...

נאך א טאג, נאך א טאג... אין דער לופטען האבען זיך די ערשטע פויגעלעך בעוויזען, און האבען זיך, מיט נייע ליעדער פון די ווארימע לענדער אין דער הויך צו זייערע געבורטס־וועלדער געטראגען, און ער, דער שטילשווייגענדער, פלעגט זיי מיט ווארימע בליקען בעגעגענען, גלייך די ליעבע געסט וואלטען איהם דעם הארציגסטען און ווארעמסטען גרוס פון די גרינגראזיגע טהאלען און פון העלבלאהע הימלען געבראכט, און מיט דעם בליק פלעגט ער זיי בעגלייטען אויף זייער וועג, ער ציהט זיך נאך זיי מיט די אויגען... נאר פליגעל פעהלען איהם.

און איינמאל האט איהם דער וואלד־וועכטער אהיים געבראכט א פערפרוירענעם, ער האט איהם, א פערבלאנזשעטען, אין וואלד געפונען... אבער זיין נעזיכט האט געשיינט, און די ליפען האבען קוים הערבאר געחזר'ט:

— פויגעלעך פליהען... פויגעלעך פליהען...

און געזעהען האבען מיר, אז דער, אויף וועלכען מיר האבען געקוקט ווי אויף א היימישען, א חבר, ווי אויף אנ'אייגענעם ברודער, ווערט פון אונז ווייטער דערווייטערט, און מיר האבען געזעהען, אז ער געהער שוין נישט אונז און ניט אונזערע געגענדען... און ער געהער צו יענע לענדער, יענע בערג און יענע טהאלען... און זיין בליק האט ער, אזוי ווי א שליח ארויסגעשיקט פאר זיך... אין דער ווייט אריין... אנזאגען וועגען זיך... אנפרעגען וועגען דארט...

און וואס די זון איז ארויפגעקומען העכער, און די געסט פון די ווארימע לענדער זענען אין גרעסערע און עפטערע שאא־

רעֶן צוריק געֶקומעֶן, אַלץ עֶפּטעֶר און אויף לעֶנגעֶר פלעֶגט עֶר פון דעֶר הײם ווערעֶן פעֶרפאַלעֶן.

און אין יעֶנעֶר נאַכט, ווען דאָס אײַז אויפ'ן טײַך האָט זיך געֶריהרט, איז עֶר אין גאַנצעֶן פעֶרשוואונדעֶן געֶוואָרעֶן פון אונזעֶר געֶגעֶנד... און צוזאַמעֶן מיט איהם איז אויך דעֶר פויגעֶל פעֶרשוואונדעֶן... אין ווינקעֶל איז געֶבליבעֶן אַ לעֶדיגעֶ שטײַג.

פריגעפלויגען.

אין א קאלטען הערבסט-אבענד האט ער זי צום ערשטען מאל בעגעגענט. זי איז געזעסען איינע אליין אויף א באנק אין גארטען, און איהר טרויעריג געזיכט האט איהם צוגעצויגען. ער געהט-צו צו איהר און זאגט:

— איהר זייט אזוי טרויעריג, פרוי.

— עס איז אומעטיג און קאלט—האט זי איינפאך געענטפערט, ווי מען ווענדעט זיך צו אנ'אלטען בעקאנטען.

— פאר וואס האט איהר פערלאזט אייער היים אין אזא קאלטען טרויעריגען אבענד?

— אין דער היים איז נאך אומעטיגער און נאך קעלטער— האט זי מיט דער זעלבער שטימע געענטפערט — זעצט זיך נעבען מיר.

פערוואונדערט האט ער עס געטהון. זי האט זיך צוגערוקט צו איהם אזוי נאהענט, אז ער האט געפיהלט איהר אטהעם און איהר ווארימען קערפער דורך די דינע קליידער.

— עס איז זעהר קאלט—האט זי זיך בעקלאגט און האט איהם ארויפגעלעגט איהר האנד אויפ'ן אקסעל און האט ווידער גערעדט:

— מיין מאן איז אלט, און איך בין יונג, און עס איז מיר אומעטיג צו זיצען איינע אליין אין דעם שענעם פאלאץ אין די לאנגע אבענדען פון הערבסט... און עס ציהט מיר אין דרויסען, אויף דער פרייהייט... בין איך ארויסגעפלויגען פון מיין פערגאלדעטען נעסט...

— און דיין מאן? — האט ער געפרעגט.

און זי האָט געענטפֿערט:

— מײן מאַן האָט אַ בײנערדיגען קערפּער און אַ פֿערלאָשענעם בליק... נאָר ער איז רײך, זעהר רײך, און האָט מיר פֿיעל געלד און ציערונג געגעבען... דאָס אַלץ האָב איך צוטײלט און בין ווידער פֿרײ!

— וואוהין קלערסטו צו געהן פֿון דאַנען?

— צו דיר, אויף די גרינגע גאַס. אויב דו ווילסט...

און זי הויבט צו איהם די אויגען אויף מיט אַ געבעט.

— דו ווײסט, וואו איך וואהן? — האָט ער געפֿרעגט פֿערוואונדערט.

— איך קאָן דיך... פֿרעג נישט, פֿון וואַנען און ווי אַזוי... דאָס איז מײן טײערסטער סוד... זאָג מיר נאָר אײן וואָרט — געה איך מיט דיר... איך וועל זײן דיר אַ שוועסטער.

— קום מיט מיר — האָט ער איהר געענטפֿערט, און האָט צו איהר אויסגעשטרעקט זײן אָרעם.

קוים האָט זי איבערגעטרעטען די שוועל פֿון זײן צימער, האָט זיך דאָס צימער איבערגעביטען. די וועגד, בעט, טיש און שטול האָבען אויפֿגעלעבט. מיט געזאַנג פֿערוויעגט זי איהם צום שלאָף, מיט געזאַנג וועקט זי איהם צום מאָרגען. אַז ער געהט אַוועק, פֿרעגט זי נישט וואוהין, און זי פֿרעגט נישט, וואָס זײן אַרבײט איז... ווי ער געהט אַוועק, בעגלײט זי איהם מיט אַ ליעבען בליק; קומט ער צוריק, בעגעגענט זי איהם מיט אַ שמײכעל אויף די ליפּען.

אײנמאָל, אַז זי איז איהם אַנטקעגען געלאָפֿען מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס, האָט ער זיך צו איהר אָנגערופֿען:

— שוועסטער, זאָג מיר, ווער דו ביזט...

גלײך ווי אַ שאָטען איז איבערגעפֿלויגען איבער איהר געזיכט, און טרויעריג האָט זי איהם געענטפֿערט:

— געדענקסט די בלעטער, וואָס זענען דאַמאָלס, ווען מיר האָבען זיך בעגעגענט, אַראָבגעפֿאַלען פֿון די בוימער, — אַזוי זענען פֿון מיר אַראָבגעפֿאַלען די פֿריהערדיגע טעג, — און איך וויל זײ פֿערגעסען, דערמאַהן מיך נישט...

און ער האָט איהר געענטפֿערט:

— איך פֿרעג דיך נישט מעהר...

דער ווינטער איז אַריבער, ווי אַ ווײַסער חלום; עס איז געוואָרען זומער, טײַכען ליבט האָבען זיך געגאָסען דורכ'ן פֿענסטער, און איינמאָל איז זי צוגעפֿאַלען צו איהם, און האָט איהם איינגעגראָבען איהר געזיכט אין זײַן ברוסט, און האָט געשעפּטשעט:

— אַזוי פֿיעל ליבטיגקײַט... אַזוי פֿיעל ליבטיגקײַט!... איך האָב קיינמאָל אַזוי פֿיעל זון נישט געהאַט. מײַן האַרץ ווערט פֿאַר גליק באַלד צערשפּרונגען...

און ווי אַ רויש איז דער זומער אַריבער, און אַז עס איז ווידער געקומען דער הערבסט, און די בלעטער אין גאָרטען האָבען אָנגעהויבען פֿאַלען, איז איהר פֿלוצלונג אַ בענגשאַפֿט בעפֿאַלען, און איהרע אויגען זענען פֿערנעבעלט געוואָרען... און איינמאָל, אין אַ קאַלטען פֿאַרנאַכט, איז זי איהם געפֿאַלען אויפ'ן האַלז, און האָט איהם שטיל איינגערוימט איהר געבעט:

— קום מיט מיר, ליעבער מאַן, איז גאָרטען אַרײַן...

— ליעבסטע, איך געה מיט דיר!

און זיי זענען אַרומגעגאַנגען אין גאָרטען... און זי איז געוואָרען לעבעדיג און שטיפֿיג, ווי אַ קינד, און זי איז אומגעלאָפֿען איבער די וועגלעך, און האָט זיך בעהאַלטען הינטער די ביימער, האָט געזונגען, ווי אַ פֿויגעל, און האָט זיך געטוליעט צו איהם, און האָט געוואַרעמט איהרע פֿערפֿראָרענע הענד בײַ איהם אויף דער ברוסט.

— דו פֿרײַגעפֿלויגענע, האָט ער צו איהר געזאָגט: — איך פֿרעה מיך, קוקענדיג אויף דיר.

— דו ביזט מײַן רעטער; פֿאַר דיר איז מײַן פֿרייד; דו האָסט מיר די נשמה געלײַטערט, און מײַן לעבען דערוואַרמט!

— שוועסטער, עס איז קאַלט און קויטיג... קום אַהיים...

— מײַן רעטער — האָט זי איהם געענטפֿערט: — איך בליה נאָר איינמאָל אין יאָהר, און דער „איינמאָל" איז הערבסט; וואַרט נאָך אַ ווײַלע.

און אַהיים האָט זי געטראָגען מיט זיך פֿולע הענד געלע, אַראָבגעפֿאַלענע בלעטער.

— צום אנדענקען — האָט זי געשמייכעלט, און קומענדיג אין צימער אַריין, האָט זי איהם בעשיט, ווי מען בעשיט אַ חתן. —

אָבער וואָס אַ טאָג איז זי אַלץ טרויעריגער געוואָרען, און איהרע אויגען אַלץ טונקעלער און טונקעלער, ביז זיי האָבען בעקומען די קאָליער פון הערבסטליכען הימעל, און איהר אָטהעם איז שוואַכער און אָבגעהאַקטער געוואָרען און אַזוי ווי די בלעטער פון די בוימער זענען געפאַלען איהרע קרעפטען... און אַז די לעצטע פויגעל-שאַאַר האָט פערלאָזט דאָס קאַלטע לאַנד, איז זי קראַנק געוואָרען, און וואָס אַ מאָל קראַנקער.

— פריינגעפלויגענע—האָט ער ביי איהר געפרעגט: — צו ווילסטו נישט זעהען דיינע עלטערען? וואו זענען זיי, וועל איך זיי אָנזאָגען.

און זי האָט געענטפערט:

— מיינע עלטערען האָבען מיך פערקויפט, און האָבען זייער געלד בעקומען... איך געהער ניט מעהר צו זיי... מען דאַרף נישט קיין עלטערען...

— אפשר בעקאַנטע, גוטע פריינד?

— איך האָב נישט אַזעלכע. אין דער יוגענד האָבען מיך די חבר'טעס מיט מיין שענהייט מקנא געווען, און די יונגע לייט האָבען געקוקט אויף מיר מיט רויבערישע אויגען, און אַז דער רייכער האָט מיך אָבגעקויפט, האָבען די חבר'טעס מיך מיט מיין רייכקייט מקנא געווען, און די בליקען פון די יונגע מענשען זענען נאָך רויבערישער געוואָרען... איך האָב נישט קיין בעקאַנטע, איך האָב נישט קיין פריינד...

און אַז עס זענען געקומען די לעצטע מינוטען פון איהר לעבען, האָט זי איהם צו זיך נאָהענטער צוגערופען, ווייך צוגעצויגען זיין קאָפּ צו זיך און האָט איהם אין אויער מיט איהרע קאַלט-געוואָרענע ליפען געשעפּטשעט:

— מיין רעטער, איצט איז נאָך הערבסט... אַז איך וועל שטאַרבען, נעהם מיין קערפּער און טראָג איהם אַהין, וואו מיר האָבען זיך בעגעגענט צום ערשטען מאָל, און זאָלסט איהם בעגראָבען דאָרט... נישט ווייט פון אונזער באַנק, צווישען די וואָר-

צלען פון א בוים... די רעשט פאלענדיגע בלעטער וועלען מיין קבר בעדעקען... איך וועל ליגען, און דער ווינד וועט מיך בעזינגען... די קראה וועט מיך בעוויינען...

און זי הויבט זיך צום לעצטען מאל אויף:

— איך וויל, מיינע ביינער זאלען נישט ליגען אויף איין בית עולם מיט מיין מאמען, וואס האט מיך פערקויפט, מיט מיין מאן, וואס האט מיך געקויפט... דו, קום אמאל צו מיר!

משה טייטש.

שריפטען

2=טער באנד.

פערלאג
וועלט־ביבליאטעק

וואַרשא
תר"ע.

Соч. М. ТАЙЧА.

Тип. и Лит. X. Кельтера, ул. Новолипье № 11, въ Варшавѣ.

אינהאַלט:

אויפ'ן בערגעל.

דער שפיאָן.

נקמה.

רעגען'ס.

צווישען די פעלזען.

די שטורעם מאַכטער.

דער סוד פון די אויגען.

די סטאַטוע.

דער כינעזער און זיין קוואַל.

צווישען פייערלעך.

אויפ'ן בערגעל

עטוואס אן א זייט פון שטאדט, דארט וואו דער ברייטער טראקט פערקערעוועט זיך רעכטס און אנטלויפט אין די ווייטע ברייטע פעלדער, פערזייהטע מיט תבואות, אויפ'ן סאמע שפיץ בערגעל שטעהט א רויטע לאמטערן, און א גאנצען לאנגען זומערדיגען טאג באדט זיך די רויטע לאמטערן אין א בלישטשענדיגען ים פון העלע זונענשטראהלען. און באדענדיג זיך, דרעמעלט זי, און דרעמלענדיג קוקט זי מיט איהרע בלאנקענדיגע שייבלעך אויפ'ן הילצערנעם איינשטאקיגען הויז מיט'ן שינדעל־דאך אויפ'ן קאפ, וואס שטעהט עטוואס נידעריגער אויפ'ן בערגעל, אויף דער סאמע משופע'קייט, אויפ'ן הויז, וואס אז מען קוקט אויף איהם, דאכט זיך אויס, אז עס איז פריהער אויך געשטאנען אויפ'ן שפיץ, נאר עס האט זיך אמאל מישב געווען און האט זיך געלאזט געהן אראב'ן בערגעל, אהין צום שטאדט, צו די איבעריגע הייזער, נאר עס האט זיך אויפ'ן מיטען וועג פלוצלונג ווידער אבגעהאלטען, און עס איז אזוי שטעהן געבליבען אין אונענטשלאסענהייט — ניט אהין, ניט אהער... דארט אונטען האבען זיך געצויגען גאסען, און אין די סאמע הייסע, אין פייער פער'שרפ'טע טעג, האבען זיך מענשען געבאקט אויף דער זון, זענען אומגעלאפען, ווי עפעס זוכענדיג, האבען זיך בעגעגענט און ווידער צושיידעט און ווידער בעגעגענט, און קוקענדיג פון שפיץ בערגעל אראב אויף די ארומלויפענדע קליינע מענשלעך, האט זיך אויסגעדאכט, אז דאס האבען עפעס שפאסהאפטע שפיעלער פערפיהרט א נארישען, צו גאר נישט ברענגענדען שפיעל אין מענשלעך, און האבען זיי אומגעווארפען אהין א מענשעל, אהער א מענשעל. א

קלאַפּ אײנס אָן דעם צװײטען, און װײַטער געװאָרפען, און אַזױ אַ גאַנצען טאָג אָהן אַן׳אױפהער.

אָבער דאָס אַלץ האָט װעניג געקימערט דעם הויז אויפ׳ן בערגעל און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס האָט גאָר קײן שום שייכות ניט צו דער שטאָדט און נעהמט גאָר קײן אַנטײל ניט אין דעם אַלעם, װאָס דאָרטען קומט פאָר. אַ גאַנצען טאָג זענען די לאָדען געװען צוגעמאַכט, און אַ גאַנצען טאָג איז אינװעניג געװע־זען שטיל. און קוקענדיג אויפ׳ן הײַזעל האָט אויך די לאַמטערן געדרעמעלט און האָט גלײַכגילטיג געקוקט מיט איהרע מאַט־רויטע שײַבלעך אויף די אונרוהיגע בעװעגליכע שטאָדט פון אײן זײַט, און פון דער צװײטער זײַט אויף די רוהיגע אונבעװעגליכע פעלדער מיט די גרינענדע תבואות, און מעהר ניט װען עפּעס אַ װאָגען מיט משא פלעגט דורכפאָהרען פון דער װײַטענס איבער דעם הילצערנעם בריקעל און פלעגט מיט אַ טרוקענעם קלאַפּען צעהלען די קלעצלעך פון בריקעל. פלעגט דאַמאָלסט די לאַמטערן אָנהויבען צו ציטערען מיט די שײַבלעך, אַזױ װי זי װאָלט װעלען מיט דעם אויסדריקען איהר אונצופרידענהײַט, װאָס מען שטערט איהר די רוהע אין אַזאַ הײסען, אַזאַ רוהיגען טאָג.

אַנדערש איז געװעזען בײַ נאַכט. אַזױ װי עפּעס אַ כשוף־מאַכער װאָלט מיט זײַן צויבער־שטעקעל אין באַרג אָנגעקלאַפּט, אַזױ װערט דאָרט מיט אײן מאָל אַלץ איבערגעאַנדערשט, און דאָס טויטע, דאָס שלאָפענדע, חאַפּט זיך באַלד אויף, און הויבט אָן לע־בען, שנעל לעבען, אין אײַלעניש, אין טומעל, אַזױ װי עס װאָלט װעלען אַרײַנכאַפּען דאָס, װאָס עס האָט פערשלאָפען, דאָס װאָס עס האָט פערפעהלט. און די לאַמטערן עפענט אויף מיט אַמאָל אַ גרויס אויג, אַזױ װי מיט בלוט אַ פערלאָפענעם, און שטעלט זיך אָן אויפ׳ן שטאָדט פון איהר הויכקײַט, אַזױ װי עפּעס אַן׳אײַנאויגיגער ציק־לאָפּ. און נעהמט קוקען מיט חוצפה, און אַרײַנדרינגען מיט זײַן בליק אין די װײַטעסטע װינקעלעך. און װעקט אומעטום און אומע־טום רופט זי מיט אַ רויטען געלעכטער׳ל, רופט און ציהט...

מען האָט נאָר געדאַרפט פערזשמורען די אויגען אויף אַ רגע, האָט מען קלאָר געקענט זעהען, װי די לאַמטערן האָט פערשפרײט אַ גאַנצע נעץ פון רויטע פעדים, אַזױ װי אַן׳אונגעהויערע צאָהל װענדקעס, און זי האָט זיי פערװאָרפען אין שטאָדט, און װאו זי

האַפּט נאָר אַ מענשעל, ציהט זי איהם, אַזוי ווי מען ציהט די פישלעך פון טײַך, און עס געהען די געפאַנגענע, מיט ניט פעסטע טריט, אײַלענדיג. מיט בלאָנדזשענדיגע אויגען, אין דעם שאָטען פון די פאַרקאַנעס, איבער זײַטיגע געסלעך, און אַלע ווערען ווי אַרײַנגעצויגען אין די הילצערנע פער׳כשופ׳טע ווענד.

אַ גערוימיגער זאַל מיט אַ גרויסען טרומאָ־שפּיגעל אין ווינקעל, און נעבען די ווענד זענען אויסגעשטעלט טאַפּטשאַנעס מיט רויטע סאַמעטענע איבערציהערס, מיט קלײנע טישלעך נעבען זיי. אין ווינקעל שטעהט אַ קלאַוויר, אַנ׳אַלטער, אַנ׳אָבגעריבענער, און אויף די ווענד זענען אויסגעהאַנגען אַ סך צעהנערנע געשמאַקלאָזע בילדער פון נאַריש־שמײַכלענדע מיידלעך מיט אויסגעבלײזטע אַקסלען און פון קורצנעזיגע בחורים מיט פערדרעהטע אויסגעשפּיצטע וואָנצעלעך. פון דער סטעליע הענגען אַראָב צוויי בליך־לאָמפּען, וואָס שנײַדען די אויגען מיט אַ צו העלען, אונאַנגענעהמען שײַן. אײן שטוב און אײן דאַך — און דאָך איז עס ניט געווען אײן געזינט, וועלכע האָט דאָ געוואָהנט, און עס האָט זיך דאָ קײנמאָל ניט געהערט קײן געלעכטער אָדער אַ געוויין פון קלײנע קינדער און ניט קײן בייזערען זיך פון קײן עלטערע... דאָ האָבען געוואָהנט פינף מעדלעך, צו פערשידענע געזינטען געהערענדע. אויף פערשידענע שפּראַכען רעדענדע, מיט פערשידענע אינטערעסען לעבענדע; און צווישען די מעדלעך האָט זיך אומגעדרעהט אײנע אַנ׳אַלטע, וועלכע האָט אומעטום געוואָרפען אַנ׳אויג פון אַ בעל הבית׳טע, האָט אומעטום געזאָגט איהר וואָרט, און וואָס אַלע מעדלעך האָבען איהר גערופען „מאַדאַם״; און אַז עס פלעגען זיך צונויפקומען מענשען, פלעגט זי זיצען אין ווינקעל זאַל, בײַ אַ טיש, און פלעגט אָבנעהמען דעם לייזונג...

דער זאַל איז נאָך דערווײַל אַ פּוסטער. קײן געסט זענען ניטאָ. די מעדלעך פערענדיגען נאָך זייער טואַלעט אין די קעמערלעך. אָבער באַלד וועלען זיך שוין אָנהויבען קלײַבען מענשען, און די „מאַדאַם״ געהט אום פון אײן קאַמער צום צווייטען, און איהרע קלײנע אויגלעך לויפען אומרוהיג אַרום אין די לעכער, אַזוי ווי די מײַזלעך, און די שליסלען קלינגען בײַ איהר אין האַנד מיט אַ מעטאַלענעם קלונג. נאָר איהר אומרוהיגקײַט איז אַנ׳אום-

זיסטע, די מעדלעך זענען שוין פארטיג, און זיי הויבען זיך שוין אן קלייבען אין זאל.

אט לאזט זיך אריין אלע מאל די ערשטע מאניע, אין א קורצע וואלענע קלייד, שטארק רעקאלטירט, אין ווייסע שיך מיט הויכע אבצאסען, אנגעפארבט די באקען און אנגעפודערט. מאניע קלערט שטענדיג אום די פערשידענסטע און עקסצענטרישסטע קאסטיומען. מאניע האט שוין אנגעזעהען א וועלט. אליין א רוסישע, פון די אינערע גובערניעס, האט זי א צייט געלעבט אין פעטערבורג, איז דורך א צופאל אבגעפאהרען, און פון דעמאלסט אן איז דער איינציגער געדאנק איהרער ווידער געוועזען — פעטערבורג. אין איהרע ערצעהלונגען, וועלכע זי פלעגט שטענדיג איבער חזר'ען פאר די מעדלעך מיט אזעלכע גוזמא'ס און פערשענערונגען, האט זיך פעטערבורג פארגעשטעלט אלס עפעס א גן עדן, וואו די „מעדלעך" זענען פריי, ווי די פויגעל, די „געסט" רייך און שען, די ווייגען אזוי פער'שכור'ענד, און די גומענע רעדער אזוי פלינק... און זי האט זיך אזוי צוגעוואהנט צו די גוזמא'ס, אז זי אליין האט אין זיי שוין אויך געגלויבט און אלע געדאנקען איהרע האבען זיך קאנצענטרירט ארום דעם איינציגען ווארט—פעטערבורג. און זי האט געקליבען די קליינגעלד, וואס די בעסערע „געסט" פלעגען איהר לאזען, א גראשען צו א גראשען, געדולדיג און שפארזאם. און האט געווארט שוין גאנצע מאנאטען, ביז וואנעט זי וועט צונויפקלייבען די עטליכע רובעל און דערנאך — אידא: ווייגען... גומענע רעדער... א לעבען!

— מאנקע! לויפט אריין מיט א קלינגענדען געשריי די אייביג פרעהליכע וואנדע, אנ'אבגעגעסענע, א גראבע, א פולבלוטיגע מיט א הויכער ברוסט. וואנדע איז שוין אין דעם הויז גאנצע צעהן מאנאטען כסדר, אהער איז זי צום ערשטען אריינגעפאלען פון דארף א הונגעריגע, אנ'אויסגע'חשכ'טע פון אנ'ארימע, קריסטליכע געזינט מיט א קורנע שטוב מיט א סך קינדער, וואו מען האט זיך געשפייזט אין די בעסערע צייטען מיט מעקענע און אין די ערגערע — מיט קארע. דא האט זי די אויגען געעפענט, דערזעהענדיג די ריינקייט, די ליכטיגקייט; און עסענדיג צוזאמט די ריינע, די שטאדטישע ברויט איז זי גיך צו זיך געקומען, האט כוחות דערפיהלט, און גרינג איז איהר געוועזען אזא לעבען אהן פיזישע אר-

בײַט, אָהן בעװעגונג — און אַלע נאַכט פלעגט זי זיך אַראָבדרעהען דעם קאָפּ מיט די בחורית...

בערטע געהט אַרײַן אַ בלאַסע אין אַ שװאַרצען אַנצוג מיט אַ ברײַטען װײַסען פאַרטוך, גלאַט פערקעמט די האָהר, און קוקענדיג אויף איהר דאַכט זיך, אַז אַט באַלד װעלען אַרײַנקומען געסט, אועלכע ערנסטע, אַנשטענדיגע בעיאָהרענטע מענשען, מיט אַנ' ערענסטען שמײכעל אויף די ליפּען, און גלײַך נאָך זײ טראָגט מען אַרײַן אַ סאַמאָװאַר, אַ געלען גראָבבײַכיגען סאַמאָװאַר מיט בלישטשענדיגע גלעזער, און בערטע װעט נעהמען פאַנאַנדערגיסען טהע און װעט דערלאַנגען יעדערען בעזונדער מיט אַ שעמעדיגען שמײכעל אויף די אונשולדיגע ליפּען... בערטע איז אַ רוהיגע, אַ געלאַסענע, טראָגט שטענדיג אײַנפאַכע קאָסטיומען, רעדט װעניג און עס איז קענטיג, אַז זי טראָגט מיט זיך עפּעס אַ סוד, װאָס קײנער װײסט ניט. בערטע זינגט אָפט לידלעך, אזעלכע שענע און אַנגענעהמע, װעלכע די מעדלעך האָבען אַזױ ליעב צו הערען. בערטע האָט זעהר ליעב קלײנע קינדער, זי האָט זײ ליעב מיט זײערע לאַכעדיגע אויגלעך און מיט זײערע פערװײנטע פּנים'לעך, זי ציהט זײ צו צו זיך מיט צוקערלעך און אַנדערע „גוטע זאַכען", װעלכע זי קויפט אָן פאַר די געמאַכטע קלײנ-געלד. און די קינדער קומען צו איהר פון שטאָדט פער'גנב'עטערהײט אויפ'ן בערגעל... זי פערקעמט זײ די הערלעך, װאַשט זײ אַרום די אײַנגעשמירטע פּנים'לעך, קושט זײ אויס די גליעדער און לאָזט זײ צוריק אַב אַהײם, און װאַרט ביז זײ װעלען אויף מאָרגען װיעדער צו איהר קומען...

אָט איז אויך שענקע מיט איהר פערװאויניגטען פּנים, אויף װעלכען אַ געניט אויג װאָלט קענען איבערלײענען איהר גאַנצע לעבענס-געשיכטע, װאָס האָט זיך אויף איהם אַזױ קלאָר, אַזױ רעדעװודיג אָבגעשטעמפּעלט. נאָך אַ לאַנגען „ליעבע-שפּיעלען" האָט איהר דער חתן אװעקגעװאָרפען און איז אַװעקגעפאָהרען אין אַמעריקע, און די אײנציגע ירושה, װאָס איז איהר איבערגעבליבען, איז געװעזען אַ פּעקעל בריעף, װעלכע זי האַלט שטענדיג צוקאָפּענס און היט זײ, װי די אויג אין קאָפּ. און פאַרטאָג, װען אַלע געהען שלאָפען, לײענט זי זײ, אַלע מאָל די זעלביגע, אַלע מאָל איבער אַ נײַעם, און לײענענדיג בעגיסט זי זיך מיט טרעה.

רען, און צעװײנט זיך אױפ'ן קול, און גאנץ אָפּט דערגײעט עס צו היסטעריק, און עס לױפען זיך צונױף די מעדלעך פון די שכנ'ישע קעמערלעך און מינטערען איהר...

די לעצטע איז מארוסיע — א װײס־רוסישע אנ'אײנגעפּאַכטע דאָרפס־שיקסע, געהט שטענדיג אין ציצענע קלײדלעך, געהט אַרײן מיט איהר הונד, זעצט זיך אװעק נעבען שפּיגעל, דער הונד נעבען איהרע פיס, און הױבט אָן קוקען אין זאל מיט איהרע גרױסע אַש־גראָע אױגען, און קוקט אױף אַלעמען אזױ גראד און פינטעלט ניט מיט די אױגען. און אזױ זיצט זי אַ גאנצע שעה'ן, און מען װײסט ניט, צו זי זעהט עמיצען מיט איהרע ברײט פאַנאנדערגעעפענטע אױגען, צו זי זעהט ניט...

עס עפענט זיך די טהיר און עס געהען אַרײַן אַ פּאָר יונגע בחורים'לעך אָהן אַ „גוטען אָװענד" בײם אַרײנגאנג, פונקט אזױ װי זײ װעלען שפּעטער אװעקגעהן אָהן „אַ גוטען אָװענד". שטיל געהען זײ אַרײן, זעצען זיך אװעק אױף אַ טאפּטשאַן בײ אַ טישעל, נעהמען אַרױס צו פּאַפּיראָסען און פערױכערען.

— חברים פון בורא — בעגעגענט זײ מיט אַ צופרידענעם אױסגעשרײ די אײביג־פרעהליכע װאנדע, אַלײן ניט װיסענדיג, װאָס עס בעדײט איהר אױסגעשרײ, װעלכען זי רעדט אַרױס מיט אַ מאָדנעם אַקצענט, גיט זיך אַ דרעה װי אַ װינד איבער'ן שטוב, גיט בײדען אַ שנעל אין די נעז און... זײ האָבען נאָך קײן צײט ניט צו זיך צו קומען. איז זי שױן אין צװײטען װינקעל פון זאל און װענדעט זיך צו די איבעריגע מעדלעך:

— איהר װײסט, פּאָדרוגעס, אַז אַט די בחורים װעלען באַלד הײסען קױפען ניס.

— קױפט — ענטפערט אַ בחור מיט עפּעס אַ מאָדנעם קול, װעלכען ער אַלײן דערקענט אױך ניט, און װערט עפּעס אזױ װי צוטומעלט, און כדי צו פערגלעטען דעם אײנדרוק, גיט ער אַ הוסט און אַ שפּײ, און זאָגט נאָך אַ מאָל:

— און עפּעל אױך.

אָבער זײן אױפמונטערען זיך העלפט ניט, דער קול קלינגט אזױ אוננאַטירליך, אַז דער בחור װערט גלײך אַנטשװיגען. ער

דערלאנגט עפעס א זילבערנע מטבע און ווערט פלוצלונג רויט.

— זעה סאר' א שעמעדיגע כלה, זאגט מאניע: אודאי צום ערשטען מאל...

באלד עפענט זיך ווידער די טהיר, און עס געהען אריין נאך מענשען. די געהען שוין אריין אזוי ווי צו זיך אין אנ'אייגענע שטוב, מיט זיכערע טריט, בעקוקען אלעמען מיט א בליק פון עפעס אלטע בעקאנטע, רעדען הויך, אבער דאס רעדען איז אזוי אוננאטירליך, אזוי שרייענדיג, און די טריט שטעלען זיי אזוי פעסט און עזות'דיג, ווי זיי וואלטען ערגעץ אין קיין אנדער ארט ניט געשטעלט, און נאך מענשען קומען תיכף צו: די ארבייט אויף די פאבריקען האט זיך שוין געענדיגט, הויבט אן ווערען טומעל־דיגער...

פון עפעס א הינטער־טיר בעווייזט זיך א מענשעל. א הויכס, א דארס, אין א שווארצען ראק מיט פערשמיסענע פאלעס, וועל־כער הענגט אויף איהם אזוי, ווי אויף א הענגער, און זעצט זיך צום קלאוויר. און באלד רייסען זיך אויפ'ן גאס דורך די שפארעס פון די לאדענס און טירען הייזעריגע טענער און צולויפען זיך, ווי פערוואונדעטע פויגעל אין דער לופטען, און פארלעך לאזען זיך אוועק איבער'ן זאל און קלאפען צו מיט די פיס, און עס דרעהען זיך די קליידער, אזוי ווי א ווינד.

בערטע געהט אום איבער'ן זאל און זינגט אויפ'ן קול עפעס א ליעד פון צוויי ווערטער: „ראז פא - א—א—שא—א—אל, ראז פא—א—שא—אל" און חזר'ט איבער די צוויי ווערטער, אמאל נידעריגער אמאל העכער, אהן אנ'אויפהער, אהן אנ'אויפהער..

און פלוצלונג דערטראגט זיך עפעס א געשריי פון א זייטיגען קאמער'ל:

— בעצאהלען דארף מען אפריהער... אז עס קומט מיין געליבטער, ריהר איך זיך אויך ניט פון ארט, איידער ער בע־צאהלט ניט... א מאנסביל טאר מען ניט טרויען אויף וואס דער האהר חערט איז...

— ראז פא—שא—אל', ראז פא—שא—אל—זינגט ווייטער בערטע און דרעהט זיך אום פון איין ווינקעל זאל אין צווייטען.

— א גימנאזיסטקעלע —, זאל איך אזוי לעבען — זאגט עמיצער, אנווייזענדיג אויף בערטען: — וואס פעהלט?

מאַניע זיצט בײַ אַ בחור אויף די קניה אין דער קורצער קליידעל איהרער. פערוואָרפען דעם קאָפּ אַהינטער, און רויבערט אַ פּאַפּיראָס. זי זיצט אַזוי ווי עפּעס אַ סימבאָל פון ליידענשאַפט און שכרות, און בעקוקט מיט אַ שמייכעל די גאַנצע קאָמפּאַניע בחורים, וועלכע זי קען שוין פון לאַנג...

וואַנדע מיט בערטען זענען ערגעץ פערשוואונדען געוואָרען פון זאַל, און מאַרוסיע זיצט נאָך אַלץ אויף איהר אָרט און קוקט פערטראַכטערהייט אין איין פונקט, און מען ווייסט ניט, צו זי זעהט עפּעס מיט איהרע ברייט פאַנאַנדערגעעפענטע, ניט פינטעלדיגע אויגען, צו זי זעהט ניט.

אָט איז איהר דאָרף מיט צוויי ציילען הילצערנע הייזער מיט די פון רעגען פערשוואַרצטע שטרויענע דעכער, מיט דער איינציגער ניט געברוקירטער גאַס, איבער וועלכע מען טרייבט צוויי מאָל אַ טאָג די טשערעדע אין פעלד, און אויף וועלכע עס שפּילען זיך אין פערדלעך די דאָרפישע שקצים. אָט איז די קרעטשמע, וואו מען פלעגט זיך צונויפקלייבען אַלע זונטאָג, און עס פלעגט קומען יאַנעק מיט דער פידעלע און עס פלעגען זיך אָנהויבען טענץ: זי פלעגט טאַנצען מיט'ן שמיעד... זי האָט אַזוי ליעב געהאַט צו טאַנצען מיט'ן שמיעד. זי פלעגט גאָר די ערד אונטער זיך ניט פיהלען — אַזוי ווי אויף פליגלען פלעגט ער איהר טראָגען. אָט איז דאָס טייכעל, וואו זי פלעגט „פּראַניקען" גרעט, און די קלעפּ פלעגען אָבהילכען אין נאָהענטען וועלדעל: טאַ—טאַ—טאַ! טאַ—טאַ—טאַ! און אין וואַסער פלעגט זיך אָבשפּיגלען איהר איינגעבויגען פּנים מיט דער הויכער ברוסט, און דאָרט פלעגט זי זיך באָדען: אַראָבגעוואָרפען דאָס קליידעל מיט'ן יאַקעל און אין וואַסער אַריין — פּליוך! און געהט ווער פאַרביי — אַ נורע געטהון דעם קאָפּ אונטער'ן וואַסער און — ניטאָ קיין מענש! אָט איז איהר טאַטענס שטוב, עטוואָס ווייטער די קוזניע. אין קוזניע שטעהט דער קאָוואַל, דער שמיעד, ער בלאָזט דעם בלאָזאַק, קלאַפּט איבער'ן אייזען און זיין קערפּער בעוועגט זיך אַראָב-אַרויף. אַראָב-אַרויף, און אָט איז דער שייער, וואו זיי פלעגען צונויפפלעגען די אָבגעקאָשעטע היי. אַזוי שמעקעדיג ווי דאָרט איז געווע-

יען ! אויף די שמעקעדיגע היי האָט זי אַזוי ליעב געהאַט צו שלאָפֿען — אַזוי קיהל און ווייך ווי דאָרט איז געוועזען, געהט זי איינמאָל אין אַ שטילע זומערדיגע נאַכט אין שייער אַריין שלאָפֿען, וואַקסט פֿלוצלונג אויס פֿון דער פֿינסטערקייט איהר אַנטקעגען דער שמיעד און... אַ זיסער שוידער געהט דורך איבער אַלע איהרע גליעדער פֿון יענע און פֿון די שפּעטערדיגע נעכט אין שייער אויף די שמעקעדיגע היי... זי גיט אַ פֿינטעל מיט די אויגען... און אָט ציהט זיך שוין פֿאַר איהר אַ צווייטעס בילד. אַ רייכע הויז אין שטאָדט... זי זויגט אַ קינד... אַ געזעצליך קינד פֿון רייכע אַנשטענדיגע עלטערען. דער דאָרף איז ווייט, קאָוואַל איז ווייט... עס קומען צו איהר עפּעס אַ פּאָר סאָלדאַטען... אָבער דאָס האַרץ ציהט ניט צו זיי... זיי זענען פֿון אַ פֿרעמדער גובערניע, רעדען מיט אַזאַ מערקווירדיגען אַקצענט... ניין, איהר האַרץ ליגט ניט צו זיי... נאָך אַ פֿינטעל מיט'ן אויג — און אָט איז זי שוין אויס אַם — צוריק אין דאָרף פֿאָהרען... אָבער זי האָט זיך שוין צוגעוואָהנט צו ריינקייט, גוט עסען... ניין, זי וועט בעסער אָנקומען פֿאַר אַ דיענסט... אָבער אַ דיענסט דאַרף אַרבייטען, איז זי זיך מישב מיט איהרע סאָלדאַטען. גיבען זיי איהר אַנ'עצה.

— עס איז פֿאַרהאַן אַזאַ אָרט — זאָגען זיי איהר — ניט מען דאָרט גוט עסען און טרינקען... און קיין אַרבייט איז ניטאָ, און קאַוואַלערען וויפֿיעל דאָס האַרץ געלוסט... און ניס... און ביער...

— וואָס איז דאָס אַזוינס פֿאַר אַנ'אָרט ? — פֿרעגט זי ביי זיי.

— דאָס איז שוין אַזאַ אָרט — ענטפֿערען זיי איהר.

— מאַרוסיע ! — רייסט איבער אַ „גאַסט" איהרע געדאַנקען, און פֿיהרט איהר אַוועק אין אַ זייטיגען קאַמער.

אויף אַ הינטער-הויף האָט זיך געוואַלגערט אויף אַ קופּע מיסט עפּעס אַ הונד, אַ גרויסער, אַ לאָכמאַטער. אָדער ער פֿלעגט ליגען אַריינגעשפּאַרט די מאָרדע צווישען די פֿאָדערסטע פֿיס און פֿלעגט דרעמלען, אָדער ער פֿלעגט גריזשען ביינער — פֿויל, ווי

עפּעס אַ פּליבּט. װאָס װאָלט אױף איהם ליגען. צופעליג האָט איהם אײנמאל מאַרוסיע בעמערקט. אין דאָרף איז בײ זײ אױך געװעזען אַ הונד, װעלכען זי פלעגט אלײן קאָרמען און ער איז זעהר צוגעבּונדען געװעזען צו איהר, און בשעת זי פלעגט איהם געבּען עסען, פלעגט ער איהר לעקען די הענד. גערופען האָט מען איהם — קאַרל.

— קאַרל — האָט זי אַ רוף געטהון.

דער הונד האָט בּליץ־שנעל אַ װאַרף געטהון זײן בּײן און מיט אײן שפּרונג איז ער שױן געװען נעבּען איהר. און האָט זיך אױף איהר גענומען װאַרפען מיט דער גרעסטער צופרידענהײט. עס האָט אױסגעזעהן, אַז דער הונד האָט שױן לאַנג קײן מענש־ליבּע אױפמערקזאַמקײט אױף זיך ניט געפיהלט, האָט ער זיך אַזױ מיט דער אומגעריבּטער בּעגעגעניש דערפרעהט. מאַרוסיע האָט געזעהען אין הונד אַן׳אָבּשפּיגלונג פון איהר הײם, איהר דאָרף, האָט זי זיך צו איהם מיט׳ן גאַנצען דאָרפישען אײנפאַכען האַרצען צוגעבּונדען. און איבּערהױפּט האָט זי איהם ליעב גע־קראָגען פאַר זײן נאַטירליכקײט, װעלכע זי האָט אינסטינקטיװ אין איהם געפיהלט אין פערגלײך מיט אַלע מענשען, װאָס פלע־גען בּעזוכען דעם הױז מיט די אוננאַטירליכע רעד, אוננאַטירלי־כע תנועות. און װאָס מעהר זי האָט פײנד געקראָגען די מאַנס־בּילען, דאָס מעהר האָט זי ליעבּ געקראָגען דעם הונד. זי פלעגט מיט איהם עסען און שלאָפען צוזאַמען, און שטאַרק אונצופרידען פלעגט זי זײן, בשעת עס פלעגט צו איהר קומען אַ גאַסט אױף אַ גאַנצע נאַכט און זי פלעגט דעם הונד דאַרפען לעגען שלאָפען אױף דער פּאָדלאָגע. די „מאַדאַם“ איז אפילו אונצופרידען געװען פון דעם, װאָס מאַרוסיע פלעגט זיך אַרומשלעפּען מיט׳ן הונד, אָבּער אַז זי האָט געזעהן, דאָס זי קען מיט איהר גאָר ניט מאַכען, האָט זי געקוקט אױף דעם דורך די פינגער, און דער הונד פלעגט דאָס רובֿ אָװענד אױך פערבּרענגען אין זאַל.

„קאַרל“ איז געװען דער אײנציגער מאַנסבּילשער נאָמען אין הױז.

אז מארוסיע איז צוריק געקומען אין זאל, איז דער קלאוויר געווען שטיל, דער הויכער מיט די פערשמיסענע פאלעס איז ווידער ערגעץ פערשוואונדען. די טענצער האבען זיך פערמאטערטע, פערסאפעטע געוואלגערט אויף די טאפטשאנעס, עס האט זיך אומגעטראגען א נעבעל פון פאפיראסען-רויך, פון שוויים און פון פארע. מען האט געקנאקט ניס און געווערטעלט זיך. עס זענען אבגעקומען מענשען, צוגעקומען נייע, די פנימ'ער האבען זיך אפט געביטען, אבער מארוסיען האט זיך פארגעשטעלט, אז דעם גאנצען אווענד זענען דא אלץ איינע און דיזעלבע מענשען געויעזען, דיזעלבע, וואס נעכטען, וואס איינערנעכטען, וואס אלע מאל. אין מיטען זאל איז געלעגען דער הונד, אויסגעצויגען אויף דער פאדלאגע, מיט אזא ברייטקייט, אזא רוהיגקייט, פונקט אזוי ווי ער וואלט נעלעגען אין אלע איבעריגע הייזער פון דער וועלט.

— ררררר!... — גיט דער הונד פלוצלונג א ברום און עפענט אויף א מויל מיט צוויי ראנדען ווייסע שארפע צעהנער גרייט צום בייסען. דאס האט איהם עמיץ פון די ארייגעהער געגעבען א שטויס מיט'ן פוס — און אזוי נאטירליך איז געווען זיין ברומען, ווי ער וואלט דאס געטהון אין די רייכסטע און די ארימסטע, אין די פרומסטע און אויסגעלאסענסטע הייזער. ער הויבט זיך אויף פון ארט, געהט אונטער צו מארוסיען און לעגט זיך ביי איהרע פיס.

מארוסיע הויבט איהם אן גלעטען איבער'ן רוקען.

— מיר אויך א גלעט! זאגט איינער א בחור מיט א שמייבעל.

— א מכה! ענטפערט מארוסיע, און גיט דעם הונד א קוש אין קאפ.

דער בחור בלייבט שטיל, אלע מעדלעך צולאכען זיך.

— אהא — זאגט וואנדע — ביי איהר דער הונד: זי וואלט פאר איהם דריי פוד ציבעלעס ניט גענומען. זי עסט און שלאפט מיט איהם צוזאמען.

שפעט. די מעדלעך געגעצן. „געסט" זענען געבליבען

נאָר אײנציגע. אַנ׳אונזעהבאַרע האַנד האָט אויסגעלאָשען אין דרויסען דאָס רויטע אויג; און די דעמערונג האָט אָנגעהויבען אַרײַנדרינגען דורך די שפּעלטלעך פון די לאָדענס. פון ערגעץ דערטראָגט זיך דאָס קרעהען פון אַ האָהן. איבער׳ן בריקעל ניט ווײַט פון הויז ציהען זיך שוין פוהרען, און די פענסטערלעך פון פאָנאַר ציטערען און בעטען זיך, מען זאָל זײ לאָזען צורוה. די אַרומיגע וועלט הויבט זיך אָן אויפכאַפּען, און דאָס הויז ווערט ווידער אַרײַנגעצויגען ווי אַ טשערעפּאַכע אין איהר שאָהל און עס ווערט שטילער און לעדיגער אין זאַל. נאָך אַ פערטעל שעה. די לאָמפּען זענען שוין אַראָבגעדרעהט. ערגעץ וואו אויף די טאַפּטשאַנעס וואַלגערט זיך אַ זאַק, דאָרט אַ שוך. די מעדלעך זענען שוין יעדע אין איהר קעמערעל. מאַניע טרײסעלט אויס פון די קעשענעס דאָס קלײנגעלד, צעהלט צונויף און לעגט זײ צו די פריהערדיגע — עס פעהלט נאָך אַ סך — די געסט זענען אַזעלכע קאַרגע, און גיבען אַזעלכע קלײנע מטבעות!

וואַנדע, אַנ׳אָנגעמאַטערטע פון די טענץ און פון די סך בעוועגונגען, פאַלט אַוועק אויפ׳ן בעט, קוים צײַט געהאַט אויסצוטהון זיך און ווערט גלײַך אַנשלאָפען אָהן שום געדאַנקען, איהר מויל בלײַבט אַביסעל אָפען און... אַ צופרידענער שמײכעל צוגיסט זיך איבער איהר פנים.

בערטע זינגט עפּעס אַ מעלאַנכאָליש ליעדעל אונטער׳ן נאָז און גיט זיך אַ קלאַפּ מיט׳ן האַנד איבער דער קעשענע. און זי איז צופריעדען, ווי זי הערט דאָרט קלינגען עטליכע מטבעות, וועט זי שוין האָבען פאַר וואָס צו קויפען „גוטע זאַכען" פאַר די קינדער, וועלכע וועלען צו איהר מאָרגען קומען מיט גאַנצע פּעק מעשיות פון שטאָדט, וועלכע זײ וועלען איהר אויסדערצעהלען פון אָנהויב ביז׳ן סוף, און זי וועט זײ האַלזען און קושען... מאָרגען, מאָרגען! ווי דערלעבט מען שוין דעם מאָרגען!

שענקע לעגט זיך צו אין די זאַכען אויפ׳ן בעט, שלעפּט אַרויס איהר פּעקעל בריעף פון איהר בעהעלטעניש, בינדט איהם פאַנאַנדער און הויבט אָן לײענען און... גלײַך הויבען אָן קאַפּען טרעהרען פון איהרע אויגען און נאָך אַ מינוט, נאָך אײנע... און זי כליפּעט שוין אויפ׳ן קול, און באַלד ווערט אַ סומאַטאָכע אין

הויז, אלע לויפען זיך צונויף פון די קעמערלעך, מען שפריצט איהר מיט קאלטע וואסער... מען צושפילעט איהר, און זי קומט צו זיך, ווי געוועהנליך.

אבער צופרידענער פון אלעמען איז היינט מארוסיע: זי האט ניט קיין גאסט אויף ביי נאכט — שלאפט זי מיט׳ן הונד.

דער שפיאָן.

אזוי ווי א סטארע צונויפגעשפארט, זענען געזעסען אין קאזעמאט נומער 3 ביז פופציג מאן, צונויפגענומענע פון די גאסען אין די פינסטערע נעכט. דארט זענען געװען קעשענע־גנבים, „לאטקעס", גרויסע גנבים, וואס ארבייטען אויף שלעסער, באנדיטען און פאליטישע, איבערהויפט פאליטישע, יודען און קריסטען, איבערהויפט יונגווארג. אלע טאג, פונקט עלף דעם זייגער, פלעגען קומען נייע סאלדאטען, פלעגען איבערנעהמען דעם קאראול מיט א געוויסע צאהל טירען, שלעסער, מענשען, פענסטער און אפילו שויבען — קיין זאך האט ניט געטארט פעהלען. די מענשען פלעגט מען יעדען מאל ארויסיאגען אין די קארידארען און אויסצעהלען, איינקוקען זיך אין פאפיער — דער חשבון שטימט — פלעגט מען זיי צוריק ארייננשטויסען אין קאזעמאט און ווידער פערשליסען — קודם כל איז געוועזען ארדנונג. דערנאך פלעגט מען צושטעלען נייע סאלדאטען ביי יעדער קראטע, און די קאזעמאטען פלעגען בעקומען נייע בעלי־בתים אויף 24 שעה — אלע 24 שעה פלעגען זיך בייטען די קאראולען.

עס איז נאך ארום האלבען טאג, אבער אין קאזעמאט איז שוין פינסטער. דריי בלינדע נאסע וואנד, איינגעמויערטע אין דער ערד, און קיין פאדלאגע איז ניטא, נאר א ליימענער גריבערדיגער טאק, אזוי ווי אין א שייער, וואו מען דרעשט תבואה, און אז מען שטעהט אויף איהם א ווײלע, הויבט אן ציהען אין די פיס, און אין די נאסע ווטערען, אין הערבסט און אין פריהלינג, רינט פון די וואנד; די לופט איז אנגעזאפט מיט נאסקייט,

וואָס כאַפּט אַרום דעם מענשען, אַזוי ווי אַ ווייכע אַ קאַלטע, אַ גליטשיגע בעשעפעניש מיט טויזענדער לאַפּעס, און דרינגט אַריין ביז אונטער די בגדים, ביז אונטער'ן העמד, און עסט זיך אַריין טיעף אין קערפּער, דרינגט אַריין אין די לונגען, און עס איז שווער צו אָטהעמען, און עס איז שווער צו רעדען; און אַז מען רעדט אויס אַ וואָרט, דערקענט מען ניט דעם אייגענעם קול, און עס דאַכט זיך, אַז דאָס איז עפּיס אַנ'אָפּקלאַנג פון אַ געשריי פון אַזאַ איינעם, וואָס געהט אונטער ערגיץ ווייט, אין אַ געדיכטען נעבעל, און עס איז קיין רעטער ניטאָ, און קיין רעטונג... די פיערטע וואַנד פערביט אַ הילצערנע קראַטע, פון אויבען ביז אַראָב קראַטע, אַ הויכע, אַ ברייטע, אַזוי ווי אַ טויער, אַנ'אומגעלומפּערטע, און עס האָט אַנ'אויסזעהן פון אַ סטאַדאָלע אויף אַ גרויסען גאַסטעניץ, וואו די דורכפאָהרער שטעלען צונויף אויף נאַכט די וועגענער זייערע. און דאָרט הינטער דער קראַטע שטעהט טאָג און נאַכט אַ טשאַסאָוואָי. דער שיין, וואָס חאַפּט זיך אַמאָל אַריין אַזוי ווי אַ גנב אין קאַזעמאַט, איז ניט אַ גלייכער, פון גאָט'ס ליכטיגער זון אַ געבראַכטער, נאָר אַן אויסגעניצטער, אַנ'אָבגעשלאָגענער פון דער קעגענאיבערדיגער וואַנד, אַזוי ווי אַנ'אָבגעשלאָגענע הושענא. ער קומט נאָר אַזוי ווי אויף צו להכעיס, מאַכט עטוואָס בלייכער דעם בין השמשות און גיט אַ ביטערען שמייכעל:

„זעהט, ווי פינסטער ביי אייך איז, ווי שמוציג ביי אייך איז"...

פאַזע די וועגד אויף די שמוציגע נאַרעס, וואו עס וואַלגערן זיך הייפלעך אויסגעדראָשענע, אויף שטויב צוריבענע, ערטערווייז צופּוילטע שטרוי, זעהען זיך בעוועגליכע שאָטענס, אַ סך שאָטענס. איינער ליעגט, צוגעדעקט מיט זיין איבער־בגד און קרעכצעט פון צייט צו צייט — ער איז קראַנק, און דער דאָקטאָר וועט קומען ערשט מאָרגען, ערשט איבערמאָרגען, ווען עס וועט איהם איינפאַלען, און אַז ער וועט שוין קומען, וועט ער איהם אין לאַזאַרעט געוויס ניט פערשרייבען — אויף דעם איז ער נאָך צופיעל ווייט פון טויט — ער וועט איהם נאָר געבען פּראָשקעס... דעריבער האַלט דער קראַנקער פערביסען די ליפּען, דאָס האַרץ איז פערשטיינערט, ער וואַרט אויף גאָר נישט... נאָר צייטענווייז, אַז דער וועהטאָג דערנעהמט שוין צופיעל, לאָזט ער אַרויס אַ קרעכץ, אַזוי זיך, אין דער וועלט אַריין, אָהן אַ זין און אָהן אַ ציעל...

עטוואס ווײַטער זיצט אַ קופּקע מענטשען אין אַ קרײַזעל, און מען שפּילט אין קאָרטען — אין קאָרטען שפּילען איז שטרענג פֿאַרבאָטען, און איין גאָט ווייסט, ווי אַזוי די קאָרטען זענען אַהער אַרײַנגעקומען — זיי זענען אַזעלכע אויסגעניצטע, אָבגעריבענע, און דאָך שפּילט מען, אַבי די צײַט צו פֿערטרײַבען, און ווער ווייסט, ווי אַזוי מען דערקענט די קאָרטען, ווי אַזוי מען קלינגט זיך אָנצוזאָגען צוואַנציג און פֿערציג, צו צעהלען אין דער זעלבער צײַט און זאָגען: „גענוג, איך האָב שוין״...

עטוואָס ווײַטער זיצט עפּיס אַ לאַטעק, אַ גנב׳ל, וואָס איז איך אַרײַנגעפֿאַלען אין אַלגעמײַנעם טומעל, זיצט אַ הײַלער בײַ העלפֿט און פֿאַרעט זיך מיט עפּעס אַ בגד, וואס מען קען ניט אונטערשײַדען פֿון דער אַרומיגער חשכ׳ניש. סאַמע בײַ די קראַטען זיצט איינער אין ברילען און האַלט אין האַנד אַ שטיקעל צוריבענע צײַטונג, וועלכע איז על פּי נס אַהער אַרײַנגעפֿאַלען, און מען ווייסט ניט, פֿון ווען עס איז. עס איז אָבגעדרוקט אויף איהם אַ פּאָר שטיקלעך אָרטיגער כראָניק, ווער ווייסט פֿון וועלכער שטאָדט. אָבער דער אין די ברילען בלענדעט זיך די אויגען און לעזט עס מיט אינטערעס — שוין לאַנג אַ געדרוקט וואָרט ניט געהאַלטען אין האַנד.

— חברה, שפּילען מיר אין פּאַטשעניש — לעגט פֿאָר איינער אַ יונגער קריסט, אַ הויכער, אַ געזונדער, מיט ברייטע פּלייצעס.

— שפּילען מיר — ענטפֿערט איינער אַנ׳עלטערער, מיט אַ שוואַרצער באָרד, מיט שוואַרצע קאַלטענעוואַטע האָהר — ווער ווייסט, אַ יוד צו אַ ציגײַנער — און באַלד פּאָהרט זיך די פֿינסטערניש פֿאַנאַנדער אויף צווײַ זײַטען, און עס שווימען אַרויס אויפֿ׳ן בלײַכען פֿלעק, ניט ווײַט פֿון דער קראַטע, אַ גאַנצע חברה גרעסערע און קלענערע, איינער זעצט זיך אַוועק, נאָך איינער לעגט צו איהם אויף די קניה אַוועק דעם קאָפּ, אַלע שטעלען זיך אַרום אין אַ רעדעל, און עס לאָזט זיך הערען אַ קלינגענדיגער פּאַטש.

— העלדיש! חאַפּט אונטער חברה לעבעדיג.

— שוין? — פֿרעגט תמ׳עוואַטע דער לאָבוס.

— שוין, שוין! פֿערזיכערט מען איהם: הויב זיך!

— גאָר נישט געהערט! — זאָגט ער קאַלטבלוטיג, הויבט

זיך אויף און בעקוקט די אַרומיגע מיט אַ שאַרפען בליק.

— דו — ווייזט ער אויף איינעם, וואָס איז געוועזען בערימט אַלס שאַרפער פּאַטשער.

אויב ער טרעפט, לעגט זיך יענער, אויב ניט, לעגט זיך דערזעלביגער ווידער און ווידער.

חברה טהוט זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר אַריין אין דעם האַלב-ווילדען משונה'דיגען, ספּעציעלען טורמע-שפּיעל — עס ווערט אַ טומעל, אַ ליאַרעם, עס צושפּילען זיך די אינסטינקטען, מען פערגעסט זיך, וואו מען איז.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ טומעל! — קומט צולויפען דער אָפּיצער מיט שוים אויפ'ן מויל: צוגעהט זיך, וואַרום באַלד...

אין איין הרף עין צולויפען זיך אַלע אין די ווינקעלעך, פון די קאָרטען אויף דער הינטערשטער נאַרע איז שוין אויך קיין זכר ניט געבליבען, עס איז טויט שטיל, אָבער דער אָפּיצער בערוהיגט זיך נאָך ניט.

— איך וועל אייך ווייזען, זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ! וואָס איז דאָס! — ווערט ער ווידער אָנגעצונדען, ווי אַ פייער! — אַ ציַיטונג? עפּען!

דער וואַכטער עפּענט גלייך אויף, דער אָפּיצער לויפט צו צו דעם אין די ברילען און כאַפּט אַרויס דאָס פערשמוצטע שטיקעל ציַיטונג.

— וואו האָסטו גענומען?

— דאָס איז אַנ'אַלטע, אַ ברעקעל...

— נאָך רעדען! דו ביזט נאָך געווען בעט... און פאָהרט איהם אַריין אין באַק, די ברילען פליהען אַראָב פון נאָז, פאַלען אויפ'ן ליימענעם טאָק, און עס הערט זיך, ווי עס ברעכען זיך די גלעזליך.

— שוויַיג, דו זשיד איינער — העלפט אונטער דער וואַכטער און דערלאַנגט איהם אַ שטורך אין זייט.

— שטיל זאָל מיר זיין: געדענקט! איך וועל פון אייך איינעם קיין גאַנצען ניט לאָזען — ווערט דער אָפּיצער שוין אביסעל רוהיגער און געהט אַרויס.

אין אַ קורצע צייט אַרום בעוויַיזען זיך ווידער די קאָרטען אויף דער הינטערשטער נאַרע, מען רעדט נאָר שטילער צווישען

זיך, דער קראנקער קרעכצעט שוואכער און איינגעהאלטענער, מעהר ניט דער לאטעק. דאס גנב'ל, טהוט זיך רוהיג ווייטער זיין ארבייט... און אין סאמע ווינקעל, דארט נעבען דעם ארט, וואו עס געהען זיך צונויף צוויי נאסע, פינסטערע ווענד פון קאזע־מאט, זעהען זיך בליצען ווי צוויי שווארצע בייזע פייערלעך, צוויי פיעבערהאפטע אויגען — דארט וואלגערט זיך איינער אליין, אב־געזונדערט פון אלעמען, פערטריבען, פערשטויסען, שטום ווי די וואנד, א מענש, וואס טראגט אויף זיך דעם נאמען — שפיאן.

ווער ווייסט, פאר וואסערע זינד מען האט איהם אריינגע־זעצט אין פעסטונג צוזאמען מיט אלע איבעריגע, צווישען וועלכע עס האבען זיך געפונען א סך זיינע קרבנות, משמעות, ער האט אויך פערזינדיגט איף זיין שטייגער...

— דאס איז א שפיאן — פלעגט מען אנזאגען יעדען נייען, וואס מען פלעגט אריינווארפען אין קאזעמאט. דער נייער פלעגט זיך גלייך אבקעהרען, אויסשפייען, און פלעגט שוין מעהר אין יענעם ווינקעל ניט קוקען...

צום ערשטען, ווי מען האט איהם געבראכט, איז ער ארייג־געפאלען אין קאזעמאט נו' 1, וואו עס זיצען פון שטענדיג אן נאר גנבים. אריינגעפאלען איז אריינגעפאלען, פערנעם אנ'ארט און זיי א נאסט, פלאץ איז פארהאן, אייב עס וועט אויספעהלען אויף דער נארע, איז דער טאק גענוג גרויס, אבער ווי די גנבים האבען זיך דערוואוסט, וואס ער איז אזוינס — און די טורמע דערוויסט זיך פון אלץ, די ווענד דערצעהלען, דורך דער לופט קומט דער קלאנג — האט מען זיך גענומען צו זיינע ביינער אויף דעם שטיי־נער פון וואהלע יונגען.

— הער נאר, דו שפיק, ווי קומסטו אהער? וואסער ווינד האט דיך פערטראגען? ווילסטו בלייבען גאנץ, זאלסטו נעהמען וועג. און איינער א הויכער מיט אנ'אויסגעהאקטער אויג, אבער אזוי, אז די געבליבענע האט געקוקט מיט גענוג רשעות, האט איהם אראבגעלאזט א געזונדען קלאפ אין סאמע ברוסט ארייין:

— טראג זיך פון דאנעט ארוים!

— גוטע מענשען, אום גאטעס ווילען — האט ער זיך גע־

נומען בעטען ניט מיט זיין קול, ווי אַ בעשעפעניש, וואָס זעהט, אַז עס איז קיין אויסוועג ניטאָ!

— איך בין ניט קיין שפיאָן, איך בין אַן'אָרענטליכער מענש.

— מען קען אייך, די אָרענטליכע מענשען... מען קען אייך, איהר כלבים, אַ רוח אין אייך און אין אייערע טאַטעס ביז אין צעהנטען דור אַריין! וואַרף זיך אַרוים פון דאַנעט!

און בעוויזט איהם אויף די קראַטעס.

— הער נור, דו, וואָס שרייסטו אַזוי, האַלט זיך אַקאָרשט איין... ווייסט... זאָגט דער טשאַסאָוואָי צום גנב און בעוויזט איהם דורך דער קראַטע די שפיז.

— אַ שפיאָן, אַ בייזער יאָהר! — פערענטפערט זיך דער גנב,

אַ שפיאָן — איז עטוואָס אַנדערש, דער טשאַסאָוואָי ווערט וויכער, אַ שפיאָן האָט ער אַליין אויך פיינט, ווי אַ שפין, אָבער אַלס טשאַסאָוואָי מוז ער היטען אָרדנונג:

— נו, ניט געטומעלט פונדעסטוועגען... ווייסט!

— גאַווריִלאָוו—קען ער זיך ניט איינהאַלטען און מוז זיך צו־טיילען די נייעס מיט'ן צווייטען טשאַסאָוואָי, מיט וועלכען ער טאָר אייגענטליך קיין וואָרט ניט רעדען — האָסטו געזעהען! אָט איז אַ שפיאָן, זאָל איך אַזוי לעבען — זעהסט אַ בריאָה... אוי, וואָלט איך איהם אַ טונק געטהון אין זייט מיט'ן שפיז, אַז ער וואָלט פליהען.

און דער שפיאָן הערט קלאָר יעדעם וואָרט...

אָבער אַריבערגעהן פון קאַזעמאַט נומער 1 האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען ניט דעם זעלבען טאָג, ניט אויף מאָרגען — עס זענען אַלץ געווען שלעכטע אָפיצערען — ניט זייער זאַך, זיך וואו דו זיצט. ערשט אויפ'ן דריטען טאָג אין געקומען אַ בע־סערער אָפיצער, האָט ער איהם איבערגעפיהרט אין נומער 3, וואו עס איז פערהעלטניסמעסיג געווען וועניגער מענשען, ווי אין אַנדערע קאַזעמאַטען.

די וועטערען האָבען זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהרער פער־ערגערט, עס איז שוין געוועזען שפעט־הערבסט. אין קאַזעמאַט איז שוין אפילו ביי דער קראַטע פון סאַמע אין דער פריה געווע־

זען פֿינסטער. ווענען א זון אויף דער וועלט האָט נאָר דער זכרון געוואוסט, אין דער פֿינסטער פֿלעגט זיך אַלע טאָג לאָזען הערען דער געשריי פֿון עלטערען סאָלדאַט: „וסטאַוואַי!‘ שטרענג און נאַס האָט געקלונגען זיין שטימע אין דער לופֿט, וואָס איז געוועזען אַזוי ווי אַ שוואָם אָנגעטרונקען מיט פֿערפֿוילטען וואַסער פֿון די ווענד און פֿון דער פּאָדלאָגע. ציטערענדע פֿון קעלט פֿלעגט מען זיך שנעל אויפֿהויבען און מען פֿלעגט זיך לויפֿען וואַשען אויפֿ'ן הויף, וואָס איז פֿון אַלע זייטען אַרומגערינגעלט געוועזען מיט הויכע זאַמדיגע ווענד, וואָס אַז מען פֿלעגט אַ הויב טהון דעם קאָפּ אַרויף, פֿלעגט מען זעהען אַ גרויען סאָלדאַט מיט אַ ביקס פֿון איין זייט און אַ גרויען סאָלדאַט מיט אַ ביקס פֿון צווייטען זייט. אויפֿ'ן הויף איז געווען נאָך נאַסער און נאָך קעלטער, אָבער דאָך איז מען צופֿרידען געווען צו שטעהן אַנ'איבעריגע רגע אויפֿ'ן דראָבנעם הערבסטליכען רעגען, וואָס האָט זיך געגאָסען, אַזוי ווי טרעהרען, וואָס עפּיס אַ גוטער רחמנות'דיגער, אָבער אָהנמעכטיגער גאָט האָט פֿערגאָסען אויף די אָרימע, די אומגליקליכע ערד. אָבער שטעהן פֿלעגט מען ניט לאָזען, וואַש זיך — און פֿורט! שנעלער! און וואַשטו זיך ניט אַזוי שנעל איז ווידער פֿורט, ניט גערעדט, נאָך מיט אַ שטויס אין זייט, אַ קלאַפּ אין האַרץ, אַ פּאַטש אין פּנים — ווי אַמאָל! דערנאָך פֿלעגט מען אַרויסיאָגען נאָך „קיפּיאַטאָק“, און דאַן פֿלעגט זיך אַוועקציהען אַ טאָג, אַ לאַנגער, אַ טרויעריגער, און דו ליגסט און טראַכסט, און טראַכטען איז אַזוי שווער, דער מוח אַרבייט ניט, און די אַפּאַטיע בעפֿאַלט דיך פֿון אַלע זייטען, נעהמט דיך אַריין אין איהרע נעגעל און זויגט דאָס בלוט פֿונ'ם האַרץ, דעם מאַרך פֿון די ביינער, און אַזוי טעג, און אַזוי וואָכען...

דער זייגער איז שוין נאָך עלף. דער נייער קאַראַאול האָט זיך פֿערשפּעטיגט. די אַרעסטירטע וואַרטען מיט האַרצקלאַפּעניש. שאַ, אָט האָבען זיך שוין בעוויזען זייערע היטלער — נאָך די היטלער דערקענט מען גלייך, צו וואָסער פּאָלק זיי געהערען — יעדער פּאָלק האָט שוין זיין שם: אַ בעסערן אָדער אַנ'ערגערן. אין אַ ווילע אַרום עפֿענט זיך די טהיר, עס געהט אַריין אַ קליין אָפֿיצערל, צעהלט אויס די אַרעסטירטע, קוקט אַריין אין פּאַפּיער און זאָגט:

— נו גוט, געדענקט, איהר זאָלט זיין שטיל — ער רעדט מיט אַזאַ גוטער שטימע, פּאַוואָלינקע, ניט געכּעס'ט, ווי צו קליינע קינדער, וועלכע מען וויל ניט איינרייצען — ניט קלויבען זיך אין קופּקעס, ניט טומלען, ניט בונטעווען, ניט רעדען מיט'ן טשאַסאַוואָי, און אויב איהר וועט פאָלגען, קריגט איהר ביי מיר „פּראַגולקע״.

און עס האָט זיך אוועקגעצויגען אַ שווערער, אַ פינסטערער טאָג — זענען אַלע געלעגען אויף די גאַרעס, און קיינער האָט קיין אָטהעם פון לעבען ניט בעוויזען: די לאַגע איז צופיעל ערענסט: אַלע ווייסען עס, אַלע פיהלען עס, אָבער קיינער רעדט גאָר נישט — די נערווען זענען אָנגעצויגען, עפּעס הענגט ביי אַלעמען איבער די קעפּ אַ שאַרפעס, אַ שווערעס, וואָס קען ביי'ם מינדסטען ווינטעל אַראָבפאַלען און צו'מזיק'ען אַ סך מענשען... און אַזוי ציהט זיך אַ שעה, צוויי, דריי — יעדע שעה, ווי אַנ'אייבינקייט. חברה האָט ערגיץ בעהאַלטען אַ צייטונג — פאַר אַ רובל געקויפט — און עס ווילט זיך אַזוי לייענען, הערען עפּעס אַ פרישׁ וואָרט, אַ נייעס, די דומע האָט זיך די פאָריגע וואָך ווידער אַמאָל געעפענט, אָבער מען איז פאַרזיכטיג, מען שמועסט אָן די לעצטע קרעפטען און מען האַלט זיך איין. און עס געהט אַריבער דער טאָג, אַזוי ווי אַ שווערע חמאַרע אין אַ שטילען וועטער. עס קומט אָן דער אָוועָנד, און עס ווערט גרינגער אויף די הערצער, די געמיטער ווערען אויפגעלעבטער — עס איז גאָר נישט פאָרגעקומען! פערגעסט זיך חברה אַביסעל — יונגעס בלוט — ווילט זיך געבען אַ שטיף, אַ שפּרונג; גיט איינער אַ העכערען געשריי, אַזוי זיך, אין גוטען מוט, ער חאַפּט זיך באַלד צוריק, אָבער פערפאַלען — דאָס אַפּיצערעל, וואָס האָט, ווייזט אויס, נאָר אָבגעוואַרט די ערשטע בעסטע געלעגענהייט, איז שוין ביי דער טהיר, און זיין שטילער קול הערט זיך שוין אַזוי געלאַסען און אַזוי רוהיג, ווי מען וואָלט רעדען צו קינדער, וועלכע מען האָט מורא איינצורייצען:

— ווער האָט געשריען?

שטיל. אַ ציטערנישׁ לויפט דורך אַלעמען איבער די לייבער פאַר דעם, וואָס דאָ קען באַלד פאָרקומען. עס ווערט פינסטער

אין די אויגען, עס הויבט אָן צו קלינגען אין די אויערן, הענד און פיס הויבט אָן צו ווארפען, ווי אין פיעבער — מען ווײסט, אין וואָס דאָ געהט...

— ווער האט געשריען? חזר'ט איבער דאָס אָפּיצער'ל נאָך אמאָל — עפּען — ווענדעט ער זיך צום ווזוואָדנעם, וואָס האלט שוין די שליסלען אין די הענד: — חברה, אהער לאָדעט אָן!

עס לויפען זיך צונויף א שטיק פינף און צוואנציג סאָלדאַטען, גוואַרדײצעס, הויכע ווי די ריזען, און עס הויבען אָן קנאַקען די ביקסען: קנאַק-קנאַק, אין אײן הרף עין זענען זײ שוין אָנגעלאָדען, די סאָלדאטען זענען גרײט...

דער אָפּיצער איז שוין דערווײל איגוועניג און פרעגט א דריטען מאָל מיט א גנבה'שען קול:

— ווער האט געשריען? איך הײס שיסען.

— ער — חאַפּט זיך פּלוצלונג ארויס אײנער פון די פּאָליטישע, און ווײזט אָן אויפ'ן שפּיאָן: — ער האט געשריען.

— אזוי — דו? קום אקאָרשט אהער, ברודערקע.

— נײן, ניט איך — פּערענטפּערט זיך דער פּערציטערט געוואָרענער שפּיאָן.

— קום נאָר, קום, וועסט נאָכדעם רעדען.

דער שפּיאָן געהט ארויס, דער אָפּיצער לאָזט איהם אראָב אין באַק אײנמאָל און נאָך אמאָל.

— דערלעגט איהם — זאָגט ער קאלטבלוטיג צו די סאָלדאטען: — ער זאָל געדענקען.

און עס האָבען זיך א לאָז געטהון צו איהם עטליכע סאָלדאַטען, שטופּענדיג אײנע די אנדערע, גראָבע, אומגעלומפּערטע, און האָבען איהם אָנגעהויבען צו דערלעגען, האָבען איהם אַני־דערגעוואָרפען אויף דער ערד און האָבען איהם געבלוטיגט, געמזיק'ט, לאַנגזאַם, פּאַמעליך, ניט געאײלט, ווי אמת'ע הענקער, חאָטש האָבען ליעב זײער זאַך, און אלע האָבען געזעהען און ניט געזעהען, וואָס דאָ קומט פאָר...

שפּעטער האט זיך צוטראָגען דער קלאַנג איבער אלע קאַזעמאַטען.

— אָבער ער לעבט נאָך — האט מען זיך געטײלט מיט

דער נײַעס: — אַ טרפה׳נער בײן דאָס איז, קײן שד נעהמט איהם גאָר ניט.

און דער שפּיאָן איז געלעגען אין זײַן ווינקעל און האָט זיך געטוליעט אין זײַנע שמאַטעס, געציטערט פאַר קעלט און געסקריהעט מיט די צעהנער פאַר װעהטאָג.

— איך בין אַ הונד... אַ מענשען-פרעסער... אָבער איהר — איהר זענט דאָך אָרענטליכע מענשען, אָ-רענט-ליכע מענשען...

און ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן האָט ער עפּעס גערעדט, עפּעס גע׳חזר׳ט, דאַכט זיך געבעטען וואַסער, אָבער קײנער האָט איהם ניט אויסגעהערט...

נְקָמָה.

פֿינסטערע כחות האָבען אמאָל אין וויסטען אָבגרונד אַ ליבּ־טיגען מלאך געפּייניגט. אַז ער האָט זיך פֿון זייערע שאַרפֿע נעגעל אַרויסגעריסען און איז אַ בלוטענדער, אַ פֿלאַטערענדער, צוריק צום הימעל געפֿלויגען, און האָט דאָס וואָרט פֿון זיינע ליפּען אַראָבגעהויבּט — האָט זיך אַ קנאַל פֿון אַ דונער צוקייקעלט איבּער די פֿערציטערטע קעפּ...

אַ נאַסער, אַ פֿינסטערער קעלער. אַנ'אייזערנע פֿערזשאַווערטע טיר מיט אַ דרייפּאַכיגען ריגעל פֿערריגעלט. אַ בלאַסער זונען־שטראַהל דרינגט אַריין דורך אַ שפּאַלט פֿון דער גראָבער שטיינערנער וואַנד און בעשאָטענט דעם קערפּער פֿון אַ שקלאַף, וואָס ליגט אויף אַ בינטעל צופּוילטען שטרוי... אָבגעשטאָרבען די גלידער, אָבגעשטאָרבען די האָפֿנונגען. דער שוואַרצער מלאך מיט דעם בלישטשענדיגען חלף אין דער האַנד שטעהט ביי זיין אויסגעשטרעקטער האַלז און די פֿער'סמ'טע ליפּען זיינע זענען שוין גרייט צו מאַכען די טויט=ברכה.

אָבער שאַ — עפּעס האָט אַ בליץ געטהון אין שקלאַפֿ'ס אויגען — און אַ פּאָר אויגען האָבען זיך בּרייט פֿאַנאַנדערגעעפֿענט, עפּעס האָט איהם אַ שטאָך געטהון אין דער טיפֿעניש פֿון זיין האַרצען, און אַ האַרץ האָט זיך ווידער צום לעבען אויפֿגעכאַפּט— דאָס איז די גרויזאַם־שענע גיפֿטיגע שלאַנג אַריינגעדרונגען צו איהם אין די אויגען, צו איהם אין האַרצען, און האָט אין זיי אַריינגעגאָסען אַ טראָפּען גיפֿט, אַ טראָפּען באַלזאַם, אַ טראָפּען הייסען. פֿער'שכור'ענדען וויין —

און עס חלומ׳ט זיך דעם שקלאַף אַ וואונדערשענער חלום. אַ ברײטעס, פֿרײעס פֿעלד, און אין פֿעלד גײט אַ קאַמף, און אַ פֿאָהנע פֿלאַטערט, און אָנגעשריבען אויף דער פֿאָהנע איז פֿײער-פֿלאַם — דאָס הארץ פֿערכאַפּענדע, שד׳יש שמײכלענדיגע, פֿון פֿיעלע-פֿיעלע שקלאַפֿען-דורות בעהײליגטע וואָרט:

— נקמה!

אַנ׳אַש-גראָער רויך פֿערציהט דעם הימעל מיט אַ טרויער-מאַנטעל. קוימענס ווי די טורעמס און עס פֿלאַקערען אויווענס, און מאַשינעס קלאַפּען טאַ-טאַ-טאַ! אַ טעות — דאָס האָט דער אָבגרונד אויפֿגעעפֿענט זײן ברײטען, פֿײערשפּײענדען מויל. און האָט אַרויסגעשיקט אויף דער וועלט אַ מחנה סקעלעטען, וואָס האָבען זיך צושטעלט אין רײהען, און האָבען גענומען קלאַפּען אַ בײן אָן אַ בײן, אַ צאָהן אָן אַ צאָהן, און שפּײען אויף דער וועלט מיט רויך און מיט פֿײער, מיט רויך און מיט פֿײער. און זײ כאַפּען מענשען אויף רעכטס און אויף לינקס און בײסען זיך אײן אין זײ מיט די צעהנער, רײסען זײ אויף שטיק-שטיקלעך, מאָהלען זײ אויף אַש, אַזוי ווי די מיהל-שטײנער, אַ גליד אויף אַ גליד, אַ קערפּער אויף אַ קערפּער, און עס קלאַפּט זיך אַ צאָהן אָן אַ צאָהן, אַ בײן אָן אַ בײן: טאַ-טאַ-טאַ! טאַ-טאַ-טאַ! און פֿון צווישען די צעהנער קאַפּעט מאַרך, קאַפּעט בלוט, און די מענשען ווערען שאָטענס, און זײ געווינען קינדער-שאָטענס, און די שאָטענס שווײגען, שווײגען, שווײגען...

און ווידער שאַ — אויף דער פֿערמאַזשעטער וואַנד בעווײזט זיך אַ פֿײערדיגער פֿינזעל אין אַ ווײסער האַנד און דער פֿינזעל הויבט אָן שרײבען פֿײער-אותיות אַ שטריך נאָך אַ שטריך, אַנ׳אות נאָך אַנ׳אות — מוראדיג לאַנגזאַם שרײבט די האַנד, און עס גײט די געשריפֿטס ווי אַ הײליגע תורה דורך יאָהרען און דורך דורות, ביז דער לאַנג-ערוואַרטעטער וואונדער געשיעט, און עס הויבט זיך אָן אַרויפֿצוציהען הויט און בײנער אויף די שאָטענס, אײזען-מוסקעלן אויף די בײנער, און עס פֿלאַקערען אויף אויגען, און עס פֿלאַקערען אויף הערצער, און עס ווערען ע ש ר ת ה ד ב ר ו ת געשאַפֿען, און עס הויבען זיך אויף איבער די קעפּ די לוחות הברית פֿון די פֿערשקלאַפּטע, פֿון די שאָטענס, און עס קומט דער נײער משה און מעכטיג און יונג קלינגט זײן שטימע:

— נקמה! נקמה!

עס ציהט זיך אַ שנעע-ווײַסע וויסטעניש, אַזוי ווי אַ מײַלען-ווײַטע שטײַג ציהט זי זיך, און אין איהר זענען אָהן ריגלען מענשען פֿערריגעלט. דער הימעל ציהט זיך פֿון אויבען אַנ'אײַז-קאַלטער. אַ פֿראָסטיגער, און ווילד זענען די וועלדער און אומגעלומפּערט, און אַ יאוש, אַ ווײַסער, טויט-בלײַבער יאוש ציהט זיך איבער דער ערד, און לעגט זיך דורך אַ וועג דורך די הערצער, און שפּאַלט זיי... בלוט-רויט געהט אויף די זון, בלוט-רויט פֿערגעהט זי... און די מענשען שיקען זייערע בענקענדיגע בליקען צום הימעל אַרויף, און שרײַבען מיט זייערע בליקען פֿון האָריזאָנט צו האָריזאָנט דאָס וואָרט, דאָס פֿלאַקערנדע זונען-וואָרט, און עס קלינגט פֿון איין עק הימעל ביז דעם אַנדערען, שטיל קלינגט עס, אַזוי ווי אַ זיסע ציטער-סטרונע, און גלעט איבער דער נשמה, אַזוי ווי מיט אַ מילדע פֿרויען-האַנד:

— נקמה, נקמה, נקמה...

אין די הויכע קאַווקאַזער בערג איז צו אַ מעכטיגען פֿעלזען צוגעשמידט אַ פֿײַער-גאָט און קאָרשונעס לעכערען זײַן שאַרבען, זײַן האַרצען, און עס רינען הייסע געטער-בלוטען, און די וועהטאָגען זענען מורא'דיג, און די קרעכצען דערגרייכען פֿון איין עק וועלט ביז'ן צווייטען, און פֿון יעדען קרעכץ ווערט בעשאַפֿען אַ העלד, און זיי דערפֿילען די וועלט מיט פֿרייהייטס-דורשטיגע און קאַמפֿפֿס-פֿעהיגע... און זיי פֿאַראויס דער גרויסער בלוטענדער גאָט, און וואו ער וואַרפֿט נאָר אַנ'אויג, ווערט אַ וועלט צושמעטערט — דאָס איז ער. דער אַלטער יודישער אל קנא ונוקם, דער גאָט פֿון די שוואַרצע געשטאַלטען — אויף אַ בלוט-רויטען וואָלקען-פֿאַס איז ער געקומען צורײַטען צו נעהמען חשבון פֿון דער וועלט —

נקמה — איז זײַן נאָמען!

רעגענס.

עס הודזעט דער ווינד אין די שפיצען פון די בוימער און ברענגט פון עק הימעל א כמארע נאך א כמארע, ווארפט זיי איינע אויף די אנדערע, רייסט זיי אויף שטיקער, פליקט זיי אויף פיצפיצלעך, גיט א ווילדען פייף איבער פעלדער און וועלדער און פערשווינדט הינטער בערג און הינטער טאלען. אבער נאר אויף איין רגע. באלד קומט ער ווידער צופליהען אויף זיינע קאלטע מעכטיגע פליגעל, גיט געשווינד א כאפ אראב מיט זיינע ריזיגע הענד א וואלקען וואסער פון הימעל, צוהוידעט איהם אין זיינע הויפענס און גיט איהם א שליידער אויפ'ן גאנצען שטח פון האריזאנט ביז האריזאנט, און עס צופליהען זיך קאלטע געדיכטע טראפענס אין אלע פיער זייטען און צופאלען אויף די ניט אבגעקאשעטע לאנקעס, אויף די ניט אבגעשניטענע פעלדער, און אזוי נאך אמאל און נאך אמאל, אהן א ציעל און אהן א חשבון, דורך טאג און דורך נאכט.

און עס הויבען אן שווארץ צו ווערען די תבואות אין די פעלדער און הויבען אן פוילען. די צייטיגע קערנער שיטען זיך אוים פון די קעפלעך און וואלגערען זיך נאסע פערבלאטיגטע אויפ'ן גאנצען פעלד, און עס הויבט אן פוילען אפילו דער זאנג, דער שטרוי...

ויאו נית וואו הינטער א פעלד, הינטער א וואלד האט זיך צוגעטוליעט א דארף, א דערפעל. אזוי ווי זיי וואלטען זיך וועלען בעהאלטען פון ווינד און רעגען, האבען זיך צוגעבויגען די שוואר-

צע קליינע הײזלעך מיט די צופֿוילטע שטרויענע דעכער נידעריגער צו דער ערד, און האלטען איין זיעם אטהעם... און אויף צעהנדליגער מיילען ארום און ציהען זיך וועלדער און פֿעלדער, פֿעלדער און וועלדער, און עס הוליעט דער ווינד און שפּיעלט זיין ווילדען שפּיעל מיט'ן רעגען, און לויפֿט אן אויף די דערפֿער און דערפֿלעך מיט זיין וואסערדיגען רײטוואגען און שמײסט אין די שײבלעך פֿון די פֿענסטער מיט דראבנע, געדיכטע־געדיכטע טראפּענס.

און די ערד איז שוין מיעד געווארען אריינצוזויגען אין זיך דעם מבול, און עס בלײבען די וואסערען שטעהן אויבען. אויף די פֿעלדער, אויף די לאנקעס, אויף די וועגען, און זיי מישען זיך צוזאמען מיט'ן זאמד, מיט דער שווארצער ערד, און עס ווערען לוזשעס, און עס ווערען בלאטעס. דער גאסענ'ץ ווערט פֿערוואנדעלט אין א לײהמיגען טײג, און די זײטיגע וועגלעך ווערען צוגאסען, די טײכלעך ווערען איבערפֿולט מיט וואסער און פֿערטרינקען די ברעגען, די בריקלעך, די קלאדקעס — אלץ ווערט אויסגעמישט אינאײנעם, און עס איז ניטא קײן אונטערשײד פֿון וואסער ביז טריקעניש, פֿון ערד ביז הימעל, אלץ איז אנגעטהון אין א גראען וואסערדיגען רעגען־מאנטעל.

און אין דער לופֿטען טראגט זיך א שרעקליכער שאטען פֿון דארף צו דארף, אינ'ם געשטאלט פֿון א שווארצען פֿויגעל מיט רויבערישע אויגען טראגט ער זיך און פֿאכט מיט זײנע פֿליגעל, אזוי ווי א נישט־גוטער, און פֿאכט אן אויפ'ן לאנד הונגער און יקרות, הונגער און יקרות...

צוויי מאל אין טאג, אין דער פֿריה און פֿארנאכט, קלינגען די גלאקען אין קלויסטער — זיי קלינגען אזוי לאנגזאם, אזוי ימים־נוראים'דיג, ווי ערגעץ רופֿענדיג, ווי עפּעס צוזאגענדיג. עס הערען די פּויערען די קלאנגען, קריכען זיי ארויס פֿון הינטער די קאלטע אויוועגס, ציהען אן אויף זיך די גראבע סערמעגעס און געהען זיך צונויף אין קלויסטער אריין, שטילע, שוויגזאמע, מיט ערענסטע געזיכטער; זיי צושטעלען זיך אויף די קניה און בוקען זיך נידעריג, און אלע האבען זיי איין געדאנקען אין מוח, איין געבעט:

„א, גאטעניו, לאז צונויפנעהמען די תבואות, לאז ראטעווען דאס לעצטע שטיקעל טרוקען ברויט"...

דערנאך קעהרען זיי זיך צוריק אום אין זייערע פינסטערע הייזלעך און שווייגען וויעדער, און ווארפען בליקען דורכ'ן פענסטער אויפ'ן בייזען, פערוואלקענטען הימעל.

אין עק דארף לאזט זיך הערען א בילען פון א הונד. עס ציהען זיך דורכ'ן דארף וואגענס, אנגעלאדענע מיט סחורה, ארומגעוויקעלטע מיט זעק. לאנגזאם שלעפען זיך די דורכגעווייקטע פערד, די רעדער מישען דעם קויט, און די פוהרמאנעס געהען דערביי, אריבערגעדעקטע מיט שווארצע גראבע ליילעכער; קיין פנים'ער זעהט מען ניט, מען זעהט נאר א אונפארמיגע בעוועגליכע מאסע, פון וועלכע עס רינט פון אלע זייטען, פון אלע פעדעס. עס פאהרען דורך די וואגענס און ווערען פערשוואונדען עט ווייט אינ'ם געדיכטען וואלד אריין.

און וויעדער שטיל.

ווייט-ווייט פון וועג, אויף די מעזשעס צווישען די פעלדער, ציהט זיך א פראצעסיע. אזוי ווי בעשעפענישען פון עפעס אנ'אנדער וועלט אראבגעקומענע, געהען זיי דורך דעם וואסערדיגען שלייער, לאנגזאם געהען זיי — פון פארענט דער גלח, טראגט דעם הייליגען בילד, און הינטער איהם די עלטסטע אנגעזעהענסטע פויערען פון די ארומיגע דערפער, אכציג-ניינציג-יאהריגע, פון דער ערד אויסגעוואקסענע, אויף דער ערד ערצויגענע. דאס האבען די יונגערע זיי ארויסגעשיקט אין ווינד און אין רעגען פועל'ן ביי גאט, ער זאל אראבנעהמען פון זיי זיין שטראף און זאל זיי פון הונגער אויסהיטען, זאל צוטרייבען די וואלקען, און זאל ארויסשיקען די זון אויפ'ן הימעל — די ליכטיגע זון. און די אלטע, ערפילטע מיט דער וויכטיגקייט פון זייער שליחות, געהען לאנגזאם, ערענסט, פון איין מעזשע צו דער צווייטער, און דער רעגען שמייסט זיי פון אלע זייטען, נעצט זיי דורך ביז'ן לעצטען פאדעם אויפ'ן לייב, און זיי געהען און זינגען א תפלה צו גאט, ער זאל זיך מרחם זיין איבער זיי און איבער זייערע קינדער און זאל אויסלייטערען דעם הימעל, זיי זאלען קענען צונויפנעהמען די הייען פון די לאנקעס, די תבואות פון די פעלדער. זייערע הערצער

זענען צובראָכן, און די שטימען צובראָכענע, און אַזוי פיעל גלויבען און ליעבע ליעגט אין זייערע שטימען, און זיי הויבען זייערע שוואַכע, כמעט אויסגעלאָשענע אויגען אַרויף צום הימעל, צו דערזעהן אַ שטראַהל ליכטיגקייט... און זיי געהען ווייטער צווישען די מעזשעס און ווערען אַלץ טיעפער און טיעפער פערזונקען צווישען די עלענדע פערשוואַרצטע תבואות.

און דער שוואַרצער פויגעל מיט די רויבערישע אויגען פליהט ווייטער זיין וועג און פאַכט איבער'ן לאַנד מיט הונגער און יקרות, מיט הונגער און יקרות...

עס דערגעהט די נאַכריכט אין די שטעדט, גיבען אַ ציטער די אָרימע, די הונגערענדע, די פנים'ער ווערען בלאַסער, די אויגען פינסטערער, און די אָרעמע מאַמעס שעפּטשען: „מיינע עופ'עלעך, מיינע עופ'עלעך!"...

עס הודזעט דער ווינד אין די שפּיצען פון די בוימער און ברענגט אַלץ נייע און נייע כמאַרעס, און וואַרפט זיי גאַנצע בערג אייגנע אויף די אַנדערע, און אַט גיט ער ווידער אַ כאַפּ אַ גאַנצען וואָלקען אין זיינע ריזיגע הויפענס און גיט איהם אַ שליידער פון האָריזאָנט ביז האָריזאָנט און עס צופליהט זיך אַ מבול פון קאַלטע טראָפּענס, און ניט אַ לעג די תבואות מיט די גראָזען, און זיי בויגען זיך אַלץ נידעריגער, נידעריגער, און די קעפּלעך פון די זאַנגען ווערען אַלץ לעדיגער און שוואַרצער — עס נעצט און עס פוילט, עס נעצט און עס פוילט...

אָט איז אַ מאָהילניק. עס פאָהרט צו אַ פוהרל מיט אַנ'איינגעהויקערטען דורכגעווייקטען פערדעל. פון פאָרענט שטעלט זיך אָב דער דיאַק אין אַ ווייסען קיטעל אָנגעטהון, מיט אַ צלם אין דער האַנד, פון הינטען געהען צו עטליכע מענשען מיט פינסטערע בליקען, נעהמען אַרויס אַ טרומנע פון וואָגען און טראָגען זי דורכ'ן טויער צו דער פרישׂ אויסגעגראָבענער גרוב, און מען לאָזט אַראָב די טרומנע אין דער ווייכער בלאָטע, און באַלד הערט זיך, ווי עס קלאַפּען זיך קלעפּיגע שווערע הויפענס ערד אויף דער נאַסער טרומנע אין דער טיפעניש פון גרוב — — אַנ'אָרימער ערד־אַרבייטער איז צו קבורה געקומען.

צווישען די פעלזען.

(לעגענדע).

... און עס איז אנגעשטאנען א טרויעריגע צייט פאר יהודה. איין שלעכטער קיסר האט איבערגעביטען דעם צווייטען, און עס האט זיך פערמעהרט די צאהל פון די פאלשע נביאים, און וואו עס איז נאר געווען א פונק אמת, א פונק גערעכטיגקייט, פלעגט עס גלייך ווערען אויסגעלאשען, און דאס לאנד יהודה איז פול געווארען מיט שלעכטעס און מיט רויב. און אלע גרויסע גאט'ס שלוחים, די אמת'ע נביאים, האבען געהאט אויסצושטעהן די גרעס־טע רדיפות. א סך פון זיי זענען אומגעקומען על קדוש השם, און א סך האבען זיך אין גריבער און אין פינסטערע היילען פערבאר־גען ... און פלעגט איינער אפען מיט גאט'ס ווארט ארויסטרעטען, פלעגט מען איהם גלייך מיט אכזרויות בעפאלען, זיין פלייש פלעגט מען שטיקערווייז מיט אייזערנע קאמען רייסען, מ'פלעגט אויסשניידען זיין צונג, און דערנאך פלעגט מען איהם מיט א שטיי־נערנעם האגעל פערווארפען... און שטום איז געווארען גאט'ס ווארט אין יהודה, און יהודה איז געגליכען געווארען אהן גאט'ס הייליג ווארט — צו א מדבר אהן וואסער.

נאר אויף איינעם פון די נביאים האבען די רשעים נאך אלץ קיין שליטה נישט געקענט בעקומען: דאס איז געווען א גרייז־גראהער מאן מיט א לאנגע ווייסע בארד, מיט א פאר פייערדיגע אויגען, דער עלטסטער פון אלע נביאים. א בארוויסער, אין א לאנגען שווארצען אויבער־קלייד, ארומגעגארטעלט מיט א ברײ־

טען פעלענעם נארטעל, איז ער מיט זײן שטעקען אין האנד אומגעגאנגען, װי א שאטען פון שטאדט צו שטאדט, און אומעטום האט ער מיט זײנע װערטער די הערצער געװעקט...

נישט אײנמאל האבען זיך די פאלשע נביאים שוין געקליגט צו מאכען א סוף פון זײער שונא, אבער דער בליק פון זײנע ליכ־טיגע הימעל־אויגען פלעגט װארפען אנ׳אימה אויף זײערע זינדיגע נשמות; און זײ פלעגען זיך מוזען באלד אהינטער אװעקרוקען; און אין אלע טויערען, אויף אלע מערק און ראגען־גאסען האט ער אומעטום זײנע שטראף־רײד צװישען די מענשען פאנאנדער געטראגען, און אין אלע װינקעלעך, װאוהין ער פלעגט זיך נאר קעהרען, האט ער שטענדיג גאט׳ס פלאם־פײערדיגען װארט אין הארצען געטראגען. און ארום איהם זענען רײנע גליהענדע פונקען געפלויגען, און האבען געלויכטען מיט א הימעל־שײן אין אלע װינקעלעך...

האבען זיך אײנמאל די פאלשע נביאים צונויפגעקליבען אין א פערבארגענעם ארט און האבען זיך עצות געהאלטען, װי אזוי פטור צו װערען פון דעם אלטען, װאס שטערט זײ אין זײערע שענדליכע מעשים, און האבען בעשלאסען אװעקצורויבען בײ איהם זײנע געטליכע אויגען. אין װעלכע עס איז געװען זײן כח פער־בארגען—אפשר װעלען זײ דאמאלס א שליטה בעקומען אויף איהם.

און זײ האבען געדונגען אײנעם א רשע, און זײ האבען איהם בעצאהלט דרײסיג־זילבערשטיק, דעם פרײז פאר א מארד אין יענער צײט, און אין אײנע א פינסטערע נאכט איז ער פון הינטער א װינקעל אנגעפאלען אויפ׳ן אלטען, און האט איהם אויסגעשטאכען זײנע ליכטיגע אויגען.

איז בלינד געװארען דער נביא, און האט שוין מעהר די שײן נישט געקענט זעהען, האט ער דאמאלס גענומען בעטען בײ גאט, ער זאל איהם פון די מענשען צונעמען, װײל זײנע לײדען זענען גרויס. אבער גאט האט נישט צוגעהערט זײן געבעט, און האט איהם אזוי געזאגט:

— איך האב געגעבען מײן װארט אין דײן מויל, געה און זאג נביאות, װארום אזוי איז צו דיר מײן בעפעהל...

האט דער אלטער א װעגפיהרער געדונגען, און יענער האט איהם געפיהרט איבער שטעדט און איבער דערפער, און גאט׳ס געהײמע קראפט האט נאך שטארקער געקװעלט אין זײן ברוסט,

און זיין חאָרט איז געוואָרען נאָך שאַרפער, נאָך גליהענדער.

זענען זיך ווייטער צונויפגעקומען די פאַלשע נביאים און האָבען אַרומגערינגעלט דעם אַלטען און זענען שוין גרייט געווען אַרויף צו וואַרפען זיך אויף איהם, אָבער ווי זיי האָבען זיך נאָר צו דעם נביא צוגעריהרט, האָט ער באַלד אויפגעהויבען זיין שטימע, אַזוי ווי אַ לייב, און עס האָט זיך אַזוי ווי אַ מעכטיגער פריהלינגס-דונער צוקייקעלט איבער די קעפּ, און פערטויבט זענען געוואָרען די פאַלשע נביאים און זיי זענען אָבגעטראָטען מיט שאַנדע.

און דער אַלטער האָט זיך אָבגערופען צו זיין וועגפיהרער:

— פיהר מיך אין די רוישענדיגע שטאָדט-גאַסען...

און עס האָבען געזעהען די פאַלשע נביאים, אַז זיין קראַפט איז זעהר גרויס, האָבען זיי בעשלאָסען אַרויס צו שטעלען איהם צו שאַנד און צו שפּאָט אין די אויגען פון דעם פאָלק-ישראל. און זיי פלעגען לאַכען פון זיינע אויסגעשטאָבענע אויגען, און פון זיינע באָרוויסע מאָגערע פיס פלעגען זיי לאַכען, און איינמאָל האָבען זיי אונטערגעקויפט זיין וועגפיהרער, כדי ער זאָל אָבנאַרען דעם אַלטען נביא, און זאָל גרינג מאַכען אין די אויגען פון פאָלק דעם בלינדען גרייז-גראָהען מאַן — — —

— קום, אַלטער — האָט זיך צו איהם אָבגערופען איינמאָל זיין וועגפיהרער:

— איך וויים אַן אָרט, וואו עס האָבען זיך איצט פערזאַמעלט די פאַלשע נביאים, און אַרום זיי אַנ'עם רב, אַנ'עם כבד; איך וועל דיך פיהרען, וועסטו אויפהויבען מיט שטראָף-רייד דיין שטימע, און וועסט די פערפיהרטע צום אמת'ן גאָט אומקעהרען...

האָט דער אַלטער גענומען זיין שטעקען אין האַנד, און ער איז אַוועק מיט'ן וועגפיהרער הינטער'ן שטאָדט. און ער האָט באַלד דערפיהלט, ווי עס קוועלען שוין אין זיין ברוסט נייע ווערטער, גוטע, שטאַרקע, ברענענדע, וועלכע לעבערען פערשטאָפּטע אויערען און שפּאַלטען פערשטיינטע הערצער... און זיי זענען געגאַנגען איבער בערג און איבער טאָלען, און דער אַלטער האָט זיינע באָרוויסע פיס אויף די האַרטע שאַרפע שטיינער געוואונדעט, און זיי זענען געגאַנגען שעה'ן לאַנג, ביז זיי זענען געקומען אויף אַ זאַמדיגען פעלד, און אַרום זענען געלעגען נאָר שטיי-

נער, גרויסע פעלזען, און בערג האבען זיך געזעהען פון דערווייטען, שטיינערנע בערג, וועלכע זענען שטום געשטאנען מששת ימי בראשית, און ערגעץ האט זיך קיין ברעקעל גרינס נישט געזעהען, — און דא האט זיך אבגעשטעלט דער וועגפיהרער און האט זיך אבגערופען צום אלטען:

— אלטער, דא זענען זיי, די צוהערער... פון ווייטען האבען זיי דיך דערזעהען, זענען זיי אנטשוויגען געווארען, און גארען צו הערען דיין ווארט; אט שטעהען זיי אלע אויף די שפיצען פון די פעלזען, און דאס גאנצע פעלד איז מיט זיי פול.

און דער אלטער האט פלוצלונג אזוי ווי צוריק זיינע אויגען בעקומען און עס האט זיך געדאכט, אז אט־אט זעהט ער א פערזאמלונג פון טויזענדער מענשען, און אלע שטעהען זיי, מיט איינגעהאלטענע אטהעמס און מיט אנגעצונדענע אויגען, און אלע דארשטען זיי נאך גאט׳ס ווארט, און דער אלטער האט אויפגעעפענט מיט כח זיינע ליפען... דא האט ער צוגעצויגען און האט אזוי ווי געגלעט מיט די ליעבליכע קלאנגען, און דא האט ער אבגעשטויסען... אמאל געבענשט, אמאל געשאלטען, אמאל געמורמעלט, אזוי ווי א שטיל ווינטעל צווישען די גראזען אויפ׳ן בערג פונ׳ם דרעמלענדיגען טייכעל, אמאל געשטורמט, אזוי ווי א שלעכטער מלאך, וואס איז פון די ווייטע הימלען מיט א שלעכטע בשורה געקומען צו פליהען... און פון די פאלשע נביאים האט ער גערעדט, און פון זיינע אומגעבראכטע ברידער, גאט׳ס שלוחים האט ער גערעדט, און עס איז געווארען אוועגד און עס איז געווארען נאכט, און ער איז אלץ געשטאנען, און ער האט אלץ גערעדט...

— גענוג, אלטער — האט איהם פלוצלונג איבערגעריסען דער וועגפיהרער: שווייג שוין, דו אלטער: אלע זענען זיך שוין צוגאנגען, און קיינער הערט דיך נישט מעהר...

און א שפאטישער געלעכטער איז שוין גרייט געווען ארויס צו רייסען זיך פון דעם וועגפיהרער׳ס מויל. אבער ער האט נאך קיין צייט נישט געהאט דעם מויל אויפצועפענען, די ליפען אין א שמייכעל צו פערקרימען, ווי עס האט זיך פלוצלונג מיט אמאל דורכגעטראגען א געמורמעל צווישען די פעלזען, און א ציטער האבען אלע פעלזען געגעבען פון זייערע ערטער, און גלייך נאכדעם האט זיך דערהערט א דונערענדער קול פון אלע שטיינער און פעל־

זען, וועלכע האָבען זיך איינאינעם צונויפגעגאָסען אין איין שטיינער-כאָר, און האָבען געענטפערט: „אָמן, אָמן, אָמן!“ און וואָס ווייטער אַלץ העכער און העכער... און דער ערשטער „אָמן“ האָט זיך איבערן גרויסען טאָל אָבגערופען, און דער צווייטער האָט די גאַנצע אַרומיגע געגענד פערקלונגען, און דער דריטער האָט זיך ביז דער ווייטער שטאָדט דערטראָגען, און האָט זיך אָנגעקלאַפּט אָן די ווענד פון די הויכע טעמפּלען און רייכע פּאַלאַצען, און האָט זיך אין די גאַסען מיט אַ שטורם צוקייקעלט, און די מענשען האָבען זיך מיט פערוואונדערונג און שרעק איינע מיט די אַנדערע איבערגעקוקט, צו איז דאָס נישט אַ דונער פון הימעל אויף זייערע קעפּ אַראָבגעפאַלען...

און דער וועגפיהרער, וואָס האָט נאָך זיינע ליפּען קיין צייט נישט געהאַט אויסצוגלייכען און האָט נאָך פון איבעראַשונג קיין צייט נישט געהאַט צו זיך צו קומען, איז אַ צושראָקענער צו די פיס פונ'ם אַלטען געפאַלען, און האָט זיך מיט די ליפּען צום זוים פון זיין קלייד צוגעריהרט, און דאַמאָלס האָט ער דערפיהלט, ווי עפּעס אַ האַרטס און אַ שווערס, אַזוי ווי אַ שטיין, איז אין די טיפעניש פון זיין האַרצען צוגאַנגען און האָט זיך ווי אַ הייסער, אַ זודיגער שטראָם פון זיינע אויגען גענומען גיסען, און דערשפּירט האָט ער, ווי עמיץ האָט איהם אויפ'ן קאָפּ אַ האַנד אַרויפגעלעגט, און גלייך נאָכדעם האָט איהם עפּעס פאַר די אויגען דורכגעבליצט, און די גאַנצע וועלט האָט אין זיינע אויגען אַנ'אַנדער אויסזעהען בעקומען...

און אַז ער האָט די אויגען פון דער ערד צום אַלטען אויפגעהויבען, האָט ער געזעהען, ווי דער אַלטער האָט אויף איהם מיט אָפענע, ליכטיגע אויגען געקוקט, האָט די האַנד אויף זיין קאָפּ געהאַלטען און האָט צו איהם אַזוי גערעדט:

— איך בין דיר מוחל, מיין זוהן, ווייל איך זעה, וואָס אין דיין האַרצען טהוט זיך... זיי וויסען — מיין צייט איז געקומען... מען רופט מיך אַרויף... איך בענש דיך אויף דעם שווערען וועג, מיין חבר... גאָט'ס ליכט זאָלסטו טראָגען אין דיין האַנד און זאָלסט איהם פון אויסלעשען זיך אָבהיטען... די שטיינער זענען עדות!

און אַז דער וועגפיהרער האָט אַ צווייטען מאָל זיינע אויגען צום אַלטען אויפגעהויבען, האָט ער שוין מעהר קיינעם נעבען זיך

נישט געפֿונען, אויסער פֿון ווײַטען איז דעם אלטענס לאַנגער שטעקען געלעגען אויף דער ערד, און ער איז אײנער אַלײן צווי־שען די ווײַסטע פֿעלדער געווען, ער אײנער מיט גאָט'ס שטאַר־קער האנד, וואָס האָט אויף איהם פֿון די ווײַטע הימלען גע־נידערט ...

דער וועגפֿיהרער האָט דעם אַלטענס שטעקען אין זײַן האנד גענומען, און האָט זיך אין שווערען וועג אַרײַן געלאָזט געהן ...

עס געהען אַריבער טעג און וואָכען. איבער די שטעדט און דערפֿער פֿון יהודה געהט אַרום אַ נײַער נביא, אַ באָרוויסער, אין אַ לאַנגער שוואַרצער קלײד מיט אַ לעדערנעם גאַרטעל אַרומגע־גאַרטעלט. אָנגעשפּאַרט אָן שטעקען געהט ער אום, אַזוי ווי אַ שאָטען, און זײַנע ווערטער וועקען הערצער און זײַהען אומעטום די קערנער פֿון אמת און גערעכטיגקײַט. און ווינטער אין די קעל־טען, און זומער אין די היצען — , זעהט מען איהם אויף אַלע ראָגען־גאַסען, אין אַלע טויערען און אויף אַלע פּלעצער, און אומעטום דונערט זײַן שטימע און עס בליצען זײַנע אויגען, און די צאָהל פֿון זײַנע תלמידים ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער ...

די שטורמטאכטער.

וואס רוהיגער און פוילער די טעג האבען זיך געצויגען, דאס שטארקער איז איז'ם קינסטלער דאס בענקעניש נאכ'ן שטורעם געוואקסען, — ביז זיין האנד האט זיך א ציה געטהון צו דער פידעל, וואס איז א פערשטויבטע און א שטומע אויף דער וואנד געהאנגען, און ער האט זיך אוועקגעלאזט מיט איהר אין וואלד. די וואסערלעך פון וואלד-שטראם, וואו דער קינסטלער פלעגט אלע מאל זיין דורשט שטילען, וואס פלעגען דערצעהלען פאר די גרינענדע בוימער, איינע די אנדערע איבערהאקענדיג, איינע די אנדערע איבערשרייענדיג, א לאנגע, צויבערליכע וואלד-מעשה'לע, פון די ווייטע הויכע בערג א געבראכטע, האבען אויף דעם מאל כמעט אין גאנצען זייער קול'כעל פערלארען: דאס טייכעלע איז א האלבע געווארען פון היץ.

האט זיך דער קינסטלער אויף א פער'שרפ'עט בערגעל ביים ברעג פון וואלד-שטראם געזעצט, און זיין פידעל אין דער האנד. און אז די פינגער האבען זיך צום ערשטען מאל א לאז געטהון איבער די סטרונעס, האט זיך אוועקגעטראגען אזוי ווי א ווינד איבער די שפיצען פון די בוימער, און עס איז געווארען פינסטער, אזוי ווי א וואלקען וואלט גענומען דעם הימעל מיט זיינע נעצען פערציהען... און אז ער האט נאך א מאל די סטרונעס מיט די פינגער זיינע דורכגענומען, האט זיך דורכגעטראגען אנ'אפקלאנג פון א ווייטען דונער אין דער לופט. און באלד האבען אזוי

ווי טראָפּענס רעגען גענומען פאַלען אויף דער ערד. אַזעלכע זאַפטיגע, אַזעלכע שווערע טראָפּענס, און עס האָט זיך געהערט אין די טענער, מיט וואָס פאַר אַ לעבענס־חשק די ערד זויגט־אַריין די זיסע טראָפּענס אין איהר פערטריקענטע ברוסט; און דאָס טייבעלע, האָט זיך גערעכט, איז פּלוצלונג געוואָרען פולער, און די וואַסערלעך זיינע האָבען זיך אַזוי פרעהליך, אַזוי הילכיג צוזונגען, און וואָס ווייטער האָט זיך דער שטורם אַלץ עכטער, אַלץ נאַטירליכער צושפּיעלט, דאָס די חיה'לעך, וועלכע זענען איבער'ן וואַלד אומגעלאָפען און האָבען זיך אויף דער זון געוואַרעמט, זענען באַלד פון שרעק צולאָפען געוואָרען און האָבען זיך טיעף אין זייערע ערדענע הייזלעך פערבאָרגען, און די רייזענדער, וואָס האָבען זיך איבער'ן גאַסצינעץ געצויגען, האָבען זייערע פערמאַטערטע פערד שנעלער גענומען טרייבען, כדי גיכער פון שטורם צו אַנטלויפען, אַנצוציהען אין אַ קרעטשמע צו דער צייט. און דעמאָלט איז דער קינסטלער פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ בעשעפער, וואָס האָט דעם לעבען מיט'ן טויט, צונויפגעפלאָכטענע אין איין קנויל, אונטער זיינע פינגער געהאַלטען, און ער האָט איבערגע'חזר'ט אויפ'ן פידעל די מעשים פון דעם אַלטען גרויסען גאָט, און עס האָבען די שטורם־טענער, אַזוי ווי אַ לאַווא־שטראָם אין זיין האַרצען געקוועלט און האָבען זיך זודיגע פון האַרצען אין די פינגער געגאָסען, און פון פידעל זענען זיי זיך אַזעלכע שענע אויסגעלייטערטע איבער'ן וואַלד צושוואומען, און זענען אויסגעהאַנגען געוואָרען אויף די צווייגען און די בלעטער, ווי סאַמעטענע סטענגעס: בלויע, ראָזע, גרינע... און האָבען אויסגעפוצט דעם וואַלד מיט די פערשידענסטע צויבער־קאָלירען.

און ווי דער קינסטלער שפּיעלט אַזוי, האָט ער פּלוצלונג דערפּיהלט עפּעס אַ וואַרימען הויך אויף זיין געזיכט, און אַ ריהר פון אַ האַנד אויף זיין קאָפּ. אַ פערוואונדערטער האָט ער גלייך אַ הויב געטהון דאָס פּנים אַרויף, און זיינע אויגען האָבען אַ וואונדער דערזעהן: אַ געטליך־שענע געשטאַלט מיט אַ שלייער פון טוי־טראָפּענס אויפ'ן געזיכט איז געשטאַנען פאַר איהם מיט אַ שמייכעל אויף די עדעל־ווייסע ליפּען, און איהרע דורכזיכטיגע לופטיגע הענד האָט זי געהאַלטען אויף זיין קאָפּ.

אַ הייסער שטראָם בלוט איז דעם קינסטלער דורך די אָדערן

דורכגעלאָפען, און ער האָט מיט ציטערענדע ליפּען קוים הערבאר געפרעגט:

— ווער ביסטו אזוינס, דו געטליך בילד, וואָס דו בעהויבסט מיך מיט דיין אָטהעם?

— איך בין די שטורם-טאָכטער, — האָט זי געענטפערט מיט א זיסע מעלאָדישע שטימע און האָט איהם אריינגעקוקט אין די אויגען מיט א בליק, אין וועלכען עס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט די אונרוהיגקייט פון דונער, די העלקייט פון בליץ און די קלאָרקייט פון א טוי-טראָפּען, און זי האָט געזאָגט:

— דו האָסט מיך פון דער טיפעניש פון דיין פידעל צום לעבען גערופען... פון דיינע שטורם-קלאַנגען האָסטו מיך אויסגעוועבט, און די סטרונעס פון דיין הארצען האָבען מיר א נשמה אריינגעבלאָזען. דו ביזט מיין בעשעפער... איך וועל דיך בעגלייטען אין אלע דיינע וועגען, און אלע וואלד-סודות וועל איך דיר אויפדעקען... און דיין פידעל וועט אריינזויגען אין זיך אלע וואלד-טענער, אזוי ווי א שוואם...

זי האָט איהם געפיהרט איבער'ן וואלד, און האָט איהם געבראכט צו די נעסטער, וואו עס הויזען די פערשידענסטע פויגעל, און ער האָט פערנומען, ווי עס צוויטשערען די קליינע פויגעלעך-קינדער, און די חיות, ווי זיי ברילען, און אלץ האָט ער אריינגעזאפּט אין זיין פידעל און אלץ האָט ער געהאלטען פערבאָרגען אין איהר... און די וואסער'ן, ווי זיי מורמלען, און די פעלזען, ווי זיי רעדען...

האָט ער זיך איינמאל אָבגערופען צו דער שטורם-טאָכטער:

— אלע קלאַנגען האָסטו מיר אין מיין פידעל געזאמעלט; אָבער איין זאך וויל איך דיך בעטען: איין זאך רויבט מיין רוהע אוועק...

— בעפעהל, מיין הערשער, איך בין דיין דיענסט צו ערפילען דיין פערלאַנג.

און ער האָט איהר געענטפערט:

— איך וויל דעם שטורם אין די אויגען אריינקוקען... אין

דעם אָבגרונד פֿון זײַנע אויגען וויל איך אַרײַנקוקען, און אין מײַן פֿידעל דעם אָבגרונד פֿערשליסען.

— אָבער, מײַן הערשער! -- האָט זי איהם מיט שרעק גע־ענטפֿערט: — דו קאָנסט קוים דעם בליק פֿון מײַנע אויגען פֿער־טראָגען, און מײַנע אויגען זענען נאָר אַן אָבשפּיגלונג פֿון דעם שטורם.

— וויל איך מײַנע כּוחות פּרובען.., איך מוז פּרובען מײַנע כּוחות...

אָבער זי האָט ווײַטער געפֿרעגט:

— האָסטו ווען געקוקט דער זון אין די אויגען אַרײַן?

און ער האָט געענטפֿערט:

— זי האָט מיך געבלענדעט, און איך האָב מײַנע אויגען צוריק געמוזט פֿערשליסען.

— פֿערבלענדעט דער שטורם אין צווייען: עס זענען צו־נויפֿגעשפּונען אין איהם די העלקײַט פֿון דער זון אינאײַנעם מיט דער פֿינסטערקײַט פֿון דער נאַכט... דאָס איז אַן אָבגרונד, וואָס אַז מען גיט אין איהם אַ קוק אַרײַן, גיט זיך דאָס האַרץ פֿון ברוסט־קאַסטען אַ ריס...

— און דאָך וויל איך דעם שטורם אין די אויגען אַרײַנ־קוקען!

— ווען עס פֿאַלט זײַן בליק אויף אַ בוים אין וואַלד, ווערט ער צערשמעטערט!...

— איך בין מקנא די אין שטורם צובראָכענע בוימער, — האָט דער קינסטלער געענטפֿערט מיט אַ זיפֿץ.

שטאַרק פֿערקלערט האָט זיך דער קינסטלער, און ער האָט אין זײַן האַנד די פֿידעל גענומען, און די פֿינגער זענען זיך דורכ־געגאַנגען איבער די סטרונעס, האָט זיך אַ גאָס געטהון אַ שטראָם בענקעניש איבער'ן וואַלד, און עס האָט זיך געהערט אין די טע־נער, ווי עמיץ האָט זיך געבעטען, געבעטען, און שוואַכער זענען געוואָרען די טענער, און אָהנמעכטיגער, אַזוי ווי אַ קלײַן אונשול־דיג יתומ'ל וואָלט זײַן נשמה פֿאַר גאָט אין אַ תּפילה אויסגעגאָסען.

די שטורם־טאָכטער, וואָס איז בײַ זײַן רעכטער האַנד געשטאַ־נען, האָט איהם אָנגערירט פֿאַר'ן אַקסעל און געזאָגט:

— אָבער דײַן פֿידעל וועט די טענער ניט דערטראָגען...

און די סטרונעס וועלען אונטער דער משא זייערער פלאצען...

— וועל איך די סטרונעס פון מיין איינענעם הארצען אויף דער פידעל אנציהען...

דעמאלט האט זיך די שטורם-טאכטער צוגאסען אין א יאמערליכען געוויין.

— עס בעפאלט מיך אנ'אימה, מיין בעשעפער... צו שטארק איז דיין שטרעבען... צו מעכטיג דיין פערלאנג... אזוי גרינג ווי איך קאן דיך פערליערען!

— ווען ניט, וועל איך אבער פון בענקעניש אויסגעהן; א טראפען נאך א טראפען וועט זיך אויסשעפען מיין הארץ, און דאן וועסטו מיך זיכער פערליערען...

א ציטער האט געגעבען די שטורם-טאכטער מיט איהר גאנצען דורכזיכטיגען קערפער, אזוי ווי אין פעלד א זאנג, ווען דער שטורם גיט איהר א חאפ אריין אין זיינע ארעמס, און זי האט ענטשלאסען געענטפערט:

— מיין בעשעפער, איך ערפיל דיין פערלאנג.

און עס איז געווען א הייסער, מיט סאסנע-דופט אנ'אנגעשכור'טער אווענד. דער אומרוה, דער ווינד האט געזונגען זיינע ליעדער אין די שפיצען פון די בוימער, די זון האט זיך אהיים געאיילט אויף נאכט-רוה אין מערב-זייט, דער מזרח איז געווארען פערצויגען מיט א בלוי-שווארצען וואלקען-פאס. די שטורם-טאכטער האט דעם קינסטלער פאר'ן האנד געהאלטען, און האט איהם געפיהרט צום הויכען פעלזען, צו די חורבות פון א פארצייטיגען פאלאץ, וואס זענען פערוואקסען געוועזען מיט מאך און ווילדע גראזען, און מיט'ן פינגער האט זי איהם אויפ'ן שפיץ אנגעוויזען, און אז זיי זענען צום פעלזען געקומען, איז זי אליין אפריהער אוועק, שוועבענדיג אין דער לופטען, און דער שטורם-זוכער איז איהר נאכגעגאנגען אויף די הענד; און אז די שטורם-טאכטער האט געזעהן, ער שטעהט פון איהר אב, האט זי איהם פאר'ן ארעם גענומען, און געהענדיג האט זי איהם אזוי געשעפטשעט:

— איך האב דיר א סוד צו פערטרויען... א סוד פון אלע מענשען א פערבארגענעם... זיי ווייסען, אז אלע אחענד, ווען די

זון פֿערגעהט אין מערב־זײַט, בעװײַזט זיך אין מזרח, אין בלױ־שװאַרצען װאָלקען־פּאַס, דער האָר פֿון שטורם אױפֿ'ן הימעל, און װאַרפֿט אײַן אײַנציגען בליק אין דעם פּונקט, װאו די זון איז פֿערשװאונדען... אַנ'אימה'דיגען, אַ פֿערצװײַפֿלונגס־פֿולען בליק... דו האָסט אַ ציטער געטהון?... װאַרט נאָר... און קוק זיך ניט אום פֿאַר דער צײַט... זעהסט, װי די זון טרינקט זיך אין דעם ים פֿון איהרע אײגענע שטראַהלען... ניט לאָז דורך דעם מאָמענט... איך ציטער, אַזױ װי אַ בלעטעל, דו זאָלסט דײַן בליק אין טיפֿען אָבגרונד ניט פֿערליערען.

— זײַ מוטיג, זײַ מוטיג, — האָט ער איהר געשעפּטשעט מיט פֿרײד, און זײַנע אױגען האָבען געבלישטשעט, און ער איז געגאַנגען אַלץ העכער אױפֿ'ן פֿעלזען... און איהרע ציטערענדע ליפּען האָבען גע'חזר'ט: „איך פֿערליער דיך, איך פֿערליער דיך"...

דער קינסטלער איז געשטאַנען אױפֿ'ן סאַמע שפּיץ פֿעלזען. די זון האָט זיך געקײַקעלט אַראָב־אַראָב, און איהר אַנטקעגען, אין צװײטען עק־הימעל, איז געשטאַנען דער האָר פֿון שטורם, האָט געהאַלטען אַ רעגענבױגען אין דער האַנד. דער קינסטלער האָט געקוקט אױף די פֿערגעהענדע זון, און די פֿידעל האָט ער אין דער האַנד געהאַלטען, און דער װינד פֿון די פֿעלזען־שפּיצען האָט אױף זײַ אַ מעלאָדיע געשפּילט. נאָך אַ רגע, און די זון װערט פֿערקײַקעלט: בליץ־שנעל קעהרט ער דעם קאָפּ פֿון מערב קײן מזרח, און... באַלד האָבען זיך צװײ בליקען בעגעגענט... „אַך"! האָט דער קינסטלער דעם בליק ניט אױסגעהאַלטען און גלײַך זײַנע אױגען פֿערמאַכט, און די פֿיס זײַנע האָבען זיך אַ גליטש געטהון אױפֿ'ן פֿעלזען. אָבער ער האָט זיך געשטאַרקט, און איז אױף אַנ'אָרט געבליבען שטעהן, און גלײַך האָט ער די פֿידעל צום האַלז זײַנעם אױפֿגעהױבען, האָט זיך אין די סטרונעס מיט די פֿינגער אײַנגעגעסען. ער האָט דער אימה אין דער טיפֿעניש פֿון איהרע אױגען אַרײַנגעקוקט, האָט ער די אימה אין אַנ'אָבגרונדס־מעלאָדיע געװאָלט אױסדריקען... און עס האָט זיך מיט אַ קאָפּדרעהענדער געשװינדקײַט אַ גאָס געטהון די אָבגרונדס־מעלאָדיע אין דער טיעף... אין דער טיעף... און די מעלאָדיע האָט זיך געקײַ־

קעלט אראָב-אראָב, אזוי װי א װילדע ציג װאָלט זיך פלוצלונג פון א הויכען פעלזען אראָבגעריסען, און װאָלט זיך אראָב, אין דער נידער, געטראָגען, און פלוצלונג... דזין... אויפ'ן פידעל האָט א סטרונע געפלאַצט. אָבער די פינגער בעװעגען זיך נאָך שנעלער, נאָך טיעפער לאָזט זיך די מעלאָדיע אראָב, נאָך קאָפּדרע־הענדיגער װערט זי, און עס װערט פינסטערער, פינסטערער, אָבער דער אָבגרונד איז נאָך טיעף-טיעף, און די מעלאָדיע קײַקעלט זיך, קײַקעלט זיך.. דזין, דזין... גיט פלוצלונג װידער א קלונג... און עס פלאַצט נאָך א סטרונע און נאָך אײַנע, און עס בלײַבט נאָר די לעצטע. און דער שטורם-זוכער װיל אויף דער אײַנציגער סטרונע דעם אָבגרונד אויסמעסטען, דעם דעק פון אָב־גרונד דערגרײַכען, אָבער באַלד האַלט אויך די לעצטע סטרונע די פלינקהײַט ניט אויס און... דזין-ן-ן... צוגיסט זיך א יאָמערליכער קלאַנג אין דער לופטען... און א קלאַנג ניט קײַן דערשפּילטער א קלאַנג ניט קײַן דערכאַפּטער בלײַבט אזוי עלענד הענגען אין מיט'ן אָבגרונד. און ער גוססט, ער גוסס'ט... פערצװײַפלונג דרי־קען אוים די אויגען פון קינסטלער, די הענד זײַנע בלײַבען אָהנ־מעכטיג הענגען, און די פידעל פאַלט פון זײַ אַרוים, און לויפט גלײַך אין אָבגרונד, און קלאַפּט זיך מיט א הילצערנעם קלאַפּען אָן די זײַטען פון פעלזען-באַרג. די פידעל האָט איהרע סטרונעס פערלאָרען, איז זי א שטיק האָלץ געבליבען, האָט זי אין די זײַ־טען פון פעלזען מיט א הילצערנעם קלאַפּען געקלאַפּט.

זי, די שטורם-טאָכטער, גיט זיך א װאָרף צום קינסטלער— ער איז בלאַס װי קאַלך, די פיס ציטערען, די פינגער בעװעגען זיך נאָך, אזוי װי ער װאָלט װעלען אויף די אָנגעצויגענע װינד־פעדעם זײַן מעלאָדיע דערשפּילען, און פלוצלונג גיט ער א שרעקליכען אויסגעשריי:

— מײַן פידעל! מײַן אָבגרונד!

מיט'ן לעצטען אָטהעם גיט ער זיך א װאָרף נאָך דער פי־דעל, זי צוריק צו דערהאַפּען, און עס זעהט זיך נאָר, װי זײַנע לאָקען הוידען זיך אויפ'ן װינד: ער פליהט אראָב, אראָב... און דער פעלזען-באַרג איז אזוי הויך... דער אָבגרונד אזוי טיעף...

די שטורם-טאָכטער פערברעכט מיט די הענד און צוגיסט זיך אין א יאָמערליכען געװײַן:

— איך האָב איהם פֿערלאָרען... איך האָב איהם פֿערלאָרען... מײַן הערשער! מײַן בעשעפֿער!

און יעדעס מאָל נאָך אַ שטורם, ווען די וואָלקען פֿערשווינדען, און די זון שווימט ווידער אַרום אין איהר גאָלדענער קרוין אויפֿ'ן הימעל און בעשײַט די וועלט מיט פֿולע הויפֿען ליכטיגע שטראַהלען, דעמאָלט בעווײַזט זיך אויפֿ'ן ברעג פֿון וואַלד־שטראָם די שטורם־טאָכטער מיט איהר לופֿטיגען דורכזיכטיגען קערפּער... זי געהט אַרום אויפֿ'ן ברײַטען וועג און שטעלט אָב די דורכפֿאָהרענדע, און קוקט זײ אַרײַן אין די אויגען מיט אַ בליק, וואָס דריקט־אויס בענקעניש, נײַגיעריגקײַט, און זי פֿערשווינדט צוריק אין די טיפֿעניש פֿון וואַלד, און טוליעט זיך צו די מעכטיגע בוימער, וואָס האָבען אויסגעהאַלטען דעם שטורם און זענען פֿעסט אויף זײַערע עדטער געבליבען שטעהן; אָבער וואו זי בעגעגענט אַ בוים, אַנ׳אַראָבגעבראָכענעם פֿון שטורם, שטעלט זי זיך לענגער בײַ איהם אָב, טוליעט זיך וואַרימער צו איהם, און קושט איהם שטיל מיט איהרע לופֿטיגע ליפּען, און שעפּטשעט קוים הערבאַר: אַראָבגעבראָכען געוואָרען איז אַ מעכטיגער בוים... אַנ׳עלענדער בוים... איך האָב איהם פֿערלאָרען... מײַן שטורם־זוכער... מײַן בעשעפֿער!...

און ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן הערען די דורכפֿאָהרענדע, עס צוטראָגט זיך איבער'ן וואַלד און דערגרײַכט ביז אין פֿעלד אַרײַן אַ שטילער־שטילער, אײַנגעהאַלטענער געוויין...

דער סוד פון די אויגען.

קעגען־איבער האט געוואהנט א יונג מעדעל. און אז דער מאלער פלעגט זיצען ביים פענסטער און פלעגט ארויסקוקען, פלעגט ער אפטערס זעהען, ווי דאס מעדעל קלייבט־צו דאס שטי־בעל, פערבעט דאס בעטעל מיט קלאר־ווייסע בעטגעוואנד, שטעלט אוועק פרישע בלומען אויפ'ן טישעל, און ווארט — דער מאלער ווייסט, אויף וועמען זי ווארט: ער האט איהם עטליכע מאל שוין געזעהען צו איהר קומען.

זיצט אזוי דער מאלער ביים פענסטער א פערטראכטער, דעם קאפ אן דער האנד אנגעשפארט און די געדאנקען זיינע זענען ווייט. פאר די אויגען שטעהט איהם דאס בילד, וואס האט די לעצטע צייט אוועקגערויבט ביי איהם דעם שלאף און די רוה. און ער זעהט, דאכט זיך, דאס בילד אזוי לעבעדיג פאר די אויגען שוועבען. ער האט זיך שוין עטליכע מאל צום לייווענד גענומען, האט אבער יעדען מאל דעם לייווענד צוריק געמוזט אוועקווארפען... דאס זענען געווען א פאר אויגען, וואס דאס בילד האט גע־דארפט פארשטעלען — שווארץ, ווי די נאכט, העל, ווי דער מארגען־שטערען, און טיעף, ווי דער אבגרונד, און אין זייער אויסדריק איז צונויפגעפלאכטען, אזוי ווי אין איין קנויל, טויט און לעבען, גליק און אומגליק, און ווען איהר גיט א קוק אויף זיי, דאכט זיך אייך, אז איהר האט דער וועלט־נשמה אין דער טיעפע־ניש פון איהרע אויגען אריינגעקוקט און האט אין איהר דעם סוד פון דער וועלט־נשמה דורכגעלייענט. האט אבער די פאליטרע פון

מאַלער אַזעלכע פֿאַרבען ניט געהאַט, און דער אָהנמעכטיגער פּינזעל איז אָהנמעכטיג געפֿאַלען פֿון די הענד...

דער מאַלער איז געזעסען בײַם פֿענסטער און האָט געטראַכט, וואָס נעהמט מען די אויגען, וואָס זאָלען איהם פֿאַר אַ פֿאָרבילד קענען דיענען. און עס איז געוואָרען שפּעט, און ער איז מיעד געוואָרען פֿון זײַן טראַכטען; זײַן בליק האָט אָנגעהויבען צו בלאָנדזען און האָט זיך ניט ווילענדיג אָבגעשטעלט אויף דעם קעגענאיבערדיגען פֿענסטער, און ער האָט בעמערקט און ניט בעמערקט, אַז דער געליבטער איהרער האָט געפֿעהלט, און די אויגען פֿונ'ם מעדעל האָבען אויסגעדריקט דעם טיעפֿסטען טרויער, די טיעפֿסטע בענקעניש, וואָס מענשליכע אויגען קאָנען נאָר אויסדריקען...

אָבער דער מאַלער האָט עס בעמערקט און ניט בעמערקט, ווארום זײַן קאָפּ איז פֿול געוועזען מיט געדאַנקען און זײַן האַרץ — מיט די גרעסטע שאַפֿונגס־לײַדען.

דער מאַלער האָט גענומען דעם הוט מיט'ן מאַנטעל און איז אין גאַס צו די מענשען אַרויס. אָבער די מענשען, האָט ער געוואוסט, האָבען יעדערער בעזונדערע אויגען געהאַט: ווער עס איז געוועזען פֿערטרויערט, האָבען זײַנע אויגען געקוקט טרויעריג, און ווער עס איז געוועזען גליקליך, בײַ יענעם האָט זיך דאָס גליק אין די אויגען געשפּיגעלט, און אין יעדע פּאָר אויגען איז פּיצלעך לעבען געווען צוואָרפֿען... אָבער דער מאַלער האָט געטראַכט און ניט געקאָנט זיך דערטראַכטען, אין וועמענס אויגען האָט זיך דאָס פֿיעל פֿאַרביגע לעבען מיט אַלע זײַנע פֿאַרבען פֿערבאָרגען?

דער מאַלער איז לאַנג אומגעגאַנגען איבער די גאַסען, האָט אין אַ סך אויגען אַרײַנגעקוקט, ביז ער האָט זיך מיאש געווען צו געפֿינען צווישען די מענשען אַ פֿאָרבילד פֿאַר זײַן בילד.

אַז ער איז קומענדיג אין זײַן שטיבעל צום פֿענסטער צוגעגאַנגען, האָט ער געזעהען בײַם שײַן פֿון העלען פֿײַער, די אויגען פֿונ'ם מעדעל האָבען מיט צופֿריעדענהײַט און ערפֿילטע פֿערלאַנגען געבליצט, ווארום איהר געליעבטער האָט נאָר פֿערשפּעטיגט, אָבער ער איז שוין דאָ געוועזען, און די אויגען פֿונ'ם מעדעל זענען שוין אַנדערע אויגען געוועזען.

אָבער דער מאַלער האָט עס ווידער קוים בעמערקט, ווארום אַ פּלוצלונגער געדאַנק איז איהם פּלוצלונג בעפֿאַלען, און ער האָט

זיך נאך אמאל פון די טרעפ אראבגעלאזט, אין נאם אריין צו געהן.

דער כשוף-מאכער האט געוואהנט אין א פערוואָרפענעם הינטער-געסעל און איז שוין זעהר אלט געוועזען. געוואוסט האבען נאר ווענינע פון איהם, אבער זיין צויבער-קראפט איז געוועזען גרויס. אז דער מאלער איז צו איהם אריינגעקומען, איז ער געזעסען ביי זיין אויווען, האט געקאכט קרייטעכצער אויף א רויטען פייער און האט זיי צונויפגעגאסען אין פערשידענפארביגע פלעשלעך און כלים. דער כשופמאכער האט דעם מאלער מיט א שמייכעל בעגעגענט:

— די שליסלען פון אלע פערבארגענע אוצרות זענען מיר אנפערטרויט, און איך ווייס דיין פערלאנג, אבער דער פרייז מיינער איז גרויס און פון אייביג ביז אייביג דער זעלבער. דו ווייסט איהם אליין. ניט איין גרויסער האט שוין דעם פרייז געצאהלט.

— מיין נשמה ווילסטו, כשופמאכער.

— יא, די נשמה — האט דער כשופמאכער געענטפערט.

— קליין איז דער פרייז, און איך בין איהם גרייט צו בעצאהלען, ווארום דו האסט זיך אבגענארט, כשופמאכער! נאכדעם ווי מיין פערלאנג וועט ערפילט ווערען, ווערט אויסגעלעדיגט מיין נשמה, אזוי ווי א לאגעל.

אבער דער כשופמאכער האט ווידער אשמייכעל געטהון און געענטפערט:

— א מענשליכע נשמה איז ניט אבצושאצען, זי מעג זיין ווי לעדיג.

אין עס איז געוועזען א מערקווירדיגע צויבערפולע נאכט. נאך דעם מינדסטען פערלאנג זיינעם פלעגט דער מאלער איבערגעטראגען ווערען פון טיעפסטען אבגרונד אין די טיעפסטע הויבען, און א סך אומבעקאנטע וועלטען זענען ענטפלעקט געווארען פאר זיינע אויגען. ער איז געוועזען אין גיהנום און האט געזעהען, ווי די רשעים קומען-אב פאר זייערע זינד; ער האט טיעף אריינגע-

קוקט אין זייערע אויגען, און האָט געזעהען אין זיי א סך צער, כעס, און אימה און פערצווייפלונג האָט ער געזעהן. ער האָט אָבגעשטעלט איינעם פון די גרעסטע רשעים, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט, און האָט געפרעגט ביי איהם:

— רשע, וואָס זעהסטו מיט דיינע פינסטערע אויגען?

האָט דער רשע מיט א ציטערענדע שטימע געענטפערט:

— איך זעה די וועלט פון עק ביז עק און איך זעה, זי איז שווארץ, און פערצוינגען מיט א טרויער-שלייער.

האָט זיך דער מאַלער דערשראָקען פאַר'ן טאָג און פאַר'ן ליכטיגען אויגען-סוד, ער זאָל זיי אין גאנצען אויפ'ן אָבגרונד ניט פערלירען, האָט ער זיך געשטאַרקט, און האָט זיך מיט אלע זיינע קרעפטען צוריק א ציה געטהון צום ליכטיגען טאָג.

... א מבול פון ליכטיגע שטראַהלען, און גאָלדענע שטוהלען אין די שטראַהלען, און צדיקים אויף די שטוהלען, און די אויגען זייערע לייכטען, ווי די זונען, — אַזעלכע גוטע און גלעטענדע אויגען.

דער מאַלער האָט אָבגעשטעלט איינעם פון די גרעסטע צדיקים, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט, און האָט איהם געפרעגט:

— צדיק, וואָס זעהסטו מיט דיינע ליכטיגע אויגען?

דער צדיק האָט איהם בעגאָסען מיט א טייך שטראַהלען פון זיינע אויגען און האָט איהם געענטפערט:

— איך זעה די וועלט פון עק ביז עק, און איך זעה — זי איז ליכטיג, און זי טרינקט זיך אין לויטערע שטראַהלען.

האָט זיך דער מאַלער דערשראָקען פאַר די פינסטערע נאַכט און פאַר דעם ליכטיגען אויגען-סוד, וואָס ער האָט אין דער פּיּ־ פעניש פון הארצען געטראָגען, האָט ער דאָס אָנפערטרויטע צוי־ בער-וואָרט ארויסגערעדט, און דער גן-עדן איז פערשוואונדען.

יענע נאַכט האָט דער מאַלער געזעהען די געטין פון דער נאַכט; די אויגען איהרע האָבען געפלאַקערט, ווי צוויי פייערען, און זענען געוועזען בלאָה-שוואַרץ, ווי די דיקסטע געוויטער-וואָלקענס, און האָט געזעהען דעם טויט מיט זיינע טיפע לעבער-אויגען. איבער וויסטע מדבריות האָט ער זיך געטראָגען, און האָט געזעהען פערצוקער, ווי זיי זענען רויטאויגיג און בלוטדורשטיג, און פער־

צוקטע, ווי זיי ציטערען, און פיש אינם וואסער, און גראזען אינ'ם פעלד, איידער עס בעריהרט זיי די קאסע...

האט זיך דערשראקען דער מאלער פאר זיין בילד, וואס ער האט געהאט צו מאלען, ווארום ער האט געזעהען, אז עס זענען פארהאן טויזענדער אויגען מיט טויזענדער וועלטען, און עס איז ניטא אזעלכע אויגען, וועלכע זאלען די גאנצע פיעל־פארביגע וועלט אין זייערע אויגען פערשליסען. איז איהם טרויעריג געווא־רען אויפ'ן הארצען, א פערצווייפלונג איז איהם בעפאלען און זיינע געדאנקען האבען זיך אבגעשטעלט אין זייער שטרעבען — — —

דער מאלער געהט צוריק איבער די גאסען פון זיין איינענער שטאדט. עס איז שוין גרויסער טאג, מענשען געהען, מענשען פאהרען, ווי געוועהנליך אין א שטאדט.

אויפ'ן ראג פון צוויי גאסען האט ער דאס קעגען־איבערדיגע מעדעל מיט איהר געליעבטען געטראפען. דאס מעדעל האט עפעס גערעדט, עפעס געלאכט, און די אויגען איהרע האבען גע־ברענט מיט א שלעכטען פייערעל. וואס איז עס — איפערזוכט? האט דער מאלער פערבייגעהענדיג א טראכט געטהון—האט אבער ניט געענדיגט טראכטען דעם געדאנק, ווארום דאס מעדעל איז איהם פרעמד געווען, און דער קאפ איז איהם געוועזען מיעד.

טרויעריג האט זיך געצויגען די צייט פאר'ן מאלער, ווארום ער האט אומזיסט דעם גרעסטען פרייז בעצאהלט, און דער טאג פון בעצאהלונג איז אלץ נאהענטער געקומען. ער האט אין גאנצען זיינע לייוועגדען און פאליטרע פערווארפען, און האט יא געפיהלט און ניט געפיהלט, וואס עס טהוט זיך ארום איהם. ניט בעריהרט פלעגען בלייבען דאס עסען, וואס מען פלעגט איהם ברענגען, און דאס טרינקען, ער איז געווארען שווייגזאם, און פלעגט די בעקאנטע ניט דערקענען. האבען איהם די בעקאנטע פערלאזען; פלעגט ער זעלטען ווען די גאס בעזוכען. און פלעגט שטעה'ן נאכאנאנד א פערזונקענער אין געדאנקען מיט בלאנדזשענדיגע בליקען ביי זיין פענסטער אבשטעהן.

עס איז געוועזען נאכט, און אין קעגען־איבערדיגען פענס־טער, וואס איז געווען אפען, אבער מיט א פארהאנג פערהאנגען,

איז ליכטיג געוועזען, און צוויי שאטענס האבען זיך געזעהען אינ'ם צימער, וועלכע האבען אמאל גענעהנט איינער צום אנדער'ן, אמאל זיך דערווייטערט. און באלד האבען זיך ביידע שאטענס אינאיינעם צונויפגעגאסען, און עס האט זיך דורכגעטראגען אין דער לופטען א קלאנג, אזוי ווי א טויב וואלט מיט איהרע פליגעל געגעבען א פלאטער: די געליעבטע האבען זיך איינע די אנדערע דעם ערשטען קוש געגעבען. און גלייך נאכדעם האט דער מאלער געזעהען, א זילבער־ווייסער מלאך איז פארביי זיינע אויגען דורכגעפלויגען.

— דער מלאך פון ליעבע — האט א טראכט געטהון דער מאלער אין זיין הארצען.

א האנד האט אבגערוקט דעם פארהאנג אויפ'ן קעגען־איבערדיגען פענסטער, און דער מאלער האט ביים שיין פון בליץ־לאמפ דאס מעדעל דערזעהען. די באקען גליהען, די ברוסט הויבט זיך שנעל און די אויגען שפריצען מיט די הייסעסטע פונקען פון גליק.

— ליעבע! — האט געטראכט דער מאלער: — ווי דיין כח איז גרויס! און דאס גאנצע לעבען רינגעלסטו ארום, ווי מיט א גאלדענעם רונג, און ביי דיר אין די אויגען פערבארגען זיך כעס און צער, גליק און פערצווייפלונג, און עס האלזען זיך דער טויט און דאס לעבען ביי דיר אין די אויגען, דאס זענען זיי דאך — דיינע אויגען, וואס האבען ביי מיר מיין שלאף און מיין רוה אוועקגערויבט, און איך האב פאר זיי דעם גרעסטען פרייז פון מיין לעבען בעצאהלט!

א געדאנק איז דורכגעלאפען דורך זיינע האלב־אויסגעלאשענע אויגען, און אזוי ווי מורא־האבענדיג, ער זאל דעם געדאנק באלד צוריק ניט פערגעסען, איז ער באלד אין בעקאנטען געסעל אוועק.

— איך וויל אלעצטען מאל פרובען מיינע כחות — האט ער צום כשופמאכער געזאגט.

— עס וועט ערפילט ווערען נאך דיינע רעד — האט איהם דער כשופמאכער געענטפערט:

— ווארום איך וויים דיין פערלאנג.

דער מאלער איז א צייט נאכאנאנד געגאנגען איבער בערג און איבער טאלען, ביז ער איז געקומען צו א פערבארגענע הייל, וואו דער ליעבע-מלאך האט גערוהט צווישען א סך אנדערע געטער-קינדער. דער מאלער האט זיך געזעצט אויפ'ן ווייסען שטיין, וואס האט דעם אריינגאנג פערשטעלט, און האט גענומען ווארטען, א פערזונקענער אין טיעפע רעיונות. עס האט זיך געהערט פון דערווייטענס, ווי דער פאסטוך האט דורכגעטריבען זיין סטאדע מיט א הילכיגען פייפען אין נאהנטען דארף אריין; די טאג-בלומען האבען געזועהען, דער טאג איז צו ענדע, האבען זיי גענומען פערמאכען זייערע אפענע קעפלעך, די זון אליין האט זיך א צורויטעלטע שטיל אראבגעלאזט אין די ארעמס פונ'ם פערבענקטען מערב, עס האט געקלונגען די שעה פון די פערליעבטע... דאמאלס האט זיך דער ליעבע-מלאך פון הייל ארויס בעוויזען, און דאס פנים איז ביי איהם פערדעקט געווען מיט צוויי זילבער-ווייסע פליגעל.

דער מאלער האט זיך געבוקט פאר איהם און געבעטען:

— געטליכער מלאך, בעווייז מיר דיינע אויגען.

דער מלאך האט זיך אבגעקעהרט א פערוואונדערטער:

— קיין מענש האט נאך קיינמאל מיינע אויגען ניט געזעהען!

— דאך וויל איך דיינע אויגען זעהען — האט דער מאלער א קניהענדער געבעטען.

דער מלאך האט זיך פערטראכט אויף א רגע, און אז ער האט אין א רגע ארום זיינע זילבער-ווייסע פליגעל א הויב געטהון, האט דער מאלער דערזעהען — — —

און דער מאלער האט אויסגעשריען א פערצווייפעלטער:

— וואו ביזטו, כשופמאכער, נעהט ניכער צו די נשמה ביי מיר, ווארום איבעריג איז מיר מיין נשמה און איבעריג מיין הארץ!

דער מלאך פון ליעבע איז געוועזען בלינד.

די סטאטוע.

איצט איז דאס געוועזען כמעט א וואלד. די געוויקסיגע, ברייט-ביינערדיגע דעמבעס און די שענע ליפעס האבען זיך צוגע-בויגען איינע צו די אנדערע מיט זייערע צווייגהאפטיגע קעפ און האבען געגלעט איינע די אנדערע מיט די אויסגעשטרעקטע צוויי-גען און האבען זיך געקושט מיט די פלאטערענדע בלעטלעך. טיעף אין דער ערד האבען זיך איבערגעפלאכטען זייערע ווארצלען און זענען ארויסגעגאנגען האנד ביי האנד אויף דער אבער-פלעכע, און פלעגען זיך בעגעגענען צווישען די גרינע גראזען, דערנאך פלע-גען זיי מעכטיגע און שווייגזאמע ווידער פערשווינדען אין דער פייכטער, פעטער ערד. אבער אמאל, דערצעהלט מען, איז דאס געוועזען א פארק, וואס האט געהערט איינעם א מאגנאט, וואס איז געקומען פון א פרעמדען לאנד און האט גערעדט אויף א מערק-ווירדיגער אונבעקאנטער שפראך. ווייט אין גארטען, צווישען די געדיכטע בוימער, האבען זיך געזעהען ווייסע שטיינערנע ווענד, אויף וועלכע עס איז שוין לאנג געלעגען דער צופיהרענדער שטעמ-פעל פון דער צופיהרערקע, דער צייט — דאס איז געוועזען א פאר-צייטיגער שלאס, וואס האט געהאלטען פערבארגען אין זיינע אלטע ווענד, אזוי ווי אין אן'אייזערנעם שראנק, א סך א סך סודות פון די אלטע, לאנג פערשוואומענע צייטען. און דער איינזאמער האט ליעב געהאט צו בעזוכען דעם פארק, וואס האט שוין לאנג-לאנג ניט געפיהלט אויף זיך קיין מענשליכע האנד, און איז רייצענד בעוועזען פאר די אויגען אין זיין גרויסארטיגער ווילדקייט מיט די

פֿערוואַקסענע אַלעען, מיט די ניט אַרומגעשאָרענע קודלאַטע קעפּ פֿון זיינע בוימער און בוימלעך. שעה'ן נאָכאַנאַנד פֿלעגט ער אומ־בלאָנדזשען איבער'ן גרינס צווישען די געדיכטע בוימער, און זיין בליק איז שטענדיג געווען געווענדעט אין דער טיעף, אין דער טיעף... פֿון אויבען פֿלעגט אַריינדרינגען די זון מיט איהרע ליב־טיגע אויגען דורך די געדיכטע פֿערוואַקסענע קעפּ פֿון די בוימער, און איהרע בליקען פֿלעגען בלאָנדזשען איבער די שטרויכען, איבער די גראָזען, און ער פֿלעגט זיך אָבשטעלען אויף די ליכטיגע זונען־פֿלעקען, און פֿלעגט אונטערשטעלען אונטער דעם רעגען פֿון די זונען־קושען זיינע באַקען, די הענד, דעם אָבגערעקטען קאָפּ. —

אומגעהענדיג איינמאָל אַ צייט לאַנג איבער'ן פּאַרק, איז ער פֿערגאַנגען אין אַ וויטען ווינקעל, וואו ער איז נאָך קיינמאָל ניט געוועזען, און האָט פּלוצלונג בעמערקט פֿון דער וויטען, צווישען די געדיכטע שאָטענס, עפּעס אַ הויכעס, אַ ווייסעס. זיין בליק האָט זיך ברייט פֿאַנאַנדערגעעפֿענט, און זיינע טריט האָבען איהם פֿער־פֿיהרט אין דער וואַלד־געדיכטניש, און דאַן—האָבען זיך די אויגען זיינע אָנגעצונדען מיט אַ בליץ־העלען פֿייער, און די הענד האָבען זיך אויפֿגעהויבען אין דער הויך; די ליפּען האָבען זיך בעדעקט מיט אַ גליקליכען שמייבעל, און אַזוי איז ער אַ בעצויבערטער, אַ פֿערשטיינערטער אַ רגע אָהן בעוועגונג געבליבען: אויף אַ פּיעדעס־טאַל, פֿון אַ פֿעלזען־שטיין אַנ'אויסגעהאַקטען, איז געשטאַנען אַ ווייסע מאַרמאָרנע סטאַטוע פֿון אַ יונגער לעגענדאַריש־שענער פֿרוי מיט אַראָבגעלאָזטע הענד, מיט אַ בליק אין דער בלאָער אונבע־וואוסטער וויט אַריין אַ געווענדעטען... דער פּיעדעסטאַל איז טייל־ווייז צופֿיהרט געוועזען פֿון דער צייט, אָבער די פֿיגור איז נאָך געבליבען, דורך אַ ריהרענדען וואונדער, בײַ איהר גאַנצער ריי־צענדער פֿרישקייט. עס איז געוועזען אונטען, אויפֿ'ן פּיעדעסטאַל, עפּעס אַנ'אויפֿשריפֿט, אָבער ער האָט איהר ניט פֿערשטאַנען — די אותיות זענען געוועזען אַראָבגעריבען, און עס איז ניט קענטיג געוועזען, אויף וועלכער שפּראַך די אויפֿשריפֿט האָט גערעדט, און עס איז געוועזען אַ בעזונדערער רייץ אין דעם ניט דערעדטען, אין דעם נישט דערזאָגטען... די אויגען זיינע האָבען אויפֿגעפֿלאַ־קערט און אַ זיסע וואַרימקייט האָט זיך צוגאָסען איבער די גליע־דער. און זיין נשמה האָט געבענשט יענע האַנד, וואָס האָט אויס־

געשניצט די געטליך־שענע ליניען, האט געבענשט יענע אומבעקאנטע ליבטיגע אויגען, וואס האבען זיך אזא בילד געקענט אויסמאהלען... א בעצויבערטער האט ער נאך לאנג אומגעבלאנזשעט איבער אלע ווינקעלעך פון גארטען, אויף די וועגלעך האט ער נאך שענע פיגורען בעגעגענט, אבער יענע האבען קיין גרעסערעס ניט געזאגט זיין נשמה, און ער פלעגט זיך יעדען מאל ווידער אומקעהרען צו דער איינציגער, צו דער איינציגער...

א שטילע זומערדיגע נאכט. די בוימער האבען אויפגעהויבען זייערע קעפ אין דער הויך; אזוי ווי לעבעדיגע בעשעפענישען, שטעהען זיי שטיל און ווארטען אויף עפעס... ווער ווייסט, אפשר אויף א וואונדער... אין די ליעבע, צויבערפולע זומער־נעכט איז דאס וואונדערליכע, דאכט זיך, אזוי נאהענט, אזוי מעגליך... די לבנה־שטראהלען דרינגען אריין דורך די געדיכטע בלעטער און פלעכטען פון זילבערנע פעדעם א קראנץ פאר דער סטאטוע, וועלכע שטעהט אויף איהר פיעדעסטאל, אזוי ווי א געטין, וואס איז פון ווייטע איבעוואוסטע וועלטען אויף דער ערד אראבגעקומען, און איהר מאכט איז אין איהר שענהייט, און איהר צויבער איז אין איהר שווייגזאמקייט. און עטוואס אן א זייט פון דער סטאטוע, אונטער א צווייגהאפטיגען בוים, אויף א גרויסען שווארצען שטיין, זיצט אהן בעוועגונג א שאטען. און לאנג זיצט ער אונבעוועגליך, דערנאך הויבט זיך אויף א קאפ אין דער הויך, און עס גיבען א בליץ צוויי אויפגעפלאקערטע אויגען — דאס איז ניט קיין שאטען, וואס זיצט אויפ'ן שטיין, נאר א לעבעדיגער מענש, וואס וואכט אין דער שטילקייט פון דער נאכט.

און ער זיצט אזוי לאנג, און ער קוקט אזוי לאנג, א פערקלערטער, א פערטראכטער... און עטוואס ווייטער, הינטער זיין רוקען, שוועבט פארביי די דורכזיכטיגע זומער־נאכט מיט א ליעבליכען טונקעל־בלויען שמייכעל אויף די האלב־אפענע ליפען, שוועבט דורך מיט איהרע אונקלארע שארכען, האלבע טענער, האלבע קלאנגען... און דער מענש אויפ'ן שטיין זיצט נאך אלץ, אזוי ווי א פערכשופ'טער, און זיינע אויגען בליצען, פונקט ווי צוויי שטערען, און די ליפען זענען האלב־אפען, און די באקען ברע־

נען... און די נאכט געהט פערביי. און עס הערט זיך דער שארך פון איהר דורכזיכטיגען זיידענעם מאנטעל, און זי פערפיהרט מיט זיך אויך די שטערען, אויך די לבנה — און א אונזעהבארע האנד, א דורכזיכטיגע, א דינע, א פרויען-האנד, גלויבט זיך, בעט אוים דעם רעכטען זייט הימעל מיט פורפור-לענטעס... אין די שטרויכען כאפט זיך אויף די נאכטיגאל און בעגעגענט מיט א ליעד דעם נייעם טאג. דאן הויבט זיך אויף דער מענש פינ'ם שטיין, געהט אונטער צו דער מארמארנער פיגור, שטעלט זיך אויף די קניה, לעגט ארויף די הענד אויפ'ן פיעדעסטאל, און זיינע ליפען בעוועגען זיך... וואס איז עס? א תפלה? א ברכה? אדער אפשר... אפשר איז דאס א ליעבע-ערקלערונג פאר'ן קאלטען מארמאר — דאס ווייסט נאר די הערליך-שענע זומער-נאכט אין די הימלען, דאס ווייסט נאר די נאכטיגאל אויף דער ערד. מינוטען געהען ארי-בער און שעה'ן נאך זיי. דער, וואס האט געוואכט די גאנצע נאכט, לאזט זיך אראב פון פיעדעסטאל און קעהרט זיך אום פונקט ווי א שאטען, צוריק צו די מענשען.

און מיט'ן איינזאמען האט א וואונדער געשעהען, די פינס-טערקייט פון זיין בליק איז פערשוואונדען געווארען, און א ליב-טיגער שמייכעל האט גענומען ארויסשיינען פון זיינע אויגען, און זיינע געפיהלען וזענען דאן געגליכען געוועזען צו א טייך אינ'ם פריהלינג, צו א געוויטער אינ'ם זומער, צו א זאווירוכע אינ'ם ווינ-טער... זומער פלעגט ער אוועקגעהן ווייט אין וואלד אריין און פלעגט מיט א קליין מעסערעל שרייבען אויף די בוימער: „מיין כלה, מיין כלה"... און ווינטער האט ער געשריבען צופוסענס פונ'ם פיעדעסטאל מיט די פינגער אויפ'ן שנעע: „מיין כלה, מיין כלה"... און אז ער פלעגט אויף מארגען ווידער קומען און פלעגט געפינען די ווערטער פערוויהעטע מיט פרישען שנעע, פלעגט ער ווידער און ווידער שרייבען, און אפט פלעגט ער זיך אויפ-הויבען אויפ'ן פיעדעסטאל, פלעגט זיך שטעלען אויף איין הויך מיט דער פרוי מיט די אראבגעלאזטע הענד, מיט די אויגען, אין דער ווייט ארייןגעווענדעטע, און עס פלעגט זיך איהם וועלען איהר ארומנעהמען, א קוש טהון איהר אין די ליפען, צודריקען זיין האר-

צען צום קאלטען מארמאר... א זיסער סם פלעגט זיך צוגיסען איבער זײן קערפער, די הענר פלעגען אנהויבען ציטערען מיט א שטארקע ציטערניש, און ער פלעגט זיך צוריק ארײַנלאזען אויף דער ערד... און עפעס פלעגט איהם אבהאלטען, עפעס פלעגט איהם אבהאלטען.

אײנמאל בײַנאכט איז זי געקומען צו איהם. א ווײַסע, א מארמארנע, מיט א קראנץ פון זילבערנע לבנה-שטראהלען אויפ'ן קאפ, מיט א בליק אין דער ווײַט ארײַן א געווענדעטען, איז זי געקומען צו בעזוכען איהם אין זײַן קאמער. האט ארויפגעלעגט איהר האנד אויף זײַן ברענענדיגען שטערען, האט געזאגט עפעס אזוינס, וואס לאזט זיך אין ווערטער ניט אויסדריקען און איז באלד ווידער אוועק, איבערלאזענדיג א הײסען קוש אויף זײַנע האלב-אפענע ליפען. א דערפרעהטער, א בעגליקטער האט ער פאנאנדערגעעפענט צווײ ברענענדיגע ליכטער, צווײ אויגען... דער קוש האט נאך געברענט אויף זײַנע ליפען, אין די אויערען האט נאך געקלונגען דאס סודות'פולע שעפטשען, און איבער די אדערען האט זיך אזוי ווי שטארקער ווײַן געגאסען... „מײַן כלה, מײַן כלה" האבען געשעפטשעט זײַנע פערשכורימע ליפען. ער האט די בליקען זײַנע געשיקט אין דער פינסטערניש, צו וועט ער זי נאך אמאל ניט דערזעהען פאר זיך, אבער... פינסטער איז געוועזען אין צימער, נאר א סודות'פולער שארך האט זיך אומגעטראגען אין דער לופט, וועלכע איז פלוצלונג אנגעפילט געווארען מיט פרישקײַט און ליעבען רוח...

און ער איז אוועק צו איהר.

אין דעם ווײַטסטען ווינקעל פון גארטען, וואו די בוימער זענען געדיכטער ווי אומעטום, און די שאטענס פינסטערער, ווי אומעטום, כמעט וואס מען קען זיי אנטאפען, שטעהט א ווײַסע מארמארנע סטאטוע, און איהר צופוסענס אויפ'ן פיעדעסטאל שטעהט א מענש און האלט אויפגעהויבען אין דער הויך צווײ בליצטראגענדע אויגען, אויפ'ן הימעל לעשען זיך אוים ביסלעכ-

ווײַז די שטערען, דער פריהמאָרגען הויבט אָן פאַנאַנדערצוּעפענען זײַנע ברעמען. אין די שטרויכען זינגט די נאַכטיגאַל. און עס דוכט זיך דעם אײַנזאַמען, דאָס איהרע אויגען קעהרען זיך אָב צו איהם, צינדען זיך אָן פונקט ווי יום־טוב ליכט, און איהרע ליפּען, דאַכט זיך איהם, עפענען זיך פאַנאַנדער, אַזוי ווי אויף אַ קוש. אַ בעצויבערטער, אַ בערוישטער דורך די פאַרטאָגעדיגע פאַנטאַסטישע האַלב־שאָטענס, האַלב־שטריכען, הויבט ער זיך פּלוצלונג אויף מיט זײַן גאַנצען וואוקס אויפ'ן פּיעדעסטאַל, פלעכט אַרום מיט זײַנע אָרעמס די סטאַטוע און שעפּטשעט אַ פערשכור־טער: „מײַן כלה, מײַן כלה"... און זויגט זיך אַרײַן מיט זײַנע ליפּען אין איהרע. און דאַן האָט דער מענש דערפיהלט אונטער זײַנע ליפּען נאָך אַ פּאָר וואַרימע ליפּען און אַ וואַרימען אָטהעם, און פיהלט, ווי אונטער זײַן ברוסט האָט זיך אַ הויב געטהון מיט אַ לעבעדיגען אָטהעם די מאַרמאָרנע ברוסט פון דער סטאַטוע. און גלײַך נאָכדעם האָט זיך אויפגעהויבען אַ ווײַכע אײַ־דעלע האַנד, האָט איהם אַרומגענומען בײַם האַלז און דריקט זיך צו איהם פעסטער, פעסטער... און דאַן איז זײַן נשמה אַרויס־געטראָטען פונקט ווי אַ שטורמדיגער ים פון איהרע גרענעצען, און איז אַוועקגעפלויגען אין דער הויך... אין דער הויך... זײַנע ליפּען בלײַבען צוגעפּרעסט צו איהרע, און גיסען זיך צונויף אין אײַן לאַנגען־לאַנגען לײַדענשאַפטליכען קוש.

אין דעם ווײַטסטען ווינקעל פון גאָרטען, דאָרט וואו די בוימער זענען געדיכטער ווי אומעטום און די שאָטענס זענען שוואַרצער ווי אומעטום, כמעט וואָס מען קען זיי אָנטאַפּען, זעהט זיך פון ווײַטען אַ ווײַסע מאַרמאָרנע סטאַטוע, וואָס שטעלט פאָר צוויי געשטאַלטען — ער און זי, און זייערע ליפּען זענען צונויפ־געגאָסען אין אַ לײַדענשאַפטליכען קוש, זײַנע הענד וויקלען זיך אַרום איהר ברוסט, און איהר האַנד פלעכט זיך אַרום זײַן האַלז, און בײַטאָג דרינגט אַרײַן די זון דורך די געדיכטע בלעטער און וואַרפט אויף זיי בעהאַלטענערהייד איהרע ליכטיגע, שמײַכלענ־דיגע בליקען, און בײַ נאַכט פלעכט פאַר זיי די לבנה אַ קראַנץ פון זילבערנע פעדעם, און אין די שטרויכען זינגט די נאַכטיגאַל

איִהר ליִבּע-ליִעד, און אַרום הערשט אַ סודות׳פולע שוויַיגזאַמקייַט— די געטליִכע שפּראַך, אויף וועלכער די מעכטיִגע דעמבעס און שענע ליִפּעס פיִהרען צוויִשען זיִך אַ שטענדיִגען געשפּרעך, אויס- שטרעקענדיִג איינע צו די אַנדערע זייערע קעפּ און געלעטענדיִג איינע די אַנדערע מיִט זייערע שלאַנקע צוויַיגען-הענד און מיִט די פּלאַטערענדע סאַמעט-גריִנע בלעטלעך...

דער כינעזער און זיין קוואל.

אין כינא האט אמאל געוועלטיגט א מאנדארין איבער א סך שטעדט און דערפער און דער, מאנדארין האט געהאט א גוט הארץ. האט געהערשט א שלום אין זיין לאנד, און די איינוואהנער זענען געזעסען יעדערער אונטער זיין וויינגארטען און פייגענבוים, און זיי האבען געבענשט גאט און זייער מאנדארין פאר'ן שטילען גליקליכען לעבען, וואס שנעע-ווייסע שלום-מלאכים פלעגען זיי יאהר איין יאהר אויס, אנפאכען איבער די קעפ. און אזוי זענען אריבער יאהרען, און דער מאנדארין האט גענומען צעהלען דעם פיערטען צעהנדליג פון זיין לעבען.

און דאמאלסט האט זיך אונערווארטעט אנ'אומגליק געטראפען: דעם הערשער איז פלוצלונג בעפאלען א מרה שחורה, אזוי ווי אונגעפעהר דעם קעניג שאול אין זיין צייט, און אז די מרה שחורה פלעגט זיך שטארקען, פלעגט ער עס אנהויבען פיהלען אינ'ם הארץ — האט דאס הארץ אנגעהויבען שלעכט צו ארבייטען, און דער בלוט-לויף איז אזוי ווי פערבלאנדזשעט געווארען אינ'ם קערפער. און אז עס איז אריבער א צייט, און קיין פערגרינגערונג איז ניט געקומען, האבען זיך צונויפגעקליבען די בעסטע דאקטוירים פון כינא און האבען אויסגעפונען, אז ביים הערשער ווערט דאס הארץ פערוואנדעלט אין א שטיינערנע מאסע, און וואס וויי'טער ווערט עס אלץ הארטער און הארטער. און זיינע קנעכט האבען עס בעשטיינפערליך געזעהען טאג-טעגליך אין געריכט,

אויף די גאַסען און פּלעצער—די געזעצען זענען געוואָרען האַרטער, די בעפעהלען שאַרפער, און אז די זון פּלעגט אַרויס אין דער פריה אויפ'ן הימעל, פּלעגט זי ניט זעלטען געפינען אַ תליה אויפ'ן פּלאַץ...

האָבען די גרעסטע דאָקטוירים פונ'ם לאַנד אָנגעהויבען זוכען עצות קעגען דער אונגעוועהנליכער קרענק. איז אויפגעשטאַנען איינער פון די געלעהרטע, האָט זיך אַ רײַב געטהון דעם שטערן און האָט קורץ און פיעלבעדײַטענד אַ זאָג געטהון: שמחות! האָבען אַלע איבעריגע אַ שאָקעל געטהון מיט די קעפּ: לאָז זײַן נאָך דײַנע רעד!

אַלע שטעדט און דערפער פונ'ם מאַנדאַרין האָבען אין איינע פּאָר טעג אַנ'אַנדער אויסזעהן בעקומען. דער קעניגליכער צוג איז געפאָהרען פון שטאָדט צו שטאָדט, פאָראויס דער מאַנדאַרין, נאָך איהם זײַנע פידלער און פויקער, דערנאָך זײַנע קעפּסווײַבער, אַרום איז געוואָרען געשפּיעלט און געטאַנצט און אויפ'ן פּנים פון מאַנדאַרין אין געלעגען אַ שמײַכעל. אָבער בײַ די אײַנוואָהנער, וואו ער פּלעגט דורכפאָהרען, פּלעגט באַלד יעדע פרעהליכקײַט פערשווינדען. ווײַל אַלע האָבען פערוואָרפען זײערע אַרבײַטען, זענען די פעלדער געבליבען שטעהן פּוסטע, און דאָס גאַנצע האָב און גוטס איז אַוועק אויף מאָהלצײַטען פאַר'ן האַר, און די צײַט איז אַוועק צו אַמוזירען דעם האַר מיט טענץ און געזאַנג. האָט זיך גענומען אָנרוקען אַ הונגער אויף זײַן לאַנד, און אין דער צײַט, וואָס עס האָט געשוועבט אַ שכורער שמײַכעל אויף דעם מאַנדאַרינ'ס ליפּען, האָט זיך געצויגען פון דאָרף צו דאָרף אַ שוואַרצער שאָטען און האָט דעם הימעל מיט שווערע כמאַרעס פערצויגען.

אָבער די גרויסע קרבנות האָבען קײן נוצען ניט געבראַכט: דאָס האַרץ פון מאַנדאַרין איז וואָס ווײַטער געוואָרען אַלץ האַרטער און האַרטער.

און אַ סך אַנדערע מיטלען זענען געפּרובט געוואָרען קעגען דער אונגעוועהנליכער קרענק, אָבער עס האָט קײן זאַך ניט געהאָלפען. האָבען די געלעהרטע ניט געוואוסט, וואָס צו טהון פון פערצווייפלונג און זענען פערטיעפטע אין זײערע געדאַנקען געזעסען, ביז עס איז אויפגעשטאַנען איינער אין אַ שוואַרצער קאַפּאָטע מיט אַ געבײַלטען פּויסט, האָט אויפגעעפענט אַנ'אַלטען מאַגי-

שען ספר און האָט אַ זאָג געטהון: מענשען-בּלוט! אַזוי שטעהט געשריבּען. בּלאָס זענען געוואָרען די געלעהרטע, אָבּער זיי האָבּען געזעהן — עס שטעהט שוואַרץ אויף ווייס, האָבּען זיי געשאָקעלט מיט די קעפּ: לאָז זיין נאָך דיינע רעד!

און טאַקע — ווי נאָר דאָס בּלוט האָט בּעריהרט דאָס אָרט, וואו דאָס האַרץ געפינט זיך בּיים מענשען, האָט דער מאַנדאַרין גלייך דערפיהלט, ווי עפּעס האָט אין איהם שטאַרקער אָנגעהויבּען צו קלאַפּען און שנעלער זיך בּעוועגען. און דער מאַנדאַרין האָט זיך דערפרעהט, און זיינע נאָהענטע האָבּען זיך דערפרעהט, און אַלע טאָג פלעגט מען קוילען מענשען, און מיט וואַרימע מענשען-בּלוט פלעגט מען דאָס קראַנקע האַרץ שמירען.

אָבּער וואָס וויַטער האָט דאָס בּלוט אַלץ ווייניגער גענומען ווירקען, אַ פריהער האָט עס אויפגעהערט ווירקען אין קליינע דאָזען, האָט זיך גענומען גיסען אין די גאַסען גאַנצע טייכען בּלוט. די בּלוטען פלעגט מען צונויפקלייבּען אין כּלים — אַ רפואה פאַר'ן מאַנדאַרין. די קערפּער פלעגט מען מקבר זיין אין בּרידער-קברים — די בּערגלעך זענען אין כינא נאָך בּיז היינט געבּליבּען לזכּרון — און די מאַמעס פלעגען די קינדער מיט בּיטערע טרעהרען בּעוויינען, אָבּער די טרעהרען פלעגט קיינער ניט צונויפקלויבּען, זיי פלעגען אַראָבּפאַלען אויפ'ן זאַמד און פערשווינדען. און קיינער האָט ניט געוואוסט און ניט געוואָלט וויסען — וואוהין עס קומען אַהין די מוטערליכע טרעהרען.

און דאָס אומגליק, וואָס אַלע האָבּען זיך געשראָקען פאַר איהם, איז געקומען: אין איינעם אַ פריהמאָרגען איז אויפגעשטאַנען דער מאַנדאַרין פון זיין שלאָף, און ער האָט אין גאַנצען אויפגעהערט צו פיהלען זיין האַרץ. שווער איז איהם נאָר געווען אין זיין בּרוסט: ער האָט אין זיך געטראָגען אַ שטיין שטאַט אַ האַרץ.

און שווער איז דעם מאַנדאַרין דאָס לעבּען געוועזען, אַזוי ווי טיטם הרשע מיט'ן יתוש אין מח. ער האָט געדענקט, אַז אַמאָל פלעגט ער עפּעס פיהלען, עפּעס האָרבּען, אין קאָפּ איז איהם עפּעס אַ סמוטנע מחשבה געבּליבּען; ער האָט געבּענקט מיט'ן שטיינערנעם האַרצען נאָך דעם אַמאָליגען, נאָך די יונגע יאָהרען, נאָך די קינדער-יאָהרען. איז ער אומגעגאַנגען איבּער פעלד און וואַלד, און די בּלומען האָבּען זיך געשעפּטשעט, און

די ווינטעלעך גערעדט, און די הימעלשע בלאָע עפּיר־וועלען האָבען געחלומ׳ט וועגען גליק, אָבער פרעמד איז איהם דאָס אלעס געוועזען. אַ וואַנד איז געשטאַנען צווישען איהם אונ׳ם ווינטעל, צווישען איהם און די בלומען, צווישען איהם אונ׳ם הימעל, און די וואַנד איז געוועזען אין איהם... דאַמאָלסט האָט ער זיך דערמאָנט אָן גאָט, אָן חסד, אָן רחמים, און זיינע ליפּען האָבען זיך געעפענט צו בעטען, מתפּלל צו זיין, אָבער... ווי ער האָט אויפגעעפענט זיינע ליפּען, אַזוי זענען זיי געבליבען אָפען: ער האָט פערגעסען, ווי אַזוי מען איז מתפּלל, זיין האַרץ האָט איהם גאָר נישט געקענט אונטערזאָגען.

האָט איהם איינמאָל דערזעהן אין פעלד אַן׳אַלטער פאַסטוך מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, און האָט צו איהם אַזוי נעזאָגט:

— גרויסער האַר, איך ווייס דיין צער און איך ווייס אַ רפואה צו דיין צער. עס פליסט צווישען דיינע גיטער אַ קוואַל, דער קוואַל פון טרעהרען רופט ער זיך, און ער קלויבט אין זיך צונויף אַלע טרעהרען, וואָס עס פערגיסען דיינע קנעכט אין דיינע דערפער און שטעדט — איך ווייס, וואו ער געפינט זיך און אַלע דיינע קנעכט ווייסען, וואו ער געפינט זיך, נאָר עס איז פערבאָטען עס אַרויסצוזאָגען, און מען טאָר ניט עובר זיין אויף דעם פערבאָט. געה און געפין דעם קוואַל, ווערסט זיך צורירהען צו איהם מיט דיינע ליפּען, וועסטו גלייך אויפעפענען די אויגען און וועסט אַנדערש זעהען, און דיין האַרץ וועט גלייך אָבגעהן, און וועסט ווערען אַ מענש צו מענשען גלייך.

האָט דער האַר גאָר נישט געענטפערט און איז אַוועק אין דער לענג און אין דער ברייט פון זיינע גיטער. אומעטום האָט ער זיך אָבגעשטעלט און האָט נאָכגעפרעגט, וואו איז דער קוואַל פון טרעהרען אויף זיין ערד, אָבער אַלע פלעגען אין איין קול ענטפערען: אַלע ווייסען מיר פון דעם קוואַל, אונזערע מאַמעס און קינדער האָבען ניט וועניג טרעהרען אויסגעוויינט אין דעם קוואַל, און אַלע ווייסען מיר, וואו ער איז, אָבער קיינער טאָר עס פון די ליפּען ניט אַרויסרעדען, ווארום עס איז פאַרהאַן אויערען, וואָס הערען, און אויגען, וואָס זעהען. און מען טאָר ניט עובר

זיין, און נאָר איינער איז פאַרהאַן, וואָס ווייסט ניט דערפון, און דער איינער איז — אונזער האַר.

— איך בין אייער האַר — פלעגט ער ענטפערן.

ווי די מענשען פלעגען דאָס דערהערען, פלעגען זיי זיך גלייך צולויפען — און פאָראויס איז אוועק דער קלאַנג וועגען מאַנדאַרין, און וואו ער פלעגט קומען, פלעגט ער געפינען לעדיגע שטעדט און דערפער — אַלע פלעגען איהם אויסווייכען פון שרעק.

לאַנג־לאַנג איז ער אַזוי אומגעגאַנגען אין דער לענג און אין דער ברייט פון זיינע גיטער. ביז ער איז אַ הונגעריגער, אַ דאָרשטיגער, צוריק געקומען אין זיין פּאַלאַץ, און קוים וואָס ער האָט זיך געהאַלטען אויף די פיס. איז ער אַ מידיגער אַנידער־געפאַלען נעבען די טרעפ. דאַן איז שוין שפּעט־נאַכט געוועזען, עס האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט אַרום און שוין איז איהם גרייט געוועזען דער שלאָף צו בעפאַלען, ווי ער האָט פּלוצלונג דערהערט עפּעס אַ שאָרך אין דער נאָהענט, אַזוי ווי ווען וואָלטען זיך געקלאַפּט אָן אַ שטיינערנעם פּעלוזען. מיט די לעצטע כחות האָט זיך דער מאַנדאַרין דערנעהנטערט אויף עטליכע טריט און ער האָט דערזעהן פאַר זיך — אַ וואַסער! האָט אַ בליץ געטהון אַ געדאַנק אין זיין קאָפּ, און ער האָט שנעל צוגעריהרט זיינע ליפּען צו דער פליסיגקייט, און דאַן איז דאָס וואונדער געשעהן: די אויגען פון מאַנדאַרין האָבען זיך גלייך געעפענט, און ער האָט אַנדערש אָנגעהויבען זעהען, דאָס האַרץ האָט גענומען אָבגעהן, און עס האָט זיך גענומען קלאַפּען זיכער און פעסט, ווי אַ געוועהנליך מענשליך האַרץ, און גרינג איז איהם מיט אַמאָל געוואָרען, און ער איז אַריינגעפאַלען אין אַ זיסען שלאָף.

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין די זון אין מיטען הימעל געשטאַנען. ער האָט זיך באַלד דערמאָהנט אָן אַלץ, וואָס מיט איהם איז פאָרגעקומען, האָט ער אַ וואָרף געטהון אַ בליק פול אימה אויפ'ן פּאַלאַץ, האָט גענומען זיין שטעקען אין דער האַנד, און איז אַנטלאָפען פון פּאַלאַץ ווייט־ווייט אין פעלד, אין וואַלד, אויפ'ן ברעג פון טייך. און אַלעס האָט דאַמאָלס אין דעם הערשער'ס אויגען אַנ'אַנדער אויסזעהן בעקומען: די בלומען האָבען זיך געשעפּטשעט, און דער הערשער האָט זייער שפּראַך

פֿערשטאַנען, די װינטעלעך האָבען גערעדט און דער הערשער האָט זײער רעדען פֿערשטאַנען, און די בלאָע לאַזור־װעלען האָבען פֿון גליק געחלומ'ט, און דער הערשער האָט אַזױ נאָהענט, אַזױ נאָהענט דעם חלום פֿאַר די אױגען געזעהען...

און דאַן האָבען זיך זײַנע ליפּען װידער געעפֿענט, און די ליפּען האָבען אַ האַרציגע תּפלה געשעפּטשעט...

צווישען פייערלעך.

אז ער איז געקומען אין די יאָהרען. ווען דער מענש פֿערלאָזט זיין פֿאָטער און מוטער און לאָזט זיך אין דער גרויסער וועלט אריין, זיין מזל אָבצוזוכען, האָט איהם זיין אַלטע באַבע ביים זעגענען־זיך אַ פֿאָדעם־קנויל איבערגעגעבען, און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט:

— אונזערע אַנ'עלטער־עלטער־באַבע האָט דעם פֿאָדעם גענשפונען, און ער געהט איבער בירושה פֿון דור צו דור, און ווער עס לאָזט זיך אַוועק אין דער גרויסער וועלט אריין, יענעם פֿיהרט ער אויף אַ גלייכען וועג... און זיכער איז ער, אַזוי ווי דער טויט... ווארום עס ליעגט אינ'ם פֿאָדעם־קנויל אַ צויבער־קראַפֿט פֿערבאָרגען... און געהן זאָלסטו, וואוהין ער וועט דיך פֿיהרען, טהו זיך ניט אָב פֿון איהם ניט אויף רעכטס ניט אויף לינקס, ווארום פֿול זענען די וועגען מיט שטרויכלונגען, און פֿון ביידע זייטען ליגען פֿינסטערע כוחות, און פֿערפֿיהרען די דורכגעהער אין זייערע נעצען.

דערנאָך האָט זי איהם איהרע ציטערענדע הענד צו'ן אַ ברכה אויפ'ן קאָפּ אַרויפגעלעגט, האָט איהם געגעבען אַ בינטעל עסענוואַרג אויפ'ן וועג, האָט פֿאַראויס דעם קנויל אויפ'ן ברייטען וועג געוואָרפֿען, דער קנויל האָט זיך לאַנגזאַם גענומען פֿאַנאַנדערוויקלען, און דער יונגער האָט זיך נאָכ'ן פֿאָדעם אַוועקגעצויגען.

געהט ער אַזוי מיט'ן ברייטען אויסגעטראָטענעם וועג נאָכ'ן פֿאָדעם, און די טריט זיינע ...

וועגווגגען זיבערע, און דער בליק זיינער איז אין דער וועלט אריין געוועגדעט, ווארום יונג איז ער געוועזען און מוטהיג — און דער וועג איז צווישען בלומען־בייטען געלעגען.

געהט ער א שעה און געהט שעה'ן, און איהם אנטקעגען קומט דער אוועגד. די זון האט געגומען פערשפרייטען אויפ'ן מערב איהר פורפור־מאנטעל אונטער דער גאלד־געשפריצטער חפה, דער טאג האט צוגעמאכט זיין ליכטיגע אויג — און דאן האבען זיך אנגעהויבען די נסיונות.

און דער ערשטער, וועמען ער האט בעגעגענט — אויף דער גרענעץ פון פעלד און וואלד איז עס געוועזען — איז געוועזען א יונגער מיט א ליכטיגען בליק, וואס האט איהם אנ'אומגעריכטע מתנה אנטקעגען געבראכט און האט דערביי געזאגט־ניט־געזאגט, געזונגען־ניט־געזונגען:

— ביי מיר איז שטיל... ביי מיר איז רוה... און א צויבער־שטעקעל ברענג איך דיר א מתנה אין דיין וועג, און א צויבער־ווארט א מתנה. און אז דו וועסט צוריק אין דיין היים וועלען קומען, זאלסטו מיט'ן צויבער־שטעקעל אין א בוים אנקלאפען, און דאס צויבער־ווארט זאלסטו זאגען, וועט דער וועג באלד צוריק פאר דיר זיינע ארעמס פאנאנדערעפענען...

און אויפ'ן אויער האט איהם דער אונבעקאנטער דאס צוי־בער־ווארט איינגערוימט.

און דער צווייטער, וועמען ער האט אויף זיין וועג בעגע־גענט, איז געוועזען אנ'אלטער מיט א ביינערדיגען פנים און אנ'אום־געלאשענעם בליק. פון א בית עולם מיט ווייסע מצבות איז ער איהם אנטקעגען ארויס, האט איהם אבגעשטעלט מיט א לייכטע בעוועגונג פון דער האנד און האט געזאגט:

— ביי מיר איז שטיל... ביי מיר איז רוה... און א צויבער־שטעקעל גיב איך דיר א מתנה אין דיין וועג. און א צויבער־ווארט א מתנה... און אז דו וועסט וועלען דיין אייביגען אברוה געפינען, זאלסטו מיט'ן שטיקעל אין א בוים אנקלאפען און דאס צויבער־ווארט זאלסטו זאגען, וועסטו אין איין הרף־עין דורכמאכען דעם גאנצען וועג, וואס דיר איז אנגעצייכענט, און איך וועל דיר באלד אנטקעגען קומען...

א ווינטעל האט פון ערגעץ געגעבען א ציה, האט א שאקעל

געטהון די טויטען-גראזען אויפ'ן בית-עולם, און די טויטען-גראזען האבען שטיל דאס ווארט אנגערופען, און דער וואנדערער האט דאס ווארט פערנומען.

ארגע — און די זעהונג איז פערשוואונדען. ביים וואנדערער אין האנד זענען צוויי צויבער-שטעקלעך געלעגען, און אין די אויערען האבען צוויי צויבער-ווערטער געקלונגען.

די שטרויכען האבען דערווייל געגומען ווערען געדיכטער און העכער, געדיכטער און העכער, און עס האט זיך אוועקגעצויגען א פינסטערער וואלד. דאן איז שוין א שטיק אין דער נאכט געוועזען, און דורך די געדיכטע צווייגען האט זיך קיין איין שטערענדעל ניט געזעהען. אבער דער פאדעם האט זיך קלאר און זיבער געצויגען צווישען די שטאמען און האט געבליצט מיט א שטאהלערנעם בלאסק, און דער וואנדערער געהט פארווערטס, פארווערטס, אבער פערוואונדערט איז ער געוועזען און צושראקען פון די אונערווארטעטע בעגעגענישען אויפ'ן וועג. אבער די פיס זיינע זענען שוין געוועזען מיעד, די כוחות אויסגעשעפט, און דאס ביסעל עסענווארג האט שוין געהאלטען ביים אויסגעהן — איז איהם טרויעריג געווארען אויפ'ן הארצען, און די ליכטיגע אויגען האבען זיך ווי מיט א וואלקען פערצויגען.

און ווי אלס אנ'ענטפער אויף זיינע געדאנקען האט ער פלוצלונג דערזעהען א פייערעל צווישען די בוימער. ער גיט א קעהר דעם קאפ אין צווייטען זייט — ווידער א פייערעל. און אז ער איז נאהענטער אונטערגעגאנגען, האט ער דערזעהען א סילועט פון א פאלאץ מיט העל-בעלויכטעטע קריסטאלענע שויבען פון איין זייט און א סילועט פון א פאלאץ מיט העל-בעלויכטעטע קריסטאלענע שויבען פון צווייטען זייט. און קלאנגען פון מוזיק האבען זיך פון ביידע זייטען צו זיין אויער דערטראגען. פערשידען זענען געוועזען די פאלאצען און פערשידען די פייערען, און זיי זענען געוועזען איינער שענער פאר'ן אנדערען, איינער העלער פאר'ן אנדערען, און די קלאנגען זענען געוועזען הארץ-פערכאפענדע, פערפיהרענדע. דער וואנדערער קוקט אויפ'ן פאדעם, און זיין בליק דריקט אויס א פראגע, אזוי ווי ער וואלט ביי זיין וועג-פיה-

דער אַנ'ענטפֿער אויף די אַלע רעטענישען װאָלען, אָבער דער פֿאַרדעם ציהט זיך װײַטער, װײַטער...

גרױס איז געװעזען דער נסיון, און דער װאַנדרער איז װי אַ פֿערשטײנערטער אויף זײַן אָרט געבליבען שטעהן. די געדאַנקען זײַנע האָבען זיך אין זײַער טראַכטען אָבגעשטעלט, דאָס הארץ האָט אין איהם אַזוי װי אַ האַמער געקלאַפּט, און אַ זיסע מידיגקײט האָט זיך איבער אַלע זײַנע גלידער צוגאָסען... און דאַן האָט ער זיך אָן דער באַבען פֿערגעסען, און אָן פֿאַרדעם-קנױל פֿערגעסען, און די פֿיס זײַנע האָבען זיך אַ קעהר געטהון צו אײַנעם פֿון די פּאַלאַצען.

דער פֿאַרדעם-קנױל איז דאַן שױן פֿונ'ם אױג געװעסט פֿערשװאונדען.

אַ קעניגליכער פּאַלאַץ. בײַ די רײַך-בעפּוצטע טישען זיצען די אײַנגעלאַדענע געסט, אויף אַ גאָלדענעם שטוהל זיצט די פּרינצעסין די כּלה, און מען װאַרט אויפ'ן פּרינץ. די אױגען האָבען געפֿינקעלט, די באַקען זיך גערױטעלט. און די װײַנען זענען נאָך אונבעריהרטע אין די באָקאַלען געשטאַנען, אָבער די פּרינצעסין זיצט אַ טרױעריגע, און עס קלאַפּט אין איהר דאָס הארץ. װער װעט איהר בעשערטער זײַן? אָבער קײנער מערקט עס ניט, און קײנער װײסט עס ניט. און אַלע װענדען אין ערװאַרטונג זײַערע בליקען צו דער טיר.

און הינטער דער טהיר שטעהט דער װאַנדרער, און זײַן האַנד אויף דער טיר, און זײַן בליק איז פֿול צװײפֿעל צום צװײטען פּאַלאַץ געװענדעט. און אין הארץ האָט איהם געגעבען אַ צופּ. אַזוי װי ער װאָלט זיך מיט עמיצען אַ גוט-בעקאַנטען אויף אײביג געזעגענט: „צו האָט ער זיך אַמאָל אינ'ם אױסקלײַבען ניט טועה געװעזען?" אַ צופּ אין הארץ, אַ קלאַפּ אין טיר — און אַ שװערע אײַזערנע טיר האָט זיך פֿאַר איהם ברײט פֿאַנאַנדערגעעפֿענט.

— דער פּרינץ! דער פּרינץ! — האָבען איהם פֿרעהליך בעגעגענט די געסט און האָבען איהם אַנטקעגען זײַערע פֿולע באָקאַלען אױפֿגעהױבען און האָבען איהם אונטערגעפֿיהרט צו דער

פּרינצעסין. די פּרינצעסין האָט איהם מיט אַ שמייכעל בעגעגענט און האָט איהם אויפין לעדיגען אָרט פון איהר רעכטער האַנד בעוויזען —

שוימענדיגער האָבּען זיך די וויינען גענומען גיסען, הילכיגער זענען געוואָרען די קלאַנגען און קאָפּדרעהענדיגער די טענץ—מען האָט דעם פּרינץ מיט דער פּרינצעסין צו דער חפּה געפיהרט —

שטילער ווערען די פידלען און שטילער די פלייטען. די רייהען פון די געסט ווערען שיטערער, די לאָמפּען טונקעלער... די לעצטע פידעל־סטרונע שפּיעלט איהר געזעגען־ליעד און פערגעהט אין אַ שטילע גסיסה — זיסע, זיסע. און אַז דער פּרינץ איז אַביסעל צו זיך געקומען, איז ער שוין איינער אַליין מיט דער פּרינצעסין אין פּאַלאַץ געוועזען, און דער פּאַלאַץ איז אין אַ מאַט־ראָזען שיין געוועזען איינגעהילט.

לאַנגזאַם האָט זיך די צייט אינ'ם פּאַלאַץ געצויגען, שטיל איז געוועזען אַרום און רוהיג, און אַ פּאַרק האָט זיך געצויגען אַרום פּאַלאַץ, זענען דאָרט די שענסטע בלומען געוואַקסען און אין די שטרויכען האָבען די שענסטע זינג־פויגעל געהאַט זייער נעסט און אויף הויכע שטאַנגען זענען ווי שטיקער זון געהאַנגען און האָבען ליכטיג געמאַכט דעם פּאַלאַץ און אַלץ, וואָס אַרום איהם.

פלעגט דער פּרינץ מיט דער פּרינצעסין אָפט דעם פּאַרק בעזוכען, און זיי פלעגען איינזאַפּען אין זיך די זיסע ריחות, און די אויערען פלעגען די שענע מעלאָדיעס איינזאַפּען, אָבער וואָס דופּטענדער און הילכיגער עס איז געוועזען אַרום, דאָס שווייגענדיגער און בענקענדיגער פלעגט ווערען דער פּרינץ.

האָט איהם איינמאָל די פּרינצעסין טיעף אין די אויגען אַריינגעקוקט און געזאָגט:

— ליעבער, פרעמד איז מיר דער בלאַסק פון דיינע אויגען... און דיין בליק איז מיר פרעמד... זאָג, וואָס האָסטו געזעהען, איידער דו ביזט אין מיין פּאַלאַץ געקומען?

— נאָך אַ פּאַלאַץ — האָט ער געענטפערט: — און די שויבען זיינע זענען געווען קריסטאָלענע, און דאָס שיינען אַ צוי־בערדיבעס.

האָט זי אַ ציטער געטהון מיט אַלע איהרע גליעדער און האָט געזאָגט:

— דער וואלד האָט מיט דיר זײַן שפּאס געטריבען, און האָט דיר די אויגען מיט זײַן צויבער פערבלענדעט. גיב מיר דײַנע אויגען, איך וועל אויסזויגען פון זײ דעם פרעמדען פײַער, דעם פרעמדען בלאסק... קום אין מײַנע אָרעמס!

זי האָט איהם די אויגען מיט איהרע ליליען־הענד צוגע־דעקט, און האָט איהם אויפ'ן אויער געשעפּטשעט:

— פערגעס עס, פערטרײַב עס, פערשטויס עס, וואָרום מײַן פּאלאַץ איז דער אײַנציגער אין וואלד, און איך בין די אײַנציגע פּרינצעסין אין וואלד.

אָבער וואס מעהרער זי האָט דעם שײַן פון זײַנע אויגען גע־זויגען, דאס העלער האָט זיך אין זײ דער פרעמדער פײַער צו־פלאַקערט, דאס אָפטער פלעגט ער אַ פערטראַכטער איבער'ן פּארק ארומבלאָנדזשען, און די אויגען זײַנע האָבען געברענט, ווי צוויי פּאַקעלען. אָבער יעדען מאָל פלעגט איהם די פּרינצעסין ערגעץ בײַם פּארקאַן אַ פערטראַכטען געפינען און פלעגט איהם צוריק אין פּאלאַץ, אַזוי ווי אַ געפאַנגענעם פיהרען.

פריה איז געווען. די פּרינצעסין האָט נאָך איהר זיסען שלאָף און איהר בעט געשלאָפען, אָדער דער פּרינץ איז שוין לאַנג אין פּארק בײַם וואסער געשטאַנען און האָט אויף די ווײַסע שוואַנען געקוקט, און אויף די הויכע בוימער הינטער'ן פּארקאַן, ווי זײ האָבען זיך מעכטיג צום הימעל געצויגען און האָבען דעם הימעל פערשטעלט. אָבער דער פּארקאַן איז געווען הויך און מיט שטעכעדיגע דראָטען פערצויגען, און בײַם ארויסגאַנג איז אַ בלווזער בלישטשענדיגער שווערד געהאַנגען, און האָט דעם ארויס־גאַנג פערשטעלט.

איז דער פּרינץ ארומגעגאַנגען, אַזוי ווי אין חלום אַ פער־זונקענער, און זײַן בענקעניש איז געווען גרויס.

איז נאָך אַמאָל דער פערפיהרענדער נסיון אַ גרײַטער צו העלפען איהם אנטקעגען געקומען — אַ מעכטיגער אָדלער האָט זיך אויף זײַן וועג אראָבגעלאָזט.

— איך בין גרייט דיר צו העלפען — האט דער אדלער געזאגט: — און קליין איז מיין געצאהלט.

— וואס דו ווערסט בעפאהלען, אדלער — האט זיך אב־געריפען דער דערפרעהטער פרינץ.

און דער אדלער האט געזאגט:

— צוויי צויבער־שטעקלעך האסטו א מתנה בעקומען אין דיין וועג, וועסטו מיר די צויבער־שטעקלעך פאר דיין בעפרייהונג אוועקגעבען.

האט זיך דער פרינץ פערטראכט א ווייל און געענטפערט:

— גוט, אדלער, דו בעקומסט זיי.

— איצט קום אויף מיינע פליגעל — האט דער אדלער זיינע פליגעל פאנאנדער געשפרייט.

און אז די פרינצעסין האט זיך יענעם מאל פון איהר שלאף אויפגעכאפט, איז דער פרעמדער שוין לאנג הינטער'ן פארקאן געוועזען.

אז דער וואנדערער איז צוריק אין וואלד אריין געקומען, האט ער דערשפירט אין זיך א קוואל נייע פרישע כוחות, און זיין ברוסט האט פריי אבגעאטהעמט, און זיינע אויגען האבען א פייערעל פון וויטען דערזעהען.

„דער פאלאץ", האט ער טראכט געטהון, און מיט פלינקע זיבערע טריט האט ער זיך צום פאלאץ געלאזט געהן. אבער מערקווירדיג — ער גיט נאך אמאל א הויב דעם קאפ, דאס פיי־ערעל איז אין א צווייטען זייט איבערגעשפרונגען.

וואס זאל עס בעדייטען? טראכט דער וואנדערער, און איז שוין גרייט זיינע טריט אין צווייטען זייט צו ווענדען. דערזעהט ער פלוצלונג א צווייטען פייערעל, א דריטען — א סך פייערלעך האבען צו איהם פון פערשידענע ווינקלען אין וואלד געוואונקען, און די פייערעלעך האבען זיך דא אויסגעלאשען, דא ווידער זיך אנגעצונדען, און האבען יעדען מאל זייערע קאלירען געביטען.

שטעהט דער וואנדערער א צוטומעלטער און קוקט אויפ'ן וואונדערבארען פייער־שפיעל, און עס דאכט זיך איהם, אז דאס האבען זיך טויזענדער פייערלעך פערקליבען אין וואלד אריין.

און טאַנצען זײַער פֿיעל־פֿאַרבּיגען פֿײַער־טאַנץ, און דאָ דאַכט זיך איהם, אַז דאָס איז נאָר איין פֿײַער, יענער, וואָס ער האָט פֿערלאָזען, און ער שפּיגעלט זיך אָב, אַזוי ווי אין אַ מענגע שפּיגלען וואָס זענען צוהאַנגען ערגעץ אין די שטרויכען, אין די צווײַגען. און צו וועלכען פֿײַערעל ער האָט געגעהנען ניט געוואָלט, האָט זיך יעדערעס אָדער אויסגעלאָשען, אָדער אַנטלאָפֿען פֿאַר ווערשטען, פֿאַר מײַלען...

האָט ער זיך דאַמאָלס דערמאָנט אָן דעם, וואָס ער האָט אַמאָל אין די קינדער־יאָהרען געהערט, האָט שוין עס אָבער לאַנג געוועסט פֿערגעסען, און דאָס האַרץ האָט אין איהם אָנגעהויבּע צו קלאַפּען.

— בּלאָנדזשענדע פֿײַערלעך! — האָבען זײַנע ציטערענדע ליפּען געשעפּטשעט.

די שאָרבען אין וואלד זענען געוואָרען רוישיגער, די קלאַנגען הילכיגער. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אַ ים, וואָס האָט זיך צורוישט ערגעץ אין דער ווײַט, און עס האָט בּעגלעט זײַן אויער, אַזוי ווי אַ וויעג־ליעד, אַזוי ווי אַ ליעבּע־ליעד,

„פֿערפֿיהרט האָבען דיך די פֿײַערלעך, פֿונ'ם פּאַלאַץ פֿערפֿיהרט, און עס וואַרט אויף דיר די פּרינצעסין, און עס וואַרטען די געסט, און די ווײַנען זענען אין די בּאָקאַלען ניט געריהרט: און צוריק זאָלסטו קומען, צוריק זאָלסטו קומען"...

ווער איז עס, וואָס שעפּטשעט איהם די שטילע טרײַסטווערטער אויפ'ן אויער? אַרום איז פֿינסטער און קיינער איז דערבּײַ ניטאָ. צו איז עס אַמאָל ניט זײַן אייגען האַרץ, וואָס פֿלאַטערט, אַזוי ווי אַ געפֿאַנגענער פֿויגעל, אין זײַן בּרוסט?

און ער ווענדעט אויף צוריק זײַן אויסגעוועהטאָגטען בּליק. אָבער הינטער איהם איז נאָך פֿינסטערער געוועזען, און די בּוימער זענען הינטער איהם ווי אַ וואַנד געשטאַנען און האָבען פֿערשטעלט דעם וועג אויף צוריק, און אַפֿריהער איז דער וועג צווישען דערנער געלעגען.

איז ער געזעסען אויף אַ שטיין צווישען די געדיכטע שטאַמען, און זײַן האַרץ איז פֿול געוועזען מיט יאוש, און מיעד איז

ער געוועזען, מיעד, און הונגעריג און דאָרשטיג, און זײַן פּנים האָט ער אין די הענד בעהאַלטען...

דאַן האָט ער זיך דערמאָהנט אָן דעם יונגען, וואָס האָט איהם דעם צויבער-שטעקעל פֿון לעבען אַ מתּנה געגעבען — האָט ער אָבער דעם צויבער-שטעקעל פֿאַר זײַן בעפֿרײַהונג אוועקגעגעבען.

און ער האָט זיך דערמאָהנט אָן דעם אַלטען, וואָס האָט איהם דעם צויבער-שטעקעל פֿון טויט אַ מתּנה געגעבען—האָט ער אָבער דעם צויבער-שטעקעל פֿאַר זײַן בעפֿרײַהונג אוועקגעגעבען.

און צוויי צויבער-ווערטער האָבען איהם אין די אויערען גע-קלונגען, אָבער די ווערטער זענען אָהנמעכטיגע, טויטע געוועזען.

איז ער געזעסען אויף'ן שטײַן צווישען די גערילטע שטאַמען פֿון וואַלד און זײַן הארץ איז פֿול געוועזען מיט יאוש, און לאַנג איז ער אַזוי געזעסען, און די פֿײַערלעך האָבען פֿאַר זײַנע אויגען זייער אונענדליכען פֿײַער-טאַנץ געטאַנצט. ביז ער האָט דערפֿיהלט אַ לײַכטען ריהר פֿון עמיצענס אַ האַנד אויף זײַן קאָפּ. ער גיט אַ הויב די אויגען — אַ שען פרויען-געשטאַלט שטעהט פֿאַר איהם און האַלט אַ פּעקעל אין דער האַנד:

— איך בין די אומרוהיגקײַט... איך בין דער שטורעם...

און מײַן נאָמען איז — די האָפֿענונג. און אַ פּאַקעל גיב איך דיר אַ מתּנה אין דײַן וועג... שטעה אויף און געה אַנטקעגען דעם פֿאָדעם-קנויל, וואָס וועט דיך צוריק אויף זיכערע וועגען אַרויס-פֿיהרען, וואָרום עס הענגט דער פֿאָדעם-קנויל אויף אַ בוים אינ׳ם וואַלד, אויף אַ צווײַג פֿון אַ בוים, אויף אַ ריטעל פֿון אַ צווײַג...

און די זעהונג איז פֿערשוואונדען.

בײַם וואַנדערער אין די הענד האָט אַ פֿאַקעל געברענט, און דער פֿײַער האָט זיך בײַ איהם אין די אויגען אָבגעשפּיגעלט.

אַ געהײמע קראַפֿט האָט איהם צוריק פֿון זײַן אָרט אויפֿגע-הויבען און ער האָט זיך ווידער געלאָזט אין דאָרנדיגען וועג אַרײַן, דעם פֿערלאָרענעם פֿאָדעם-קנויל אָבצוזוכען.

און אַזוי וואַנדעלט אום דער פֿער'יאוש'טער פּרינץ איבער'ן וואַלד מיט דעם פֿאַקעל אין דער האַנד און זוכט עפּיס פֿער'יאוש'ט און פֿערבענקט, און צוריק קומען קאָן ער ניט, און קײן אַרויסגאַנג

האָט ער ניט, און די אַלטע לײַט פֿונ'ם ישוב, וואָס ציהט זיך געבען וואַלד פֿון יענער זײַט צויבער־קרײַז, ווײַסען צו דערצעהלען אַ סך וואונדערליכע מעשיות פֿון דעם יונגען וואַנדערער, וואָס האָט זיך פֿון זײַן צויבער־קנייל אָבגעטהון און איז אַנ'אײַביגער בלאָנדזשער צווישען די בלאָנזשענדיגע פֿײַערלעך געוואָרען...

אַנ'אוצר אין דער יודישער ליטעראַטור!

די פילאָזאָפיע וואס זי איז און ווי זי האט זיך ענטוויקעלט

פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי.

די געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע איז אין דער זעלביגער צייט אויך די געשיכטע פון דעם מענשליכען דענקען און פערשטעהן, און פערנעהמט דעם וויכטיגסטען פלאַץ אין דער ליטעראַטור פון יעדען פאָלק. אין דער געשיכטע ווערן קלאָר און אויספיהרליך געשילדערט אלע פאַזיסען פון דעם מענשליכען געדאַנק און די אלע עטאַפען, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין דעם פערלויף פון די טויזענדער יאָהרען, זינט דער מענשליכער גייסט האָט אָנגעהויבען צו אַרבייטען, זינט דער מענש האָט אָנגעהויבען אַ פתרון צו זוכען צו די אייביגע פּראָבלעמען פון וועלט, מענש, מאָראַל א. א. וו. אזעלכע ווערק מאַכען טיעפער דעם פערשטאַנד, ווייטער דעם בליק און ברייטער דעם אומפאַסונגס-קרייז פונ'ם לעזער, און דינען אלס רייכען און שענעם לעזע-מאַטעריאַל פאַר יעדען אינטעליגענטען און דענקענדען מענשען.

דעם דאָזיגען רייכען מאַטעריאַל וועט דער אידישער לעזער איצט געפינען אין דער „פילאָזאָפיע" פון ד"ר זשיטלאָווסקי, וועלכע איז נישט נאָר די ערשטע אין אונזער ליטעראַטור, נאָר אויך די איינציגע אין איהר אַרט. אליין אַ געלעהרטער מיט אַ שענער פערגאַנגענהייט אויף דעם געביט און דערצו אויך אַ גלענצענדער סטיליסט און אַ יודישער שפּראַך-קינסטלער אינ'ם פולען זין פון די ווערטער, האָט זשיטלאָווסקי בעוויזען דאָס גאַנצע ווערק אַזוי אָנציהענד און אינטערעסאַנט צו מאַכען, אז יעדערער קען עס לעזען, אָהן אַ שום אַנשטרענגונג און אויף דעם לייכטסטען אופן זיך ערווערבען אַ אוצר פון וויסען און פון אינטעליגענץ.

ביז אַהער זענען ערשיענען די פאָלגענדע העפטען:

ערשטער פעריאָד: 1—4 די פריעע פילאָסאָפיע אין גריכענלאַנד.

צווייטער פעריאָד: 5.— פילא און די רעליגיעזע פילאָסאָפיע ביז צום סוף מיטעלאַלטער.

דריטער פעריאָד: 6.— די ווידעראויפלעבונגס-פילאָסאָפיע.

פערטער פעריאָד: 7—9 די נייע פילאָסאָפיע ביז קאַנט.

פינפטער פעריאָד: 10—11 קאַנט און די דייטשע מעטאַפיזיקער.

זעקסטער פעריאָד: 12—17 די מאָדערנע סיסטעמען.

זיעבענטער פעריאָד: 18—20 די נעגענוואַרט.

דאָס גאַנצע ווערק (אַרום 700 זייטען) ערשיינט אין 20 זעלבסטשטענדיגע טהיילען.

פרייז פון יעדער טהייל 16 קאָפּ.

[illegible]

משה טייטש.

שריפטען

3־טער באַנד.

לידער.

פֿערלאַג
וועלט־ביבליאָטעק

וואַרשא
תר״ע.

Соч. М. ТАЙЧА.

Тип. и Лит. Х. Кельтера, ул. Новолипье № 11, въ Варшавѣ.

ליטא.

בארג ארויף, בארג אראב — אויף ווערסטען, אויף מיילען
עס שלעפט זיך א פוהרעל, עס סקריפעט אנ'אַקס;
פעראומערטע קוקען די מאגערע תבואות,
עס שמייכעלט צו ביטער דער שיטערער פלאַקס.

עס ציהען זיך גריקעס — ווי נידעריג, ארים:
שוין צייט באלד צו שניידען, נאר ס'קעפעל איז פוסט —
און איבער די מעזשעס פערדארטע זיך ציהען
א רייהע געוועקסען — האלב גראָז און האלב=קוסט.

און ווייטער און ווייטער... דארט פליסט שטיל די ווילִיע,
די ליטווישע מאמע צום ניעמאן זיך ציהט,
זי ברענגט א מתנה די פישער איהר אייגענס
און טראגט אין די ארעמס א פליט נאך א פליט.

און פאַזע די ברעגען צעווארפענע שטעהען
פיעל ארימע הייזלעך, געדעקטע מיט שטרוי,
און ס'קוקט מיט א נאגענדען טרויער אין וואסער
פון אויבען דער הימעל, פערוואלקענט און גרוי.

און ס'ארבייט דער פויער פון סאמע בעגינען
אין פרוכטלאזען פעלד, אויף די טרוקענע זעמד:
בילדער פון ליטא, פון ארימען היימאט,
ווי לעבעדיג שטעהט איהר פאר מיר אין דער פרעמד!

דער דיכטער.

מוטער־ערד און טיפער הימעל
טוליען ביידע זיך צוזאמען,
און זיי בלייבען שטיל, פערטראכט:
איבען נאכט און אונטען נאכט.

און עס ליעגט די וועלט פערצויבערט,
ווי אין ארעמס פון חלומות,
נאר איך איינער וואַך און האָרך
ערד און הימעל׳ס יעדען שאָרך:

ווי עס וועבען זיך די שטראהלען
פאר׳ן ליכטיגערען מארגען,
און זיי שאפען אין דער שטיל
נייעם לעבען, ניי געפיהל.

און די אלע נייע קלאנגען,
וואס ענטפלעקען זיך מיין אויער
זויג איך איין מיט הייסער לוסט
אין מיין יונגע טיעפע ברוסט.

און ווי נאר עס הויבט אן טאגען
דאן פערטרוי איך גאס און הייזער,
וואס עס האבען ביי דער נאכט
ערד און הימעל אויסגעטראכט...

בײ נאַכט.

I

אַלע קלאַנגען אָבגעשטאָרבען,
שטאָדט און דאָרף איז אײנגעשלאָפען...
ערד און הימעל, װי געליעבטע,
האָבען זיך אין פעלד געטראָפען.

און זײ טוליען זיך צוזאַמען
אין די גראָבענס, אויף די בײטען
אונטער זײד'נעם צויבער=שלײער
מיט די זילבער=װײסע קװײטען.

און די נאַכט אין קרוין פון מאַנד=שײן
בלאַנדזשעט אום אין װאַלד אין שװאַרצען,
זוכט דאָרט װעמען ביז בעגינען
מיט אַ פלאַטערענדען האַרצען...

שאַ, אין מזרח פאַלט אַ שטערען —
אַ גערוס פון גאָט, פון אויבען,
ס'פליהען גערוסען ביז בעגינען,
װי די שטילע װײסע טויבען...

II

און דאמאלס קומט פאר א געהיימנים אין הימעל...
דער מלאך־ממונה מיט זילבערנע פליגעל,
וואס וואַכט טאג און נאַכט ביי דעם הימעלשען טויער,
רוקט אָב מיט זיין האנד דעם גינגאָלדענעם ריגעל

און עפענט דעם ליכטיגען טויער פאַנאַנדער...
ס'פליהט דורך אַ בעפליגעלטעס צויבער־שיף אויבען,
א שווארצעס, מיט טויזענדער שטערען בעשאָטען,
מיט שיינענדע פענסטער, קריסטאלענע שויבען.

דאס שיף האלט זיין וועג גלייך אראָב, אין דער ניעדער,
און קומט אויף א וויסטע, נאָך נים קיין ענטדעקטע,
און שטעלט זיך דאָרט אָב... פון שיף געהט ארויס דאַן
אַ מחנה מלאכים, ווי שניי אונבעפלעקטע.

זיי זענען, געשיקטע פון גאָט, אין א שליחות
געהיימע געקומען... און שטילע, אהן ווערטער,
צוגעהען זיי באלד זיך, ווי זילבערנע שאָטענס,
אין אלע בעוואָהנטע, בעזעסענע ערטער.

און וואו נאר אַ שפעלטעל, און וואו נאָר אַ טירעל —
זיי קוקען אריין אומעטום און זיי האָרכען,
און ציהען ארויף אויף אַ זיידענעם פאָדעם,
אזוי ווי שניר פערעל, די קלאַנגען, די שאָרכען.

און ס׳געהט אין דער נאכט קיין איין שאָרך ניט פערלאָרען.
ווען ס׳הויבט אָן אין מזרח גאָט׳ס אָטהעם צו ציהען,
דאַן קומען זיך ווידער צונויף אויף דער וויספע
צום שיף די מלאכים — אין הימעל צו פליהען.

און ס׳זעהט יעדעס מאָל דער פערשפעטיגטער וואנדערער,
עס טראָגט זיך פאר־טאָג דורך א שיף פאר די אויגען,
פערשווינדט ווי אַ שאָטען, און ס׳בלייבט אין דער לופט נאָך
אַ זילבערנער פאָס מיט אַ בלאָהקייט פערצויגען...

און ווען עס הויבט אָן שטיל צו טאָגען, דאן שטעהען
שוין לאַנג די מלאכים פאר גאָט און פערצעהלען
די ערדישע סודות—זיי זענען די עדות:
קיין זאַך בלייבט פון גאָט אויף דער ערד ניט פערהוילען,

און אויב ס׳זענען פרעהליכע, גוטע די בשורות,
דאן שיקט גאָט אַ טאָג אונז אַ ליכטיגען, שענעם,
עס זינגען די פויגעל, די טייכען זיך שפּיגלען,
די זון שטעהט און שמייכעלט אין הימעל אין ריינעם.

נאָר אויב ס׳זענען שלעכטע די בשורות געבראַכטע,
ווערט טריעב דאַן גאָט׳ס בליק און מיט טרעהרען פערלאָפען,
עס גיסט אַ שלאַגם־רעגען, און אומרוהיג קלאַפּען
ביז אָוועגד אין שויב בייזע ווינדען פון צפון...

פריהלינג.

I

ווי די שלאַנקע וואַסערפאַלען,
מיט א כאָר פון פריהלינגס־ליעדער
פליסען שטראָמען פון די בערגער
מונטער, פרעהליך אין דער ניעדער;

און עס שווימט די זון פון אויבען
נאָך א בענקענדע, א טריעבע,
און זי שרייבט מיט גינגאָלד־אותיות
צו דער ערד א בריעף פול ליעבע,

און צעווארפט איהם וואו א בלעטעל
אויף דער טריקעניש און וואַסער:
וואו דו קעהרסט זיך הענגען שטראַהלען —
דאָרט א העלער, דאָ א בלאַסער.

ס'קומען פויגעל פון דער ווייטען,
כאַפּען אונטער באלד די סודות
און צוטראָגען זיי, צוקלינגען
פאר א גאנצע וועלט מיט עדות...

און די ערד דערהערט די קלאַנגען,
גיט די ברוסט אין איהר א ציטער:
פול ענטציקען וואַרט זי היימליך
אויף דעם ערשטען מאַי־געוויטער!

II

האבען ווינדען, האבען שטראַהלען
לאנג צושטערט די ווינטער=צוימען:
הינטער פענסטער בליהט דער מאַי=בוים
און אין האַרצען פריהלינגס=טרוימען.

און עס פאלען פונ׳ם הימעל
הויפענסווייז די העלסטע פאַרבען,
און צולעגען זיך אויף דעכער,
ווי די גינגאָלדענע גאַרבען.

און די פויגעל זינגען שירה
און די בלעטער שמייכלען, גריגען,
און עס שפּיגעלט זיך דער פריהלינג
פון בעגינען ביז בעגינען.

III

כ׳קום צו אייך פון ברייטע פעלדער
מיט די פריינדליכסטע גערוסען :
די פערליעבטע זון פון פריהלינג
האָט געשיקט אייך הייסע קוסען ,

און דער וואַלד אַ סאָסנע־ריח ,
און די לאָנקע פרישע בלומען ,
און דער פריהלינג האָט פערבעטען :
איהר זאלט קומען, איהר זאלט קומען...

IV

דער הימעל בלאָה, דער הימעל ריין,
עס גלאַנצט די זון, עס שיינט גאָט'ס קרוין,
און רוהיג, שטיל בעוועגט זיך קוים
וואו נור א גרעזעל, נור א בוים.

די ערד איז גרוים, די ערד איז גרוים,
זי רופט אין פעלד צו זיך אין שוים...
פער'כשופ'ט שטעהט ווי אין א טרוים
וואו נור א גרעזעל, נור א בוים.

אין פעלד, אין פעלד! דאָרט פראַנק און פריי
שפּאַציערט ארום דער ליעבער מאַי,
דער מאַי בעשפריצט מיט ווייסען שוים
וואו נור א גרעזעל, נור א בוים.

V

ווי פון הימעל א שליח ,
ברענגט דער ווינד א וואָלקען וואַסער ,
און איז גלייך בעשפּריצען גרייט
וואו א לאָנקע , וואו א ביים .

און עס פאלען פרישע , ריינע
טראָפּענס וואַסער פון גאָט׳ס ברונען :
ס׳טרינקט די ערד , די ערד זויגט איין
דעם געבענשטען גאָטעס וויין .

ס׳גיט אַ בליץ , עס גיט א דונער —
אנ׳ערשטער בליץ , א יונגער דונער —
מאַך א ברכה , מענש ! דאָס האָט
א פריהלינגס־גרוס געשיקט אונז גאָט . . .

VI

איינגעהילט אין תכלת־מאנטעל,
מיט א גאָלדענער עטרה,
שטעהט דער פריהלינג אין די פעלדער
און איז מקריב טויען קלאָרע.

און ער איז צו גאָט מתפלל
אין די הויכע בוימער־שפּיצען
אויף דעם לשון פון די דונערס
און די יונגע שלאַנקע בליצען;

און ער ווערט ערפילט מיט ליעבע,
דער געטרייער, גוטער פריהלינג,
און ער האַלזט מיט גרינע אָרעמס
ערד און הימעל, ווי איין צווילינג.

און ער בענשט זיי, און ער שענקט זיי
זיין אונצעהליגען פערמעגענס:
האָניג־טוי און גאָלדענע שטראַהלען
מיט מאַיאָווע שטילע רעגענס...

VII

טילי=טילי — פונקט ווי גלעקלעך ,
ווי די זילבער=העלע גלעקלעך
קלינגט אין פעלד פון פריה ביז נאַכט :
עמיץ פרעהט זיך , עמיץ לאַכט .

טילי=טילי — ביהנען זשומען
און זיי פראַוועך האָניג=יום=טוב
אָנגעזאַפּט מיט פריהלינגס=לוסט —
אויף דער לאָנקעס בלומען=ברוסט .

טילי=טילי — פויגעל פליהען
און זיי ווינקען , און זיי רופען :
העכער , העכער — טי=לי=לי ,
שפרייטאוים פליגעל , מענש , און פליה!

* *

*

אין א קליינעם אַלטען שטיבעל
האָט געוואָהנט א האַרציג מעדעל;
ענג און קעלטליך איז דאס שטיבעל,
אָבגעניצט דאָס שוואַרצע קליידעל.

און פון ברויט איז ניט א צייכען:
הונגער האט דאס קינד געליטען,
נאר די ביכער וואָלט זי קיינמאָל
אויף קיין ברויט ניט אויסגעביטען.

פון דער פריה ביז שפעט אין אָוועבד
איבער ביכער פלעגט זי זיצען
אין די גרעסטע קעלטען ווינטער,
זומער אין די גרעסטע היצען.

און געוואוסט פון דעם האט קיינער...
שפעט אין אָוונד, ווען פערשלאָסען
פלעגען ווערען טהיר און טויער,
און די לאָמפען אויסגעלאָשען, —

פלעג איך איילען צו דעם שטיבעל
מיט א קלאַפּענדיגען האַרצען,
מיט א שמייכעל פלעגט בעגעגנען
מיך דאס מעדעלע אין שוואַרצען —

און בײם שײן פֿון איהרע הײסע
אויגען־שטערען, הימעל־פֿונקען
פֿלעג איך לאַנגע שטילע שעה'ן,
װי אין חלום זײן פֿערזונקען. —

און געװאוסט פֿון דעם האָט קײנער,
אויסער װינטעל, נאַכט און שטערען,
װעלכע פֿלעגען ביז בעגינען
עטװאָס האָרכען, עטװאָס הערען...

אין שטאָדט־גאָרטען.

I

נאך הויל איז דער גאָרטען און אַש־גראָה די בייטען
און דורכזיכטיג זענען די קעפּ פון די בוימער,
נאר ס׳מאַכען שוין אָרדנונג די זעג און דאס רידעל,
און ס׳פּאַדעט אַרום ביי די קלומבעס דער שומר.

און ס׳געהט שוין דאס יונגוואַרג אין לייכטערע קליידער —
און ס׳קוקט פונ׳ם הימעל די זון מיט אַ שמייכעל,
ווי ס׳איילען די מענשען צו מאַכען זיך פריהלינג
מיט איינענע נאַנגען און אייגענעם שכל.

II

אויף די זוניגע אַלעען
דאָרט אין צווייען, דאָ אין דרייען
יאָגען קינדער זיך נאָך קינדער,
שפּילען זיך אין שפּילערייען.

און דעם שומר אויף להכעיס
דראַפּען זיך אויף בוים און דראָטען:
אויף די בעקלעך בליהען רויזען,
אין די אויגלעך ליכט און שאָטען.

און עס קוקט די זון פון אויבען
אויף די קינדער מיט אַ שמייכעל:
אינ׳ם זכות פון קליינע קינדער
איז זי אַלץ די גרויסע מוחל...

* *
*

און דיין קינדיש לאַבען
מיט דיין זיסען שמייכעל
האָבען ווי אַ שטויבעל,
ווי אַ שטויב פערטראָגען
מיין פערשטאַנד, מיין שכל;

און ביי מיר איז האַרצען
האָבען דיינע אויגען, —
דיינע מילדע אויגען,
צויבער-דינע פעדעם —
סטרונעס אָנגעצויגען.

און דו וואַרפסט אויף מיר נאָר
דיינע שטילע בליקען, —
שפיעלען באַלד די סטרונעס
פון מיין גרויסען וועהטאָג,
פון מיין גרוים ענטציקען...

און די אַלע ליעדער,
וועלכע פליסען, שוימען,
זינגען דיר נאָר איינער,
מיין געליעבטעס מעדעל,
קרוין פון מיינע טרוימען!

און זיי פלעכטען ריימען
פון דיין יעדען גליעד, —
אָ, דו ביזט די שענסטע,
קלינגענדיגסטע שורה
אין מיין לעבענס-ליעד!...

---

* *
*

זינג, מיין שוועסטער, דיינע לידער:
דיינע לידער וועקן ווידער
אין די תהומות פֿון מיין זעלע
די פֿערשטומטע זילבער-קוועלע.

זינג, מיין שוועסטער, דיינע לידער:
דיינע לידער—וואַרפֿען נידער
מיינע אַלע פוסטע זאָרגען
פֿאַר דעם היינט און פֿאַר דעם מאָרגען.

זינג, מיין שוועסטער... דיינע טענער
מאָהלען מיר דאָס לעבען שענער.
דיינע טענער וועקן ווידער
מיינע אַלטע-אַלטע לידער...

* *

ביזט צו מיר געקומען נעכטען
אין דער פֿינסטער, האַלבע נאַכט,
און האָסט מיט זיך דעם פֿריהמאָרגען
אין די אָרעמס מיר געבראַכט.

ביזט אַוועק, האָט שוין די זון לאַנג
פֿאַר דער וועלט דעם טאָג געבראַכט,
נאָר פֿאַר מיר האָט זיך פֿערצויגען
אַ שטאָק־פֿינסטערניש, אַ נאַכט.

* *
*

1.

ביזט אַ בלום, וואָס איז ערצויגען
אויף די פרייע דרום-ביטען:
דיינע מילדע אויגען טרוימען,
ווי בעטויעטע הימעל-קוויטען.

און עס שווימען אין די בליקען
שטילע שאָטענס, העלע גלאַנצען;
ביזט עמפפינדליך—אַ מימאָזע,
אויסגעוועבט פון זון אין גאַנצען.

און איך זעה דיר, דאַמאָלסט פיהל איך,
ווי מיין האַרץ הויבט אָן צו שפּילען,
און עס טרינקט זיך אין אַ מבול
פון די הימליכסטע געפיהלען...

.2

דו וועסט קומען ... פֿון פֿריהמאָרגען
האָט מיין האַרץ געגומען בליהען ,
בשורות ליכטיגע , ווי טויבען ,
אויף מיין קאָפּ שוין הער איך פֿליהען ...

דו וועסט קומען ... זיך פֿערטראַכטען ...
אויך די נאַכט וועט לאַנגזאַם קימען ,
וועט די בלאַסע דיך בעציערען ,
ווי מיט סאַמעטענע בלומען .

ס'וועט די רויטעטשקע די לענטע
אין די לאָקען זיך צושמייכלען ,
און וועט לאַכען פֿריי און קינדיש
פֿון די קלינגענדיגסטע שכל'ען .

איך וועל צוטוליען דיין קעפעל
צו מיין האַרצען ... וועסט וואָס הערען ...
קינד , צי ווייסטו , וואָס די נאַכט פֿיהלט ,
ווען עס קומט דער מאָרגענשטערען ! ...

* *
*

ס'וויל מיין האַרץ דיר עפּעס זאָגען,
וואָס איהם היילינ איז און טייער,
נאָר עס קען אַ האַרץ ניט רעדען —
ס'קען נאָר פלאַקערען ווי פייער,

פלאַמט עס העל, ווי אַ מזבח,
און פערגעהט אין פלאַמען פייער',
און אין פייער איז עס מקריב
וואָס איהם היילינ איז און טייער.

* *
*

קומסטו היינט... אָ, ווען דו קומסט נאָר:
היינט איז פֿול מיין האַרץ מיט בליטען —
מיט די שענסטע האַרצענס־בליטען
וועל איך שטיל דיין קאָפּ בעשיטען...

* *
*

איז פֿאַרהאַן אַ שטאָדט אין ליטא
אויף דער וויליע׳ס שטילע ברעגען —
וואו איך זאָל מיין אויג נישט ווענדען,
קומט זי שטענדיג מיר אַנטקעגען.

איז פֿאַרהאַן אַ געסעל דאָרטען,
און אַ הייזעל שטעהט דאַנעבען —
האַלבע יאָהרען וואָלט איך, דאַכט זיך,
פֿאַר דעם הייזעל אָבגעגעבען.

און עס וואָהנט אַ קינד אין הייזעל,
האָב איך ליעב עס, ווי מיין לעבען —
מיינע גאַנצע יאָהרען וואָלט איך
פֿאַר דעם קינד אַוועקגעגעבען!

* *
*

אַ גרוס פֿון די שענע פֿערשוואומענע צייטען..
אַ פּעקעל פֿערוועלקטע צעוואָרפֿענע בריעף,
וואָס ס'האָט מיר דאָס האַרצען דיקטירט דיר פֿון ווייטען,
ווען דו האָסט דערפֿילט איהם פֿון פֿלאַך ביז דער טיעף.

עס זענען פֿערגעסען שוין לאַנג יענע בלומען,
דאָס פֿייער פֿערלאָשען, אין האַרצען איז וויסט,
און רוהיג בעגעגען איך איצטער דיין קומען,
און בלינד איז מיין אויג, ווען דו גרויסט זיך און בליהסט.

און שטומע, פֿערוועלקטע, ווי הערבסט-בלעטער ליגען
ביי מיר אויפֿ'ן טיש די אַמאָליגע בריעף:
אַזוי אויפֿ'ן רוהיגען ים שטיל זיך וויעגען
די ברעטער פֿון לאַנג אַ צערשמעטערטער שיף.

* *
*

דו ביזט ברוגז... זײַ ניט ברוגז...
איז דען שולדיג ווען אַ דיכטער?
שולדיג זענען דײַנע אויגן,
וועלכע קוקן דאַכט זיך ניכטער.

דאַכט זיך ניכטער... נאָר אין אמת
זענען זײַ מיט שײַן בעטרונקען
און בעשיטען היים דעם דיכטער
מיט די גליהענדיגסטע פונקען, —

און די ליפּען דײַנע וועקען
די געפעהרליכסטע פערלאַנגען...
זאָג אַליין, איז דען אַ וואונדער,
וואָס איך האָב אַ זינד בעגאַנגען?

אַדרבה, זײַ זיך מודה:
ביזט דאָך קלוג... טאָ זײַ אַ ריכטער —
כ'קוש דיך נאָך, און זײַ זיך מודה
איז דען שולדיג ווען אַ דיכטער?

* *

פריהלינג, קינד ... דאָס האַריץ צובליהט זיך
מיט די שענסטע ליעבע-בלומען:
ווילסטו קריגען זיי צום אָנדענק,
זאָלסטו, קינד, צו שפּעט ניט קומען.

פריהלינג, קינד, פערפליסט ווי וואַסער,
וועלקען מוזען שענסטע בלומען —
וועלקען איז אַ צער פאַר בלומען:
זאָלסטו, קינד, צו שפּעט ניט קומען.

ועסטו קומען, וועסט זיי פליקען,
דאַכאָלסט וועלען האַריץ און בלומען
מיט אַ פריהלינגס-ברכה בענשען
דיך, מיין ליעבע, און דיין קומען...

* *

ל

אוּן זי האָט איהם אַלץ געגעבּען,
וואָס זיין האַרץ האָט נאָר פֿערלאַנגט, —
פֿלעגט ער צונעהמען, דאַן האָט זי
מיט ענטציקען נאָך געדאַנקט.

פֿאַר אַ דיענסט האָט זי געדיענט איהם,
ווי די ליידענשאַפֿט נור קען,
אוּן זי האָט איהם אַלץ געגעבּען —
נאָר דער שקלאַף... איז ער געווען!

זומער.

1.

דער הימעל— אַ ים, און די וואָלקען—בעזילבערטע אינזלען,
די זון פאַרביי זיי שווימט אין גאָלדענער שיף שטיל, בעזאַכט,
און שטיפעריש שפריצט זי אַראָב אויף די בליהענדע פעלדער
אַ רעגען פון לויטערע שטראַהלען, און פרעהט זיך און לאַכט.

די ערד—אַ גן עדן, די פעלדער— פול צויבער, פול וואונדער,
די ביענען—זיי זשומען, זיי קומען פון בלימעל צו בלום,
און שעפּטשען זיי ליעבע, און רופען זיי מיט זיך,
און גיסען אַ דופטענדען ריח פון האָניג אַרום.

און איך געה אין פעלד אום און זאַמעל די פרעכטיגסטע
בלומען,
און שפּיעל מיט דער זון זיך, וואָס שווימט אין איהר
גאָלדענער שיף:
איך וואַרף איהר אַ בלימעל אַ בלאָהם, זי מיר—שטראַהלען
אַ הויפען.
איך גיב איהר אַ לופט-קוש און כאַפּ מיט די פינגער אַ שטיף...

זי ניט זיך אַ בייזער, די ליעבע, נו-נו מיט אַ פינגער —
איך שפרייט אוים אין הויך מיינע הענד מיט אַ שמייכעל צו'ן איהר ;
זי בעט זיך גלייך איבער, ווי נאָר נישט געוועזען, און ווידער
בעשיט מיינע גליעדער מיט קושען זי הייסע אָהן שיעור.

דער הימעל—אַ ים, און די וואָלקען—בעזילבערטע אינזלען,
די ערד—אַ גן-עדן, די פעלדער—פול צויבער, אַ פראַכט ;
היינט בין איך דער חבר פון פויגעל, פון זון און פון בלומען,
און באָד זיך אין רעגען פון לויטערע שטראַהלען ביז נאַכט.

2.

און כּל זמן עס איז נאָך אַ זומער פֿאַרהאַנען,
האָב איך נאָך אַנ׳אָרט אויף גאָט׳ס ליכטיגער וועלט.
און כּל זמן עס זענען די פֿעלדער בעגראָזינט,
האָב איך אַ געצעלט.

און וואו וועל איך טאָגען? אין בלומיגען טאָל;
און וואו וועל איך נאַכטען? ביי וועמען אַמאָל.
ווער וועט מיך פֿערוויגען? דער וואַרימער ווינד,
און אויפֿוועקען וועט מיך די נאַכטיגאַל גיך.
און וואָס וועל איך עסען? מיט ביענען צוגלייך,
און שטילען מיין דורשט וועט אַ כוואַליע פֿון טייך...

אין א זומער־טאג.

1.

עס פלעכטען זיך שטראהלען, ווי זיידענע פעדים,
און וועבען דעם גאָלדענעם חלום פון זומער.
עס באָדט זיך די ערד אין אַ ים פון קאָלירען.

ס שפרייט זיך די לאָנקע און קוקט פול ענטציקען,
ווי ס'ציהען זיך מחנות מלאכים פערטרוימטע
און שטילע דורך גרינע געבלומיגטע טירען.

און צווישען די ברעגען די טייך, ווי אַ יונגפרוי,
ויעגט איין אין די אָרעמס דעם וואַלד און דעם הימעל
און שמייכעלט צו זיי פון קריסטאָלענעם שפיגעל.

און הויך אין לאַזור פון די הימעלשע וועלען
שווימט אום אַ פערבענקטעס, אַזוי ווי פערבלאָנדזעט,
דאָס גליק פון דער מענשהייט אויף העל־בלאָע פליגעל...

II.

פון דעכער, צו דעכער אזוי ווי א פעכער,
ציהט לאנגזאם דער זומער זיין ליכטיגען פאס,
און וואו נאר א ווינקעל, דארט טרייבט ליכט און שאטען
א שטיפעריש־בלענדענדען, פארביגען שפאס.

עס שטעהען די שניטער אין פעלד און זיי שניידען:
עס בלישטשען די סערפעס א בליץ נאך א בליץ.
עס פלעסקען אין טייכעל זיך זילבערנע פישלעך
און בעטען אויף רעגען אין בלאנקענדער היץ.

פון טויבענשלאג ציהען זיך לאנגזאם די טויבען
און ווערען פערשוואונדען אין בלויליכען רוים;
עס שפּילען זיך קינדער ניט ווייט אויף א מעזשע,
א שייגעצעל דראפעט זיך שנעל אויף א בוים.

עס הערט זיך אין וועלדעל א טאפּען... א גלעקעל...
עס הויבען זיך אויגען... ווער יאגט עס מיט האסט?
א פרעמדער, צופעליג, וואס וועט באלד פערשווינדען,
צו אומגעריכט ווער א געווינשטער צו גאסט?

פארנאכט.

ווי די ווייסע צויבער־שיפען
אין די שטילע אווענד־שעה׳ן,
שווימט א וואלקען נאך א וואלקען
אויף דעם הימעל־ים דעם בלאען.

און עס אטהעמט עמיץ נאהענט
א פער׳חלומ׳טער פון אויבען.
לאנגזאם ציטערט אין דער לופטען
ווי א פלאטערען פון טויבען.

און עס ברענען, ווי אין גינגאלד,
אויף די הייזער שויבען, דעכער,
און די שאטענס ווערען לענגער,
און די אווענד־קלאנגען העכער.

זעה אין מערב... ס׳ווערט פערפלייצט דארט
קראנק פון בענקעניש, צושראקען.
די צוקלעמטע טאג־פרינצעסין
אין א ים פון פורפור־לאקען.

רוהיג, מענש... עס וועט באלד קומען
די פערליעבטע נאכט אין שווארצען
און זי וועט די וועלט פערוויגען,
ווי א מאמע טריי ביים הארצען...

פון די קינדער־יאהרען.

קליין איז דאס קינד און גערוימיג דאס בעטעל...
אונטער די הענד פון דער זארגפולער מאמען
וואקסט עס און בלאנקט, ווי א ליליען־בלעטעל:
בויגיג דער קערפער, אזוי ווי א שרעטעל,
די בעקלעך זיי ברענען מיט ראזיגע פלאמען.

קליין איז דאס קינד און דער טאג איז אהן ענדע...
עס שושקען זיך הימליך ביים טייכעל די בוימער
און וועבען פול צויבער א כשוף־לעגענדע;
עס כאפען די גרויסע דארט פיש מיט א ווענדע,
ס'בעגיסט פון א לייקע די בלומען דער שומר.

עס הענגט אויפ'ן פארקאן א לעדיגער עמער.
עס קומט באלד צופאהרען די מוהמע פון שטעדטעל
די קעשענעס פול מיט מתנות פון קרעמער...
עס קומען פון פאשע די קיה און די לעמער —
דאס קינד ליעגט שוין ווידער אין קלאר־ווייסען בעטעל.

קליין איז דאס קינד, און די נאכט א בעלעבטע:
עס שטעהען צוקאפענס מלאכים'לעך שטילע
די אויגען מיט ליכטיגע טרוימען בעוועבטע,
טרוימען, פון געטליכען קוואל אויסגעשעפטע
און שעפטשען צו גאט פאר'ן קינד שטיל א תפלה.

בעסאראביען.

1.

דער הימעל ווערט הייסער און לענגער די טעג; אויפ'ן ראנד
פונ'ם מזרח קומט צו וואס אמאל אליין א נייער קאליר;
בארג אראב ציהען הייזלעך זיך ווייסע א וואנד נאך א וואנד,
ווי טרעפ אין א לייטער, ווי זילבערנע שניר.

ס'בעגלייטען די הייזלעך אקאציען פרעהליך און גרין,
בעשיטען זיי אפט, ווי די כלות, מיט בלעטעלעך רייך;
דער פויגעל בעגלייט זיי מיט לידער, מיט האניג די ביהן
אראב אין דער ניעדער צום דניעסטער דעם טייך.

און דארטען — אויף יענער זייט דניעסטר די מאמע די ערד
די זאפטיגע ברוסט איהרע קינדער שטרעקט אויס,
און ציערט זיי אין פארבען און באדט זיי און זון אונגעשטערט
און טולעט זיי הארציג אין בלומיגען שויס.

און צווישען די טאלען און בערג מאלדאוואנ'שע דערפער
צעווארפענע ציהען זיך, טולען זיך שטיל
און קוקען מיט רוהיגע אויגען — א סימן פון שפע:
אויפ'ן בערגעל — א ווינד־מיהל, ביים וואסער — א מיהל.

II

אַ ווינד=מיהל, אַ צווייטער, אַ טשערעדע שעפּסען,
ווייסווענדיגע הײַזלעך אָהן קוימענס, אַ דערפֿעל,
און אויבען אַ הימעל, ווי אַ ליכטיגער וועכטער,
אַ הימעל געשפּונען פֿון גליק און געלעכטער.

און ס'ציהט זיך אַ טראַקט ביז דער באַהן, ביז דער סטאַנציע,
וואָס ציהט בעסאַראַביען מיט אײַזערנע שטאַנגען,
מיט שטאָלערנע דראָטען, בעפֿליגעלטע ווערטער
אין שטראָם פֿון געטומעל, אין קאָכיגע ערטער.

נאָר ס'שלאָפֿט בעסאַראַביען פֿון פּרוט ביז'ן דניעסטר
אין וואַקסענדען טומעל פֿון האַנדעל און וואַנדעל:
אַזוי אין'ם רוישיגען ים, אין'ם וואַסערען=וויכער
אַ גרינענדער אינזעל ליעגט רוהיג און זיכער.

נאכ'ן רעגען.

אריבער דער רעגען, און שטיל איז געווארען...
עס האט זיך די זון העל צולאכט, ווי א קינד,
און האט אויפ'ן ראנד פונ'ם הימעל צעווארפען
די גאלדענע לאקען — די אויג ווערט אזש בלינד.

עס קלינגען די פויגעל, ווי זילבערנע גלעקלעך
אין ווידענעם הימעל, וואס טיעף איז און בלוי;
עס שטעהען די פעלדער מיט פערעל בעציערטע
און דאנקען שטיל גאט: אדוני, אדוני!

און דארט הינטער וועלדעל בעהאלט זיך דאס טייבעל...
עס זעהט זיך פון ווייטען, אין זוניגען שיין,
עס באדען זיך מענשען און ס'שימערען, בלישטשען
די קערפער'ס די קלארע ארויס און אריין.

באלד רוקט זיך דער אווענד ארויף אויף די פעלדער,
און לענגער די שאטענס, און לופטיגער ווערט:
עס האט היינט דער הימעל די ערד אויסגעבאדען —
זאל זיין צו רפואה דיר, בליהענדע ערד!

א בית־עולם.

בוימער, מצבות... מצבות און בוימער,
און סאמע ביים פארקאן דאס הייזעל פון שומר.

און אויבען אין קעפ פון אקאציען גרינע
דארט האבען די פויגעל א פרייע מדינה.

די זעהען פון אויבען נים זעלטען בגנבה—
עס קומט וואס אמאל צו א נייע מצבה.

עס קומען אפט מענשען און וויינען דארט ווענען:
די טייערע שאטענס, די הארציגע נעמען.

און סאמע ביים פארקאן הויבט אויף זיך א ברעטעל:
עס ליעגט דארט בעהאלטען דער חומא פון שטעדטעל.

אין די טאַטרען.

I.

פעלזען־בערגער, בערגער־טורעמס...
ווי פער כשופ׳ט רעכטס און לינקס
שטעהען מעכטיגע געשטאלטען:
דארט א פאלאץ, דא א ספינקס.

און עס פאלען וואסער־פאלען,
ווי פון גראע שווינדעל־טרעפ:
ס׳האט א בארג־פרוי דאס צעווארפען
אויף די אקסלען ווילדע צעפ.

און די אבגרונדען זיי קוקען
אפען, אימה׳דיג און שווארץ:
ס׳האט א וועלט דאס אויפגעעפענט
פאר א צווייטער וועלט איהר הארץ.

מיט די בליצען אין די אויגען,
אין א רייטוואגען געשפאנט,
פאהרען אום די בייזע וואלקען —
יעדער וואלקען א גיגאנט.

און דער גייסט ער ווערט פערבלאנדזשעט,
ווי אין ווילדען צויבער־שלאס,
און ער קניהט זיך פאר דעם כוח,
וועלכער טראגט אויף דעם כאאס!

II.

אוּן זעה—דאס בּוּךְ ערד ליעגט דא אפען אויף צעהנדליגער
מיילען,
צוּשפּרייט אויף די בּערגער־מזבּחוֹת אין שטיינערנעם
טעמפּעל:
גאט האט אליין מיט זיין פייער־האנד די ציילען געשריבּען
אוּן האט זיי געחתמ׳עט מיט׳ן אייבּיגקייט־שטעמפּעל.

עס הויבּען די אוֹתיוֹת זיך, ווי ס׳האבּען די טוּרעמס פוּן דוד
אמאל זיך געהויבּען
אוּן ס׳בּליצען די תּג׳ען די שפּיצען, מיט זוּניגע פארבּען
בּעמעהלטע.

אוּן ס׳ציהט זיך א דף נאָך א דף,
אזוי ווי די לוּחוֹת הבּרית צווישען ערד אוּנ׳ם הימעל
געשטעלטע...

אוּן כ׳לייען די אוֹתיוֹת בּיז מיעד אוּן זוינג זייער שיין אין
מיין אויג
אוּן זאַפּ אן דאס הארץ מיט׳ן גלאנץ פוּן די געטליכע גבוּרה׳ס,
אוּן כה׳ער ווי א מעכטיגע נביא־שטים
רוּפט אזוי מעכטיג צו מיר פוּן צווישען די פעלזענע שוּרה׳ס:

III.

גיב דיין האנד און לא'מיר שטייגען
אויף דעם העכסטען פון די שפּיצען,
וואו עס קייקלען זיך די דונערס
און עס הויערען די בליצען.

דארטען נעסטען שטאלצע אדלער,
פרייע קינדער פון פערצוקען,
און עס קושען זיך די ווינדען
אויפ'ן שארף פון פעלזען-רוקען.

פון די איינוואהנער פון טאלען
קען דערגעהן אהין ווער זעלטען:
דארטען וואהנען שטומע סודות
אין די קאלטע שניי-געצעלטען;

גיב דיין האנד און לא'מיר שטייגען
אין דעם ים פון העלע פארבען —
אדלער לערנען דארטען שטארקע
שטאלץ צו לעבען, שטאלץ צו שטארבען.

הערבסט.

I.

לאנג אבגעבלאנקט האבען אין פעלדער דער סערפּ און
די קאָסע.
די תבואות — זיי זענען אויף העלפט שוין אין שייער;
אויף לעדיגע בייטען וועט פאלען די זילבערנע ראָסע
און שניטערקעס וועלען ניט זינגען מעהר היי־יאהר.

און נאך א טאג, נאך א טאג... וועגענער לאנגע בערויבען
די מאמע די ערד פון דער פריה, פון בעגינען, —
און אז די לבנה ביינאכט וועט א קוק טהון פון אויבען,
וועט זי א פער'יתומ'טע פעלד שוין געפינען.

II.

כ'האב אין גארטען אויפ'ן בייטעל
לעצטע רויזען אנגעקליבען:
ד'בלעטלעך זענען איינגעשרומפען
און די פארבען אבגעריבען.

און דער דופט איז אויסגעזויגען,
און דער טויט־אורטייל פערשריבען.
און דער אורטייל איז געחתמ'עט
מיט א אסיען־קוש א טריבען.

III.

שא. דער ווינד איז איינגעשלאפען
און די ביימער שטעהען שטום —
און דער לופטען פלאטערט נאר
א געהיימנים שטיל ארום.

און עס אטהעמט שטיל אנ'אטהעם,
שוין א גאסט פון צפון־קאלט:
עס דערפיהלט דעם הויך דאס בלעטעל,
גיט א ציטער עס און פאלט.

עס דערפיהלט דעם הויך דער פויגעל,
האקט ער אב זיין זינגען באלד
און פערטראכט זיך: אט פערפליהט ער
און פערלאזט זיין הייםאטס־וואלד.

שא. דער הימעל איז נאך לויטער
און דאס טייכעל איז נאך קלאר,
נאר די לופט איז פול ערווארטונג:
ערגעץ קומט א סוד איצט פאר...

IV.

ווייט פון וועגן, וואו מען זעהט קיין דורכגעהער, קיין
פאהרער,
ערגעץ אין א וועלדעל ביי א קערניצע א קלארער,
ליעגט פון אייביג אן א גראהער שטיין א שטומער —
אויפ'ן שטיין דארט זיצט יעצט אין א הערבסט-מאנטעל
דער זומער.

אהנמעכטיג די הענד אראבגעלאזט, און די אויגען דעקט
א כמארע,
אויפ'ן קאפ א קראנץ פון האלב-פערוועלקטע בלעטער דארע'
אויף די בלאסע ליפען גאנצע שניר פון ליעבע-סודות שטילע—
אין ערווארטונג זיצט ער און ער שעפטשעט אויפ'ן וועג
א תפלה.

ס'פערגעהט די זון, עס נעהמט ארום די נאכט פון אלע עקען
דאמאלסט נעהמט אין האנד דער וואנדערער זיין שטעקען,
לאזט זיך געהן פון וואלד ארוים אויף ברייטע וועגען,
און ביי'ם שייד-וועג, האלבע נאכט פונקט, קומט איהם
עמיצער אנטקעגען.

פערשפעטיגטע דורכגעהער האבען ניט איינמאל סוף זומער
געטראפען:
עס קומען צונויף זיך ביים שייד-וועג צוויי שאטענס פון דרום
און צפון:
זיי גיבען די הענד זיך ביים גלאנץ פון לבנה און שיידען
זיך ווידער —
די לייבליבע ברידער.

V.

לאנגזאם שוועבען שפין־געוועבען
איבער פעלדער. איבער סעדער
און קאלירטע שטראהלען בליקען
קוייקלען זיך, ווי צוייבער־רעדער.

און די ווייטע האריזאנטען
ווערען קעלטער, ווערען בלאסער,
און די העלע פארבען שווינדען,
ווי א חלום, ווי א וואסער.

שטיל געהט אויף די זון אין רויטען,
און פערגעהט אין פורפור־רויטען,
שטיל פערגעהט זי, ווי פערבענקט זיך
נאך א ליעבען. נאך א טויטען..

VI.

אַ ווינטעל אַ קיהלער פון צפון-זייט וועהט:
אַ שטים אויף די בערגער, ווי עמיצער גערהט...

פון בערגער אין טאלען צוטראגט זיך דער קלאנג:
עס האט איהם בעגעגענט אַ פאסטעך ניט לאנג.

אין געלבען, אין ווייסען — געקליידט צווייערליי:
דאס פנים פערוויאלעט, דער רוקען אין שנעע.

ר'האט נעכטען אין וועלדעל אַ ווילע גערוהט —
שוין שטעהען די בוימער בעשפריצט, ווי מיט בלוט.

ר'האט די נאכט גענעכטיגט ביי אונז אויף אַ ביט —
און אונזערע רויזען, זיי זענען היינט טויט.

VII.

וואס פערצעהלט אינ׳ם קאפּ פון די בוימער דער ווינד?
א מעשה, וואס ז׳לאנג שוין פערגעסען אצינד.

אז גאט האט בעשאפען די ערד און דעם הימעל
האט ער זיי בעשאפען א בלאה־גרינעם צווילינג,
און גאט האט געפרעהט זיך און גאט האט געשמייכעלט,
אויף דר׳ערד האט געוועלטיגט אנ׳אייביגער פריהלינג.

עס האבען די טייכען געשוימט, און די לאנקעס —
זיי האבען אין זון זיך געבאדען, און קוויטען,
און וואלד האבען זארגלאזע פויגעל געהילעכט,
אזוי ווי די פידלען, אזוי ווי די פלייטען.

פון איין בוים צום צווייטען שנעל טראגט זיך דער ווינד:
די אוראלטע מעשה׳לע ווייטער זיך שפינט.

אמאל האבען מענשען פאר גאט שווער געזינדיגט
און ס׳האט זיך צופלאקערט דער היילינגער צארען,
א בליץ האט געגעבען אנ׳אויג, און דער שמייכעל
איז באלד פון גאט׳ס ליפּען פערשוואונדען געווארען.

דאן האבען די בלומען פערלארען די פארבען,
די בלעטער — זיי זענען פערדארטע געבליבען,
און שטיל איז געווארען אין וואלד — א בית־עולם:
דער שרעק האט די זינגער, די פויגעל פערטריבען...

ס׳פערצעהלט זיך די מעשה אזוי, און געשווינד
פון איין בוים צום צווייטען פליהט איבער דער ווינד.

VIII.

און פערדעקט מיט שווערע כמארעס,
פונקט א בליינעפארבטער טאוועל,
קוקט דער הימעל פון פריהמארגען,
ווי א קאפ פערטיעפט אין זארגען,
ווי א טרייסטונגסלאזער אבל.

ס'איז געווען א מאל א זומער,
און געווען א מאל א פריהלינג...
וואס פערגעהט, דאס וועט ניט קומען:
צוויי מאל בליהען ניט קיין בלומען —
קוקט דער הימעל, ווי א שטומער.

קורץ זיין האנד... די זון ווערט קעלטער,
אומעט, עלענד ווערען גרעסער,
קורץ זיין האנד... דער ערד פעהלט חיות
און דער הערבסט — ער מאכט קיין שהיות —
פלינק די האנד און שארף דאס מעסער.

אהן אנ'אויסגאנג, אהן א רעטונג...
נעהמט דעם הימעל דורך א ציטער
אינ'ם תהו אינ'ם גראהען,
וואו עס פליהען אום נאר קראהען
און עס פלאט'רען הוילע ריטער...

IX.

עס האט זיך דער רעגען אויף טעג לאנג פערצויגען ;
ניט איין שטראהל אין הימעל—כאטש קוק אוים די אויגען :
א וועלט האט זיך שבעה געזעצט און עס וויינט .

עס פאלען די טראפּעלעך אהנמעכטיג קאלטע ,
עס חזר'ט זיך איבער די מעשה די אלטע ,
וואס אלט איז , אזוי ווי די וועלט .

אמאל איז געוועזען א פאלאץ פול צויבער ,
עס האבען אין פאלאץ געוואהנט זיבען רויבער ,
מיט זיי האט געוואהנט אויך די שענע בת־מלכה ;

ז'געקומען צופליהען א שטורעם פון צפון
און האט אינ'ם שפּיץ פונ'ם טורעם געטראפען —
און באלד איז פערשוואונדען דער חלום .

פערפלויגען די רויבער , די בת־מלכה פערטריבען ,
פון פאלאץ איז א חורבה אנ'אלטע געבליבען
פאר שדים און רוחות א נעסט .

און ס'פאלען די טראפּענס אין טרויער און שווערען :
עס טרינקט זיך די וועלט אין די אייגענע טרעהרען ,
עס זעהט זיך פון ערגעץ קיין רעטונג , קיין רעטונג . . .

X.

און נאך א מאל האט זיך די זון דורך די וואלקען,
אזוי ווי דורך שטיינערנע ווענד דורכגעריסען,
און האט פון געפאנגשאפט די ערד די יתומה
בעשאנקען געטריי מיט א שמייכעל א זיסען.

ס'האט ערגעץ דערבייַ זיך א פויגעל צוזונגען
אין קאפ פון א הוילען א שטארבענדען בוימעל;
די ערד איז גאר פלוצלונג ווי צו זיך געקומען,
און האט א בערוהטע געבענשט פאר זיך גומל.

און שען איז געוועזען דער טאג און בעהארצינגט,
עס האט זיך א רגע געדאכט, נאר א חלום
א בייזער האט דר'ערד זיך גע'חלומ'ט,
און ווידער ז'דער זומער געקומען בשלום —

אזוי פלאקערט אויף אויך דער פאלענדער שטערען,
איידער ער ווערט אינ'ם תהו פערשוואומען,
אזוי גיסט זיך שטארקער דאס דופטען אין לאנקע,
איידער עס ווערען פערוויאלעט די בלומען.

XI.

דער הערבסט האט די אויגען די מידע פערמאכט:
ס'האט עמיץ בעזילבערט די ערד ביי דער נאכט,

און האט אונז די שויבען מיט בלומען בעדעקט,
עס האט אינ'ם צימער מיט שנעען פערשמעקט.

און ליכטיג איז ליכטיג, די אויג ווערט פערבלענדט,
דער שפּיץ פונ'ם טורעם אין זונען־שיין ברענט.

און ס'דרעהט זיך דער ווינד אינ'ם געסעל און לאכט:
דער הערבסט האט די מידיגע אויגען פערמאכט.

אין טורמע.

1.

פיער ווענד און א קראַטע, און נאכט הינטער קראַטע,
און טריט פונ׳ם וועכטער, און קלינגענדע שפּארען...
איך זעה קוים א שפּאן פון דעם נאכטיגען הימעל
מיט צוויי-דריי פערבלאנדזשעטע, עלענדע שטערען.

איך האב דא א שכנה, די איינזאמקייט שטומע...
און פּונקט האלבע נאכט שטרעקט זי אוים מיר אנטקעגען
אהן ווערטער א האנד און דערלאנגט מיר א שוואַרצען
באקאל מיט געטראנק אנגעפּילט ביז די ברעגען.

איך נעהם דעם באקאל און טרינק אוים ביז א טראפּען,
און נאך אבאקאל, און איך פיהל — איך ווער שכור,
און פיהל — ווי עס הויבט זיך דאס הארץ אן צו רייסען
אויף טויזענדער-טויזענדער בלוטענדע שטיקער.

דאן זויגט זיך די איינזאמקייט איין אין מיין שארבען,
אזוי ווי א שלאנג, און זי הויבט אן צו נאגען,
און טראפּענסווייז זויגט זי דעם מארך פון די ביינער,
און זויגט אלע נאכט ביז עס הויבט אן צו טאגען.

און אלע נאכט ריכטען אב מאהלצייט מיר בײדע:
איך טרינק און ווער שכור פון בעכער פון שווארצען,
מיין דורשטיגע שכנה זויגט-זויגט אהן אניאויפהער
דעם מארך פונ׳ם שארבע׳, די בלוטען פון הארצען.

און אזוי אלע נאכט, און אזוי ביז בעגינען...
דאס זעהט א שטיק הימעל א פינסטערע, מאטע,
עס זעהען א צוויי-דריי פערבלאנדזשעטע שטערען...
פיער ווענד און א קראטע, און איך הינטער קראטע.

II

דו ביזט בײַ מיר נעכטען געװעזען, מײַן ליעבסטע,
און האסט מיר געבראכט װײַסע בלומען א בינטעל,
און האסט מיר געבראכט אין די טױאיגע קעפלעך
דעם גלעט פון א זון־שטראהל, די פרישקײַט פון װינטעל.

דו ביזט באלד אװעק און דײַן שטים איז אנטשװיגען,
נאר ס'האבען די בלומען נאך לאנג אין מײַן תפיסה
געשעפטשעט זיך שטיל אויפ'ן בלומיגען לשון
און האבען פערצעהלט מיר פיעל מעשה'לעך װיסע.

זײ האבען פערצעהלט פון א הײַזעל א קלײנעם,
פון זיסען געזאנג, פון א שפאלט אין א לאדען, —
איך האב שטיל געהערט, און עס האט מײן נשמה
ביז שפעט אין דער נאכט זיך אין נחת געבאדען.

הײנט זענען די בלומען פערװעלקט שוין געװארען,
עס הענגען די קעפלעך פערשװארצט און פערטרויערט,
און ס'שװײגען די קװײטען די טױטע, װי איך דא,
אזױ װי מיר אלע, װאס זיצען פערמויערט.

מִיר זֶענֶען אַסך דאָ... אין קאמֶערֶען שמאָלֶע
ווי חיות דאָ זִיצֶען מִיר, חשכ׳ע, טרִיבֶע,
און שווייגֶען און שווייגֶען... נאָר שווייגֶענדיג וועֶבט זיך
דאָ צווִישֶען דִי וועֶנד אַ געֶהיימניש א ליעבֶע.

און טִיעף אִין דעֶר זעֶעל וואקסט דעֶר זעֶלטענעֶר חלום:
פֿון דורות צוּ דורות אַ ליכטִיג=בעֶגייסטעֶר
רופט אייבִיג דעֶר חלום דורך פִֿינסטעֶרע היינט׳ען
אין גלאנק פֿון דעֶר צוקונפֿט אלץ העֶכעֶר און ווייטעֶר.

אויפ'ן ברידער־קבר.

איך נעהם אין מיין האנד א העל־ברענענדען פאקעל,
און געה האלבע נאכט אויפ'ן טויט־פעלד ארויס —
צום בערגעל, וואו ס'זענען צו קבורה געקומען
די הארציגע ברידער אין מוטער־ערד־שויס.

איך הויב אויף מיין פאקעל און הויב אויף מיין שטימע,
און וועק זיי דארט מוטיג, און וועק זיי דארט לאנג:
פון שלאף שטעהען אויף די געפאלענע ברידער
און קומען צוגעהן אויף מיין מוטיגען קלאנג.

און זעה — עס טראגט יעדערער מיט זיך א דארען,
א שפיציגען, שארפען — פאר מיר א געשאנק;
איך נעהם זיי צוזאמען, די שטעכיגע דערנער,
וואס זענען בעגאסען מיט בלוטען־געטראנק.

און יעדערער רוימט מיר אווארט איין אין אויער,
א שארפען, בעפליגעלטען, העל ווי א בליק:
איך זאמעל זיי אלע צונויף ווי בריליאנטען,
פערבארג זיי אין הארצען, און היט זיי און שיק.

איך זאמעל צונויף אלע דערנער און פלעכט אוים
פון שטעכיגע דערנער אַ שטעכיגען קראַנץ,
און לעג דאן צו זיך אויפ'ן קאפ איהם דעם שווערען,
און ווארט ביז אין מזרח דער טאג גיט אַ גלאַנץ.

דאן קעהר איך זיך וויעדער אין שטאָדט, וואו עס פיהרט זיך
די אלטע מלחמה אויף לעבען און טויט,
און גיב זיי בעגייסטערט די סודות דארט איבער,
וואס ס'האבען ביי נאכט מיר די ברידער פערטרויט...

ליעד פון קנעכטשאפט.

(פראגמענט).

...איך טראג איהם דעם טייערען, ווילדען געדאנק,
געוועבט פון מיין בלוט, פון מיין אייגענעם ביין:
ער ליעגט דארט פערבארגען אין אייזערנעם שראנק —
אזוי ווי א שלאנג איז ער גיפטיג און שען.

און ווערט איהר צורייסען מיין הארצען אויף שטיק,
וועט איהר דעם געדאנק ניט בעקומען צוריק!

...דער ווילדער, דער ליעבער, דער ריזען=געדאנק
וועט דרינגען צו אייך אין דעם שטילען געצעלט:
ער וועט אייך פער׳סמ׳ען דעם ריכען געטראנק
און וועט אייך צוטרייסלען דאס הארץ פון דער וועלט.

ווינטער־ליעדער.

1.

אויפגעעפענט האט דער הימעל
זיינע ליכטיגע צויבער־שויבען:
ווי די ווייסע שמעטערלינגען
פאלען שנייעלעך פון אויבען.

זיי צוהענגען זיך אויף בוימער,
ווי אויף שנירלעך טייערע שטיינער,
און זיי בלישטשען און זיי לאכען,
ווי מיט ווייסע קלארע ציינער.

און אין טאלען און אויף בערגער
געהט ארום דער פראסט שפאצירען,
לאנגזאם געהט ער אין זיין פוטער,
ווי דורך ווייסע זילבער-טירען.

און די ערד, די שוואכע מוטער,
שלאפט איהר שלאף, דעם זיסען, לאנגען,
און זי חלומ׳ט פון א גרין-גראז,
פון א סערפ און פולע זאנגען...

II.

ס'קומט דער ווינד פון קאלטען צפון,
גיט דעם הויכען וואלד א ריס,
ער צוברומט זיך אין די שפיצען,
און ווארפט בוימער פון די פיס.

און ער קומט אין דארף צופליהען
כאפט ער דארט אראב א דאך,
און פערטראגט איהם אין די פעלדער
מיט א טאנץ, א שד'יש לאך.

ער בעגעגענט אויף א שליטעל
פאהרט א האלצהעקער ביי נאכט,
כאפט ער אן איהם פאר די פאלעס,
ווארפט ארוים איהם און ער לאכט.

און פערשיט איהם, שיט איהם, שיט איהם
מיט א שטורמיש קברים־ליעד,
און עס קומט אליין דאס פערדעל
אין זיין שטיבעל, שוואך און מיעד.

ס'גיט דער ווינד זיך מיט'ן הימעל
אויף זיין שטייגער אויך א שפיעל,
און פערשיט איהם, און פערשנייט איהם
אהן א גאנג און אהן א ציעל...

3.

און שפּעט בײַ דער נאַכט, װען עס שפּרייט זיך פֿון אויבן
אַ פּראַכטיגער הימעל מיט טויזענדער שטערן,
און ס׳דאַכט, אַז די ערד ליגט פֿון אונטן פֿאַרקאַװעט
אַהנמעכטיג, אַ טויטע, אָהן פֿרייד און אָהן טרערן, —

דאַן שפּאַלט זיך דער הימעל אין נאַכטיגער שטילקייט,
דאָרט, װאו דער מילך־װעג פֿיהרט אַן זיינע שיפֿן,
און עס בעװייזט זיך אַ גרייז־גראָער קאָפּ מיט אַ לאַנגער
אַ שניי־װייסער באָרד, מיט אַ בליק זעהר טיעפֿן.

דער גרייז־גראָער קאָפּ שפּרייט דאַן אויס זיינע װייסע,
װי מאַרמאָר, צװיי הענד אויף די ערד די פֿאַרשמאַכטע,
און עס שעפּטשען די ליפּען אַ הימעלשע ברכה,
אַ שטילע, פֿון אונטער גאָט׳ס טראָן אַ געבראַכטע...

אַ ברכה פֿון טויען און רעגענס צוגיסט זיך
אין פּראַכטיגער לופֿט, דרינגט אַריין אין די שפּאַלטען,
קלאַפּט אָן אין די שויבען און אומעטום ברענגט זי
די ליכטיגע בשורה אין װינטער אין קאַלטען...

קיין מענטש אבער ווייס ניט פון דעם און ער הערט ניט,
און זעהט ניט דעם קאפּ מיט די ליכטיגע סודות.
און מעהר ניט אין וויעגען די קינדער, זיי שמייכלען,—
זיי ווייסען, זיי הערען, זיי זענען די עדות...

זיי האלטען פערבארגען דעם סוד, ביז דער פריהלינג
וועט ברענגען פול הויפענס און וועט זיי פערשפרייטען,
די ליכטיגע ברכות, אהן צאהל און אהן חשבון
אויף בערג און אויף טאלען, אויף לאנקעס און בייטען...

שניי.

1.

עס האט ווער געעפענט די אוצרות פון שנייען ביינאכט...
גאט'ס שליח, דער ווינד, האט גריסען פון צפון געבראכט,

און האט זיי צוהאנגען, די קאלטע, אויף בוים און אויף דאך,
די ערד איז פערדעקט מיט א ווייסען א זילבערנעם סכך.

די זון געהט ארוים אויפ'ן הימעל און צינדט אן די „ליכט",
וואס זענען אויף שטיבער און פארקאנס צוהאנגען געדיכט;

און ס'שפיעלען אין לופט זיך קאלירען פערשיעדען-ערליי:
ס'פראוועון ערד און הימעל דעם ליכטיגען יום־טוב פון שניי.

2.

הויך אין הימעל אויף א וואלקען־פאס א בלאען
שטעהט פון אייז אנ'אויסגעהאקטער טראן;
אויפ'ן טראן דארט זיצט דער האר פון שניי
מיט לאנגע ברעמען, ווייסע האָר.

און ארום זיין קאפ זיך דרעהען קראהען,
שווארצע קראהען, אייזען־שנאבלען. —
שווארצע קראהען דרעהען זיך אין רינג: קראַ־קראַ —
די משרתים פונ'ם האַר!

ס'גיט א ווינק דער האר און באלד —
עס פליהט א קראה און טראגט א ווינד: קרא־קרא,
און נאך א קראה — און טראגט א פראסט: קרא־קרא;
פערגליזוערט ווערט דער טייך, פערשטארט דער וואלד.

און די קראהען איבערן פעלד זינגען: קרא־קרא,
געליבט זאל זיין דער האר פון שניי,
א טויט־געזאנג דער ערד: קרא, קרא!

הויך אין הימעל, אויפ'ן וואלקען־פאס דעם בלאען,
אויפ'ן טראן פון אייז,
זיצט דער האר פון שניי מיט לאנגע ברעמען, ווייסע האר,
און בענשט דעם ווייסען יום־טוב'דיגען טויט...

3.

הויך אין הימעל, אויפ'ן אייז-טראָן,
זיצט דער האַר פון שניי פערטראַכט.
און די קראָהען, אייזען-שנאָבלען,
קעמען איהם די האָר בעזאָכט.

און עס פליהען זילבער-פונקען
פון דעם וויים-געראַקטען קאָפּ,
און דאָס שטיפערישע ווינטעל
טראָגט זיי שטיל אויף דער ערד אראָב.

און עס רוהט די ערד אַ ווייסע,
ווי אַ שטילע ווייסע טויב, —
און עס נידערט באַלד דער שניי-האָר
אין אַ זייל פון זילבער-שטויב.

4.

אין א זייל פון זילבער־שטויבלעך
פון דעם בלאָען וואַלקען־ראַנד,
געהט אראָב דער ווייסער שניי־האַר,
מיט א פּענזעל אין דער האַנד.

און ער געהט פון שטוב צו שטיבעל...
וואו א פענסטער, וואו א טהיר,
מאָלט ער קאַלטע צויבער־בילדער
און בעפּוצט מיט פּערעל־שניר.

נעכטען איז ער דא געוועזען,
האַט געמאָלט אויף אונזער גאַס:
מיט די קינדערלעך פון געסעל
האַט ער לאַנג געטריבען שפּאַס —

האַט געפיהרט זיי אויף א שליטעל,
אויף די גליטשען זיי געיאָגט,
האַט ביי אונז אין קליינעם שטעדטעל
אי גענעכטיגט, אי געטאָגט.

5.

שטיל אין פעלד. עס שלאָפט דאס ווינטעל,
נאר דער פראָסט אין העלען גלאנץ,
מיט די שטילע שניי־האָר'ס טעכטער
פיהרט א קארעראַד א טאנץ.

און די שנייען שעמערירען,
ווי קאלירטע צויבער־ליכט;
און זיי קויקלען זיך און שפריצען
העלע פארבען אין געזיכט.

ס'געהט די זון איהר וועג אין מערב,
און אין מזרח אויפ'ן שניי
שווימען נאך איהר גאנצע פאַסען,
פונקט ווי טייכלעך, ראָז און בלוי.

ווייטער, שפעטער, ראָזער, בלויער,
ביז די זון איהר אויג פערמאכט —
אין א טונקעל־בלאָען שליטען
פאהרט ארויס פון וואלד די נאכט.

6.

לאנגזאם פאהרט די נאכט פון ווינטער
איבער טיעף־פערשניימע וועגען...
אויפ׳ן פרייען פעלד אין ווייסען,
קומט דער שניי־האר איהר אנטקעגען.

אונטען פונקלען הימעל־שנייען,
אויבען — שטערען, ווי שטורקאצען, —
און ער נעהמט זי און ער פיהרט זי
נ׳ויינע אייזיגע פאלאצען.

לאנגזאם ציהען זיך די שעה׳ן,
הויך און פריש — פריהמארגען־טענער
קלינגען שוין אין וויימען געסעל,
עס בילען הינד, עס קרייהען העהנער,

און עס האט בעריהרט די שנייען
שוין די פום פון וואסער־טרעגער, —
נאר די ווינטער־נאכט — זי שלאפט נאך
אויפ׳ן ווייכען שניי־געלעגער.

7.

עס האט זיך די זון פון דער פריה ניט געוויזען:
עס האבען געפאנגען זי בלאָה־שווארצע ריזען,
וואס האבען די ערד מיט א שאָטען פערצויגען.

עס האט זיך דער שניי־האָר אין הימעל פערבארגען,
עס זענען בעפאלען איהם געטליכע זארגען
און האבען פערנעפעלט די ליכטיגע אויגען.

און ס'וואקסט פון דער רגע זיין טרויער, זיין צער:
עס וואקסט א בענקשאפט אין הארצען פון האָר...

8.

אַ ווילדער געדאַנק איז צייטיק געוואָרען —
עס האָט זיך צופלאַקערט דער געטליכער צאָרן :
ער האָט אויף דער ערד און זיין הערשאַפט חרטה.

ער כאַפּט פאַר׳ן קאָפּ זיך אַזוי ווי צושראָקען,
און רייסט אויף פּיץ-פּיצלעך די גרייז-גראָהע לאָקען,
און וואַרפט זיי מיט צאָרן : אַ מדבר זאָל ווערען !

ער האָט נאָך אַ בלאָז מיט זיין אָטהעם געגעבען,
פערלאָשען זאָל ווערען דאָס ליכט פונ׳ם לעבען —
ער האָט אויף דער ערד און זיין הערשאַפט חרטה !

עס שטורעמט, עס רעש׳ט דער ווינד אויף די דעכער,
די שנייאיגע בערגער — זיי ווערען אַלץ העכער,
און וואַקסען און וואַקסען...

עס טראגען אין לופט זיך מיט ווילדען געלעכטער
און וועבען תכריכים -- לילית׳עס טעכטער:
פאר גוס׳ענדע לעבענס...

תכריכים — זיי פאכען, ווי שד׳ישע פאהנעס,
די ליכט פונ׳ם לעבען זי שטעהט אין סכנות —
ס׳בענשט גומל די ערד אין דער שטיל — —
— — — — — — — — —

9.

א ליכטיגער פאס פונ'ם מזרח זיך ציהט:
עס האט פאר'ן שניי-האר זיך עמיץ געמיהט

און האט אויף דער ערד זיין רחמנות דערוועקט:
עס האט זיך דער שווערער נסיון געעקט.

און ווידער שוין ברענען די ליכט אויפ'ן דאך,
און ס'דרעהט זיך דער ווינד מיט א פרעהליכען לאך.

און ווידער אין פעלד, אינ'ם זוניגען גלאנץ,
שוין פיהרען די שנייעלעך א לוסטיגען טאנץ.

* *
*

מיט יעדער פערשמארבענער האפנונג
לעשט אוים זיך אין הארצען א שטערען,
ס'ווערט גרעסער אין מוח דער דלות,
אין די אויגען בלייבט ווייניגער טרעהרען.

מיט יעדער פערשטארבענער האפנונג
פאלט אב א שטיק גאלד פונ'ם לעבען,
עס קומט די פערצווייפלונג אין שווארצען
און זעצט זיך תכריכים שטיל וועבען.

מיט יעדער פערשטארבענער האפנונג
ווערט שטומער דאס ווארט און אנטשוויגען:
עס ווילט זיך ניט זאגען דעם אמת —
און ס'ווילט זיך ניט זאגען קיין ליגען...

* * *

איך צינד אן צוויי ליכט, רעכטס און לינקס פון מיין קאפ,
און גיס אן דעם בעכער פול שארפען געטראנק;
איך פיהר היינט צו קבורה מיין ליעבליכסטען טרוים,
איך פיהר היינט צו קבורה מיין שענסטען געדאנק...

איך רוים מיך היינט אב פון דער אייזערנער קייט,
איך רוים מיך פון לעבען אין פרייהייט ארוים;
איך טרינק אוים אפריהער דעם בעכער ביז דעק,
צוטרעט גלייך דעם בעכער, די ליכט לעש איך אוים.

און וויקעל זיך איין תכריכים׳דיג ווייס,
און שטארב א בעפרייטער פון מענשליכע זינד...
א „קדיש״ וועט בלייבען מיין קלינגענדיג ליעד,
א הספד וועט מאכען אין קוימען דער ווינד...!